STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01217

GEON YITSHAK

Jacob Lipschitz

Permanent preservation of this book was made possible by
Irwin & Marjorie Breitman
in memory of
the Jewish people of Chelm, Poland

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גְאוֹן יִצְחָק

די תוֹלָדָה (לעבענס־געשיכטע) פון רבנו הגאון הגדול
רשכבה"ג החסיד והענו כקש"ת

מוהר"ר יצחק אלחנן זצללה"ה

(האב"ד דק"ק קאוונא).

די צווייטע אויפלאגע

איבערזעצט פון ספר „תולדות יצחק" מיט פיעלע הוספות
(ספורים אמתיים).

צוזאמען מיט די תמונה של רבינו הגאון הצדיק אויך זיין אייגענע הייליגע האנדשריפט.

ממני המחבר

יעקב הלוי ליפשיץ מק"ק קאוונא.

ווילנא

בדפוס דוב ב"ר שאול ציוננזאהן,

תר"ע"ב.

ГАОНЪ ИЦХОКЪ
Біографія ковенскаго раввина Ицхока Элхонона.

Вильна, Типографія Б. Ціонсона. Трокская ул., д. 13.
1 9 1 2 г.

פאררעדע.

זא וויא השי"ת האט מיר געהאלפען אונ מזכה געווען צוא זיין בייא רבנו הגאון הגדול רבי יצחק אלחנן זצ"ל איין סופר ומזכיר זעכס אונ צוואנציג יאהר נאך דער רייהע, האבען מיך פיעלע נכבדים אונד קלוגע מענשען אויפמערקזאם געמאכט, צוא בעשרייבען דיא „תולדה" (לעבענס-געשיכטע) פון רבנו, אין איינער פון דיא העבראאישע צייטונגען אדער זשורנאלען. נאר דיא פאר־לעגונג איז אבער מיר ניכט זא אנגענעהם געווען, וויא דיא חכמים ז"ל האבען געזאגט אין „מדרש תנחומא": „מיר געפינען ניכט דאס הקדוש ברוך הוא זאל אנרופען זיין נאמען אויף צדיקים בייא זייער לעבען". אונ דארום זעהען מיר, דאס פון שטענדיג אן זיינען דיא „נקיי הדעת" פארזיכטיג געווען צוא בעשרייבען דיא לעבענס־געשיכטע מיט דיא שבחים פון דיא צדיקים בייא זייער לעבען. דער געדאנק אבער איז מיר געלעגען אין זינען פון דאן אן, אלס איך האב זוכה געווען צוא שטעהען פאר איהם אונ זיינע אויפ־פיהרונגען צוא בעטראכטען אונ אין אכט נעהמען אלע זיינע זיטטען אונ גאנגען אין דער הייליגער וועג, אונ איך האב מיר

פערצייכענט אללע זיינע ספורים און זכרונות וואס איז מיר פאר־געקומען און נאך זיין טויט האב איך זייא צוזאממען גענומען, גוט ערקונדיגט זיך וועגען זייערע ריכטיגקייט, איינגעארדענט מיט א בראנישען ארדנונג און צום דרוקק פערפערטיגט.

הערבייא האבע איך דיא עהרע מודיע צוא זיין, דאס איך בין זעהר, וויא ווייט עס איז נור מעגליך, פארזיכטיג געוועזן, פארשטעללענדיג זיין הויכין גייסט און זיינען און זיינע אללע מעלות, ריכטיג, וויא איך האב אלעס פאקטיש הערויסגעזעהן. — דיא ספורים האב איך דאס מעהרסטע טהייל פיעל מאל געהערט פון רביינו'ס מונד זעלבסט, מאנכע — מכבוד בנו מרן הגאון האב"ד שליט"א, און דאס קלענסטע טהייל — פון נכבדים וגדולים, אויף וועמעס ווערטער מען קאן טרויען און בויען.

אויסצוערצעהלען אללע טהאטען פון דעם צדיק יסוד עולם און זיין גרויסקייט אין דער תורה איז אין אזא חבור גאר אונ־מעגליך איינצושטעללען, דען פון זיין צעהנטען יאהר אן ביז זיין לעצטען טאג, אנ'ערך פון זיעבעציג יאהר, האבען דאך געוויס געטראפען פיעל ספורים און טהאטען וויא עס געביהרט אזא וויכ־טיגע און גרויסען גאון וחסיד בכל מעשיו; פיעל חדושי תורה להלכה, פיעל צדקה און גוטעס וואס ער האט געטאן מיט יעדעם איינציגען און מיט'ן כלל אין דיא פופציג יאהר צייט וואס ער איז געוועזן א פיהרער פון דעם גאנצען דור — ווער וויים עס, און ווער קאנן עס אויסערצעהלען? — דארום האב איך זיך בייא מיין פערפאסען דעם ווערק בעשלאססען, צוא ברייגנען נור דיא איינציגע ספורים פון וועלכע דער לעזער וועט זיך שאן אליין קאנען פארשטעלען און פערשטעהען זיינע איינענשאפטען און זיטטען. וויא א סוחר וואס צייגט פאר נור איינינע פראבען פאר דעם קויפער אום ער זאלל קאנען פון דיא פראבען פערשטעהען דיא רייכטהום און שיינהייט פון דעם גאנצען געשעפט, זא זיינען דיא ספורים, וועלכע ווערדען געבראכט אין דעם ספר — נור ביישפיעלע, פון וועלכע דער קלוגער און פערשטענדיגער לעזער וועט קאנען הערויסזעהען, וויא גרויס וואר זיין „אוצר יראת שמים“ (גאטטעס

 פורכט

פורכט), וויא ער וואר דיא קוועלע פון תורת החיים (לעבענס לעהרע), רעדליכקייט אונ זאנפטליכקייט, אונ וויא אלע יודישע קאסטבארקייטען אונ דיא סגולות פון אברהם אבינו'ס תלמידים האבען זיך אללע צוזאממען פערזאממעלט ביא רבינו.

אונ אלס איך האב איהם בעפאר (בשנת תרנ"ז) געדרוקט אין העבראאיש אונטער דעם נאמען „תולדות יצחק", אונ דאס ווערק האט זיך געמאכט זעהר א בעריהמטען נאמען, וויא מען זאגט — אין אללע ארבע פנות עולם, וויא עס איז בעוואוסט פון דיא רעצענזיעס (בקרת) אין דיא העבראאישע צייטונגען אין רוססלאנד אונ אויסלאנד, אויך אין דייטשע צייטונגען, בעזאנדערס אין „איזראעליט" (№ 15, 1897), וועלכער געהט ארויס אין מיינץ דורך דעם דאקטאר לעהמאנן, וואו מען האט איהם אלין צוא גוטען מבקר געוועזען, דאהער האבען מיר פיעלע אויפמערקזאם געמאכט זאגענדיג: „ווארום זאללען דיא געעהרטע לעזער פון אידישען פובליקום, וועלכע פערשטעהען ניט קיין העבראאיש געמיינערט וועהרען, ניט צוא וויססען דיא לעבענסגעשיכטע פון אזא גאון וצדיק, וועלכער האט ערלויכטען דעם גאנצען יודישען נאציאן מאראליש אונ מאטעריעליש? ווארום זאללען זייא ניט וויססען דיא ביאגראפהיע, זיטטען אונ מדות פון דיעזען בעריהמטען יודישען פארשטעהער"? — דארום אום צוא בעעהרען אויך אונזערע ברידער אונ שוועסטער, דיא זשארגאן לעזער, האב איך גענוממען דיא מיה אין גאנצען פרייא איבער צוזעטצען דאס ווערק אויף זשארגאן אום אללע זאלען וויססען דעם בעשרייבונג פון דעם גאון וצדיק, פון וועלכען מען קאן זיך אויך פיעל מוסר אונ מעשים טובים אבלערנען, איך האב דא אויך צוגעגעבען פיעל ריכטיגע אונ וויכטיגע ספורים וואס אין העבראאיש איז ניט געוועזען געדרוקט, אום מיט זיין ליכט צוא בעלייכטען אונזערע יודען, זייא זאללען זיך אבלערנען פון זיינע מדות אונ זיטטען, וויא מיר האבען שוין ערקלערט, דאס דיעזער ספר איז ניט נור א געוואהנליכע ערציהלונג, א געוואהנליכע ביאגראפהיע, נור אויך א „ספר המדות" „זיטטען לעהרער", דורך וועלכען יעדער לעזער וועט זיך קאנען לערנען וויא אויסצובעססערן

זַיינֶע מִדּוֹת, וִויא דִיא מְבַקְּרִים הָאבֶּען שׁוֹין בֶּעפֶעסְטִיגְט אוּנְזֶערֶע רֵייד, דָאס דִיעזֶער סֵפֶר אִיז אַ פְּרַאקְטִישֶׁער אוּנ זֶעהר אַווִיכְטִיגֶער מוּסַר-סֵפֶר, וָואס אִיז נוּטְצִיג אוּנ גוּט צוּא לֶעהרֶען יֶעדֶען אֵיינְצִיגֶען וָואס נֶעטְהִיג אוּנ גוּט אִיז. — דֶער זְכוּת פוּן רַבֵּנוּ זָאלל בַּיישְׁטֶעהֶען דִיא אַלֶלע יֶענִיגֶע וָואס וֶועלֶען זִיךְ פוּן זַיינֶע מִדּוֹת לֶערְנֶען, וִויא עֶס ווִינְשְׁט דֶער מְחַבֵּר

יעקב הלוי ליפשיץ.

קאוונא חמשה עשר בשבט התרנ"ח.

גאון יצחק.

א.

דער ציעל אונ דער תכלית פון דער ביאגראפיע

(לעבענס-געשיכטע).

אונזערע גרויסע בעריהמטע תלמידי חכמים, דיא אויסגעצייכענטע צדיקים וואס השי״ת האט זייא פערפלאנצט צווישען אונזער פאלק ישראל אין יעדען דור, כדי צוא דערהויבען דעם פאלקס גייסט, דורך זייערע הייליגע לעבענסלעהרע, צוא גוטע זיטען אונד טוגענד — אט דיא גרויסע מאנער אונ גאוניעם, בעזיטצען בײדע וועלטען צוזאמען, דען אויסער זייער גרויסען שכר אויף יענער וועלט (עולם הבא) זייען זייא אויך אונשטערבליך אויף דיעזער וועלט בייא אונזער עוויגען פאלק, דען דיא הייליגע תורה, וועלכע צייגט אונז וויא צוא לעבען אויף דער וועלט, ערלייכטעט אונד מאכט קלאר דאס פאלקס הערץ געניגט צוא זיין צוא גוטע מדות אונ מעשים טובים, בעלעבט זייא אויף דור דורות, וויא אונזערע חז״ל זאגען אין תלמוד ירושלמי: „אין עושין נפשות לצדיקים שדבריהם הן זכרונן" דאס הייסט: מען דארף ניט מאכען קיין אנדענקונג פיר צדיקים, דען זייער הויכער גייסט איז זייער אנדענקונג, דען וויא זייא האבען בייא דעם לעבען געלערנט דאס פאלק, אזויא בלייבען זייא אויך נאך דעם טויט דיא זעלביגע לעהרער צוא גוטעס, וויל זייער הויכער גייסט פערבלייבט אויף עוויג בייא דעם פאלק, אין דיא הייליגע ספרים וועלכע זייא האבען איבערגעלאזען, אין וועלכע זייערע געזיכטער שוועבט דא פאר אונז לעבעדיג, דאס אונז דוכט זיך אז מיר הערען עס פון זייער הייליגען מויל.

דער רמב״ם (הלכות דעות פ״ו) זאגט: „צריך האדם להתחבר לצדיקים ולישב אצל החכמים תמיד כדי שילמוד ממעשיהם", ד. ה. דער מענש דארף זיך בעמיהען צוא פעראייניגען זיך מיט צדיקים

(תולד׳ י הרי״א)

אונ

און תלמידי חכמים, כדי ער זאל פון זייא גוטעס לערנען. אויך זאגען דיא חז"ל (ברכות ס"ד ע"א): „גדולה שמושה יותר מלמודה", ד. ה.: „בעדינען א תלמיד חכם האט איין גרעסערע ווערטה אלס דער לערנען זעלבסט". דער געדאנק פון דעם איזט, וייל מיט דעם בעדינען איהם לערנט מען פראקטיש אלע זיינע גוטע זיטען און מעשים טובים, און מען טהוט איהם אלעס נאך, וויא דיא גמרא זאגט: „גדול תלמוד שמביא לידי מעשה", ד. ה. איין גרויסען ווערטה האט דער לערנען, וועלכער ברייגנט צום טהאט, נאר נאך גרעסער איז דאס וואס מען בעדינט דעם תלמיד חכם דען דאן זעהט מען איין ריכטיגעס בילד פון זיין פיהרונג און זיין ארט לעבען, וויא ער האט פון וויגעלע אן ביז אין קבר זיין היילינע צייט פערבראכט, און ווען מען בעמערקט עס אלעס בייא זיין לעבען אדער מען לעזט נאך זיין טויט זיין לעבענס – בעשרייבונג, איז גלייך וויא מיר וואלטען איהם בייא זיין לעבען זעלבסט בעדינט און זיך לערנען זיינע היילינע מדות, און אויסער וואס דיא ביאגראפיע פון צדיקים איזט נוטצבאר און וויכטיג פאר דיא פרומע וואס ווילען זיך אבלערנען פון זייערע מעשים און שטרעבען וויא זייא צולעבען, – איז אויך דיא ביאגראפיע נוטציג פיר אונזערע קינדער זייא זאללען, ערשטענס, וויסען פון אונזערע גרויסע צדיקים, זייער יונגעס הערץ זאל שטאלצירען דער מיט, און צווייטענס, זייא זאלען זיך אויך אויסלערנען ערהאבענע זיטען און גוטעס.

דען שוין בענאהע צווייא טויזענד יאהר צייט וויא מיר וואנדערן אן אלע אונזערע קרעפטין אום צוא דערהאלטען אונזער קיום (עקסעסמירונג), דאס מיר זאלען חס ושלום ניט אונטערגעהן אונד קענען ענטגעגענשטעהן אלע אויסערליכע רדיפות און אונטערדריקונגען אין פערשיעדענע לאנדער, און דאס גלייכען געגען אונזערע אייגענע אינערליכע דריקונגען וואס קומט בייא אונז פאר דורך אונזער לאנגען וואנדערן, מיר שטרייטען און קעמפפען פיר אונזער קיום, ניט מיט שווערדען און ביקסען, זאנדערן מיט דעם גייסט פון דער תורה, וועלכע איז דורך גאטעס השגחה פערבליבען בייא אונז וייל ער האט איהר איבער געלאזען אויף דיא הענד פון אונזערע צדיקים, זייא זאלען אויף איהר אכטונגגעבען און זארגפאלטיג אויסרייניגען איהר פון אלערלייא ווילדע אונקרויט און דארנער. דאס פאלק ישראל, וועלכעס איז ארום געפלאנצט מיט טהייערע דינים און שיינע מנהגים, וועלכע שטאמען פון בארג סיני, ערפילען אלעס וואס אין דער תורה שטייט: ליעבען, שאטצען און אכטען הויך דיא מענשען, וועלכע הויבען אויף דעם קרן של תורה. מיט איהר

(תולדות הרי"א) געהט

געהט אונזער פאלק דורך פייער און וואסער, און פער־ביטען ניט איהר הויכען גייסט אויף דעם נארישען לוקסוס און תאוות פון דער וועלט. פיעל מעהר אלס די גרויסע חכמים און העלדען פון די פארצייטיגע פעלקער, וואס האבען מיט זייער חכמה און גבורה געשטיצט זייער פאלק און לאנד, האבען אונזערע גרויסע לייט געטהאן דורך זייער תורה, צדקה און גוטהערציגקייט, אבוואהל מיר זיינען פערוואגעלט און פערפאלגט, צוא זייט און צוא שפרייט און אויער לעבען העננט אויף איין האר, דאך זיינען מיר אלע מאל א פאלק מיט פיינע זיטען און מיט שיינעם, הויכען מאראל. ביי אונז געפינען זיך אלערלייא וואהלטהאטיגע חברות צוא העלפען אונגליקליכע, ניעדערגעשלאגענע, און געפאלענע ברידער פינדען ביי אונז מיטלייד און שטיצע אין אלערליי קלאסען. ווער האט עס העריין געגעבען אין אונז זא איין הויכען גייסט, אזעלכע זיטען און מאראל — ווען ניט אונזערע צדיקים, די גרויסע תלמידי חכמים? מיט זייער תורה און פרומקייט האבען זייא אונז געדינט אלס איין לעבעדיגער אידעאל און האבען אויף אונז זא שטארק געווירקט, דאס אפילו די הארטהערציגע און שלעכט געזאנענע ווערען דורך זייער מוסר און קלוגע רייד ווייך און גוט געזיטעט.

די ביאגראפיעס פון צדיקים און תלמידי חכמים זיינען נאך זייער טויט אזויא גוט וויא אוועגווייזער, זייא ווייזען דעם פאלק די רעכטע וועג צום לעבען, די אידעאלען וואס מיר זעהען אין זייא, זיינען פאר דעם פאלק די רעכטע לעהרער, וועלכע לערנען נאך זייער טויט דעם מענשען וויא ער זאל זיך פיהרען און געהן אין דער זעלבער וועג, וויא עס שטעהט אין פסוק (דניאל י״ב י״ג): „ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד“, ד. ה. די צדיקים וואס לערנען דאס פאלק צוא גוטעס, לייכטען אויף עוויג וויא שטערן; ווארום וויא שטערן אין הימעל לייכטען, זא לייכטען די צדיקים פאר דעם פאלק מיט דער הייליגער תורה, און זא וויא די שטערן בע־לייכטען די נאכט מיט די ליכטיגקייט וואס זייא בעקומען פון דער זאנע, זא בעלייכטען די צדיקים נור מיט דעם ליכט און שיין וואס זיא בעקומען פון גאט'ס תורה און מאכען ליכטיג דעם פאלק די נאכט. ווען מיר בעטראכטען נור ערנסט און איינגעסט זייערע מערק־ווירדיגע לעבענס־געשיכטע, זא גרייפט אונז אן א ערנסט מאראלישער גייסט, וועלכער אדעלט אונזערע געפיהלע.

טהייערע לעזער! וועמען פון אייך איז ניט בעקאנט דער נאמען פון דעם גרויסען גאון, פון דעם יודישען שטערן אין אונזער דור — רבנו יצחק אלחנן זצ"ל, וועלכער האט געליעבט און ווארָ

געליעבט

געליעבט פון יעדעם קלאס מענשען אין אונזער פאלק? דערמאנענדיג זיין גרויסען נאמען פיהלט יעדער איד עהרפורכט אונ ליעבע צוא זיין נאמען. אין דיעזעם בוך געפינט איהר דיא ביאגראפיע פון דעם אויסגעצייכענטען אונטער אונזערע צעהנדליגע טויזענדער יודען, וואס האט געאפפערט זיינע יאהרען אונ קרעפטען אויף תורה, דין (רעכטסגעזעצע) אונ מעשים טובים. מיט גרויס פלייסס אונ אונגלויבליגע מיהע האט ער איהר געלערנט, געווען איהר איבערגעגעבען מיט זיין גאנצעם גייסט אונ הערץ, ביז וואנען זיא איז געווארען זיין גאנצער חיות.

זיין טיעפער שכל אונ זיין וויטזיכטיגקייט האבען איהם ערווארבען ענטשיידונגען אויף פיעלע אונערקלערטע אונ שווערע זאכען אין דער תורה, ער איז געווען וויא א פרישער קוואל, וואס נעמט זיך פון איהם ניעמאלס אויס דיא וואסער — וואס מעהר מען שעפט פון איהם קומט נאך אלץ צוא מעהר. ער האט אלעס קריטיש אונטערזוכט אונ אויסגעבעסערט, געפונען נייעס אין דער תורה, וועלכע זאלען נוטצען ברייגען דעם יודישען נאציאן אין פראקטישען לעבען. ער האט אויסגעארבייט איינעם סגנון (סטיל) אונ האט בעשאפען איינעם סיסטעם אין פלפול דאורייתא*) אלס פעסטזעטצונג צום פראקטישען לעבען, וויא מיר וועלען דא דערציילען. אין פערלויף פון זעכציג יאהר נאך דער רייהע האט ער אלעמען, וועלכע פלעגען זיך צוא איהם ווענדען פון אלע ענדען וועלט, אנטווארטען געגעבען אויף אלע שווערע פראגען אונ תורה-געזעטצע. פונפציג יאהר צייט איז ער געווען דער ערשטער אין דער וועלט אין תשובות להלכה (אנטווארטען אין דיא פעסט-געזעטצע) אונ פיערציג יאהר איז ער געווען דער רב פון גאנצען כלל ישראל, דער פונדאמענט אויף וועלכען דער מאראלישער אונ מאטעריאלישער לעבען פון יודישען פאלק האט זיך געהאלטען, ער האט זעלבסט זוכה געווען אונ מזכה את הרבים געווען, זיין שטאדט איז געווען איין אכסניא פון תורה, וואוהין עס פלעגען זיך צוזאמען קלייבען דיא בעסטע אונזערע יונגע מענשען הערען תורה פון זיין מויל ער אונ פלעגט זייא שטיטצען מיט וואס זיין הויכער גייסט האט איהם בעשאנקען. אונ דאדורך זיינען הערויסגעקומען גרויסע רבנים פאר אונזער פאלק.

זיין גרויסער בעריהמטער נאמען אונ זיין תורה וואס האט איהם בעוואוסט געמאכט אין אלע עקען וועלט, האבין איהם ליעבע אונ עהרענפורכט געפונען אין דער מיטטע פון אונזערע מילדע גבירים אונ פהילאנטראפען (מענשען-פריינד). אז זייא פלעגען נור דערהערען פון

איין

*) פלפול דאורייתא — שארפזיניגע אונטערזוכונג אין דער תורה.

(תולדת הרי"א)

אין יודישען אונגליק וויא שרפות ר"ל א. ד. ג., נור דורך זיין אין ווארט פלעגען זייא באלד שיקען זייער הילף, אונ דורך זיינע השתדלות באחרית ימיו איז איין געזאמעלט אונ צוטהיילט געווארען צווישען אונזערע געדריקטע יודען ביז א מיליאן רובל! דאס איז זעהר זעלטען אין אונזער היסטאריע פון דיא לעצטע יארהונדערט. פיעל יודישע אבגעברענטע שטעדט האט ער פון דאס נייע אויף געבויט; פיעל בתי מדרשים זיינען געבויט געווארען אונ פיעל ישיבות א. ד. ג. זיינען געגרינדעט געווארען אלעס דורך זיין הילף. ער איז געוועזען דער לעבענסקראפט פאר אונזער פאלק, וועלכע האבען זיך גענעטהיגט אין הילפע; ער איז געוועזען דער וועלט וועקער צוא העלפען יעדען ליידענדען אונ געדריקטען. זיינע גוטע טהאטען האבען איהם דורך געטראטען א וועג זאגאר צווישען אינו-יהודים, אויך דיא גוטע פון זייא פלעגען זיך פעראייניגען מיט אונזערע בני ישראל צוא העלפען אין א שווערע צייט דיא ארימע מענשען פון אונז. דייטליך קען מען זאגען, דאס ער איז געוועזען דיא זעלע וואס האט בעלעבט אונזערע טהייערע ברידער פון אלערליי קלאסען, נור זיין גייסט האט זייא צוזאממען גענומען אונ פעראייניגט, דאס זייא זאלען מיט זעמטליכען קראפט פערגרינגערונגען אונ וואהלטהאטען ערווייזען פיר אונזער פאלק, וויא גליקליך האט ער זיך געפיהלט ווען ער האט מיט זיינע אויגען געזעהן, דאס דורך זיינע השתדלות אונ מיה איז ערקלערט געווארען צוא גוטען דיא האנד-לונגען וועגען מלמדים, וועלכע האבען זיך געצויגען דרייסיג יאהר זעהר שווער! אויך דיא ערלויבניס צוא לערנען אין דיא חדרים דעם תלמוד, דיא זעלע פון תורה שבכתב וויא אויך עס זאל אונפערבאטען זיין דקדוק צוא לערנען אין דיא חדרים דאס אלעס האט ער, דורך דיא השתדלות פון אונזערע טהייערע יודען געפועלט ביי דיא דיעזיגע, אן וועלכע עס איז אבהענגליך געוועזען, אונ אויסגעפיהרט.

דיא אלע גראסע טהאטען מרבנו הגדול זיינען דער פונדאמענט צוא דער ביאגראפהיע וואס איך בעשרייב דא; זייא זיינען דער הויפט-צוועק פון אונזער ספר. איך לאז זאגאר דורך פיעלע קליינינ-קייטען, אבוואהל זייא זיינען אויך זעהר וויכטיג, אבער וואס בעדייטען זייא געגען דיא ערצעהלונגען וועלכע איך האב אנגענומען פיר דעם הויפט-צוועק פון ספר, וועלכע דיענען אלס גוטער זעלבסט לעהרער פון איהם זיך צוא ערלערנען עהרליך, גוט אונ פרום צוא לעבען!

(תולדת הרי"א)

ב.

באר יצחק.

בעפאר מיר וועלען בעטראכטען דיזען גרויסען ארז הלבנון (צעדער-בוים) וועלען מיר אבליק געבען אויף זיין יחוס, אונ דאצו וועלען מיר זיך אקעהר געבען עטוואס צוריק צוא זיינע פריהעריגע יאהרען, וועהרענד ער איז נאך געוועזען ווייניג בעוואוסט אין דער וועלט אונ מיר וועלען בעטראכטען אלע זיינע בעגעבענהייטען פון יענער צייט ביז וואנען ער איז מפורסם געווארען, לגאון, ולתפארת זא איינע שענע קראנע פיר אונזער פאלק.

אין דעם יאהר תקע"ז*, נייגצעהן יאהר נאך דעם וויא דער בעריהמטער ווילנער גאון החסיד ר' אליהו זצוק"ל איז נפטר געווארען איז אין דער שטאדט „ראש" (גראדנער גובערניע) ביא דעם דארטיגען רב, הרב הגדול הצדיק ר' ישראל איסר ב"ר אלחנן ז"ל אונ זיין ווייב דיא צדקנית מרת רחל ז"ל בת ר' יצחק ז"ל געבארען געווארען רבנו יצחק אלחנן זצ"ל. ר' ישראל איסר ז"ל, אונזער רבי"ס פאטער, איז געוועזען קלאר אלע פיער טהייל שולחן ערוך מיט אוואונדערליכע בקיאות אונ איז בעוואוסט געוועזען פיר איין גרויסען חכם, מען פלעגט איהם אפט פארדערן אין אנדערע שטעדט אויף דין-תורה'ס אונ יעדערער איז געוועזען צופריעדען מיט דעם אורטהייל, וועלכען ער פלעגט מאכען, צוא דורך א פשרה על פי יושר, אדער על פי דין, ער איז געוועזען איין אנהענגער פון דעם חסידעשען רבי הצדיק ר' חייקעל המדורער ז"ל, אונ נאכהער פון זיין זון הצדיק ר' שמואל ז"ל. אבוואהל אין „ראש" איז געוועזען איינער א תלמיד ביא ר' חייקלען ז"ל, וועלכער האט אויך געהייסען ר' שמואל אונ איז געוועזען זייער אנגענומען אין שטאדט, דאך איז הרב ר' ישראל איסר זצ"ל פיעל גרעסער אונד העכער געשטאנען אין שטאדט אונ אין איהרע געגענדען אלס ר' שמואל. — ביא דיזעם רב, זיין פאטער דער גרויסער למדן, האט זיך אונזער רבי יצחק אלחנן זצ"ל געלערנט תורה אונ יראת שמים.

פיער זאהנע האט זיין פאטער הרב הצדיק געהאט, דער ערשטגעבארענער (בכור) איז געוועזען ר' משה יוסף ז"ל, דער צווייטער ר' אברהם אהרן זצ"ל, א גרויסער גאון אונ א וואהרער צדיק, נאך

וועלכען

*) צום בעדויערן, האט רבנו זעלבסט ניט געוואוסט אויף ריכטיג זיין געבורטס-טאג.

וועלכען רבנו, זיין ברודער, פלעגט שטענדיג טרויערן אונ קלאגען, ריהמענדיג זיין גרויסקייט אונ פרומקייט. דיעזער האט קיין קינדער געהאט אונ איז יונגערהייט געשטארבען, וואריבער זיין עלטערסטער ברודער האט געמוזט זיין וויב דיא אלמנה געבען חליצה, דער איינגסטער יבדל לחיים, איז ר׳ יעקב דוד, וועלכער איז יעצט אין ארץ ישראל.

אויס בעשיידענהייט (צניעות, ענוה) אונ איינפאכקייט מיט וועלכע זיין פאטער הרב הצדיק האט זיך אויסגעצייכענט, האט ער זיך ניט געשטרעבט בעוואוסט צוא מאכען דעם נאמען פון זיין זאהן דעם עלוי; נור דורך איין צופאלל איז דער עלוי בעוואוסט געווארען, נאמליך: דער בעוואוסטער אונ בעריהמטער גאון, חכם אונ גביר הרב ר׳ משה ר׳ אורי׳ס זצ״ל פון קיידאן, פלעגט געשאפטסהאלב אפט קומען אין ווילקאוויסק אונ אין דיא דערביאיגע שטאדטליך אין יענעם קרייז. איינמאל האט זיך איהם פארגעשטעלט דער געלעגענ-הייט צוא דערוויסען זיך פון דעם יונגען דרייצעניאהריגען בחור׳ל. ער האט איהם געפרובט אין לערנען אונ איז פון איהם זעהר ענטציקט געווארען. ביא איין געלעגענהייט, דאריבער, האט ער איהם שטארק פערלויבט פאר דעם נכבד ר׳ ליזר יעזערסקי אונ זיין פרוי בלומע, אין ווילקאוויסק. זייא האבען פערשטאנען דאס אויף זא אזעלטענהייט וועט זיך געפינען פיעל בעלנים, דארום האבען זייא עס פיר זיך מיט גרויס פרייד צוגענומען אונ באלד איז דער דרייצעהניאהריגער עלוי געווארען א חתן מיט זייער טאכטער שרה-רויזע, זיין ערשטע טהייערע פרוי אונ מוטער פון זיינע אלע טהייערע קינדער. זיא איז איהם צוא הילפע געוועזען אין אלע קריטישע צייטען, וועלכע ער האט געאפפערט אויף לערנען אונ האט מקים געוועזען דיא תורה אין גרויס נאטה אין ארעמקייט, וויא אויך נאכהער, וואהרענד זיא האט זוכה געוועזען צוא זעהן וויא דיא תורה האט איהם ערהאבען אויף גרויסע רבנות ביז זיין נאמען איז אין דער וועלט זייער גרויס געווארען אונ זיא האט געלעבט אין פיעל נחת, גדולה וכבוד. זאגאר פאר דיזעם פארטיישליסונג (שידוך) אז ער איז נאך געוועזען 12 יאהר אלט האט איהם שוין אנ׳אנדערער געוואלט נעמען פיר איין חתן, נור וויל עס איז יענעם ניט בעשערט געוועזען אזא אוצר צוא קריגען, איז דער שידוך ניט געווארען צוא ליעב אגאנץ קליינעם צופאלל, נעמליך: ווען מען האט איהם געלאדען צוא דער כלה אונ אום צוא פרובען איהם אין לערנען זיינען אויך געוועזען געלאדען צוא זייא געעהרטע גאסט אונ גרויסע לומדים, האט מען נאטירליך פארבערייטעט זיך מיט פיינע כבוד אונ אויפ׳ן טיש איז געוועזען אנגעשטעלט פערשיעדענע קאנפיטורען אונ

מאנכערלייא זאפט. אונזער חתן אבער האט זיך אויף אזויא פיעל פערטיעפט אין פלפולים (דיספוטען) מיט דיא לומדים, הערייגלאזענדיג זיך אין שארפזיניגע פראגען אונ אנטווארטען, דאס ער האט גאר ניט בעמערקט, אז ער עסט מעהר וויא דער סטאט פארדערט, דיא כלה, אלעס צוזעהענדיג האט זיא איהם פעראכטעט אונ פערהאסט, איהר מוטער האט אויך צוא געשטימט צוא איהר, זאגענד, דאס זיא וויל ניט קיין אידאם וואס האט ניט קיין דרך ארץ! זא איז דיא פארטייא ניכט געשלאסען געווארען, ניכט זא אבער איז געוועזען דיא טייערע פרויא בלומע — וויא זיא האט זיך דערוואוסט פון דעם עלוי, אונ פון דיא אורזאכע צוליעב וועלכע דער שידוך איז ניט געווארען, האט זיא געזאגט: „זיין תורה איז טהייערער אונ זיסער פון אלע טהייערע זאכען“, אונ זיא מיט איהר מאן האבען זוכה געוועזען צוא האבען איהם פיר איין אידאם.

אלס ער איז שוין מעהרער יאהרען געוועזען רב אין קאוונא, פאהרענדיג איינמאל קיין ראש אויף קברי אבות, איז ער דורך געפאהרען ווילקאוויסק. מעהרערע פון ווילקאווויסקער איינוואהנער זיינען צוא איהם געקומען מיט עהרעפורכט בעטען, דאס ער זאל זייא בענטשען (זעגנען); זאמט מיט זייא איז געקומען איינע פעראונגליקטע פרוי אונ האט אויך זיין ברכה בעקאמען הגם ער האט אין איהר דער קאנט זיין ערסטע כלה (ברויט), וועלכע האט איהם פערהאסט ווייל ער האט זיך אונמאסיג געהאלטען בייא דיא קאנפעטורען! ....

זיין פאטער הרב הצדיק זצ״ל האט געלעבט נאך אונזער רבי׳ס הייראטהען (חתונה) 6 יאהר, נור זיין מוטער ז״ל איז געשטארבען 3 יאהר פאר זיין הייראטהען. — 6 מאנאטען נאך זיין חתונה האט ער אנגעפאנגען צוא נעהמען לעהרע (תורה) פון הרב הגאון ר׳ אלי׳ שיק זצ״ל, שפעטער לידער רב, אונ נור איין האלב יאהר האט ער בייא איהם געלערנט, אין ווילקאוויסק איז דאן געוועזען רב, הרב הגאון המפורסם ר׳ בנימין דיסקין זצ״ל, שפעטער הוראדנער רב, ער איז דער פאטער פון דיא בעריהמטע זין גאונים: הגאון אונ בעריהמטער צדיק ר׳ יהושע ליב בריסקער רב, וועלכער איז יעצט אין ארץ ישראל אונ זיינע ברידער הרבנים הגאונים, דיזער גאון ר׳ בנימין דיסקין, אויסער זיין תורה, זיין הויכען גייסט, זיינע טהייערע איינענשאפטען אונ מדות טובות, האט ער זיך נאך אויסגעצייכענט מיט ליעבע צוא ארדנונג אונ ריינליכקייט, וויא אין אויסערליכע זא אין אינערליכע זאכען, וויא איין וואהרער תלמיד חכם. ער איז געוועזען אייןווירקליכער אידעאל נאך דיא לעהרע פון רמב״ם ז״ל אין הלכות דעות, אונ רבנו, נאך אין זיין יוגענד, זייענדיג נאך אויף זיין שוויגער-פאטערס טיש,

האט

האט עס אלעס בעמערקט, אלעס פון איהם געלערענט, פעסט פארגענומען אונ פאראייגענט דיא אלע מדות טובות פון איהם. דורך דעם איז ער זעהר געפעלען געווארען דעם גאון ר׳ בנימין, אונ דארום האט ער איהם צוא גענומען צוא זאמען צוא לערנען מיט זיין זאהן הגאון ר׳ יהושע ליב א שעור פוסקים. איין האלב יאהר האבען זייא געלערענט שלחן ערוך חשן משפט צוויא שעה טאגליך.

אין דעם פערלויף פון דיא 6 יאהר וואס ער איז געוועזן אויף זיין שוויגער-פאטער׳ס טיש, חאט ער זיך איינגעפונען אין דער געזעלשאפט פון הגאון ר׳ בנימין דיסקין מיט זיינע קינדער דיא בעריהמטע גאונים אונ זיינע תלמידים דיא גאונים ר׳ ברוך מרדכי ליפשיץ, שעדליצער אונ נאוואגרודקער רב אונ ר׳ שבתי פיעסקער ז״ל, מיט וועלכע ער פלעגט זיך אונטערהאלטען אין וויסענשאפטליכע ערקלערונגען.

זייענדיג נאך אויף קעסט, אין ווילקאוויסק, האט איין געוויסער רייכער מאן באנקראטירט זיינע 300 רוביל נדן (מיטגיפט), וועלכע מען האט ביא דיזעם רייכען מאן איינגעלעגט. נאטירליך פלעגט זיין פרויא (דיא ערשטע ז״ל) איהר בעל חוב (שולדנער) ניט צוא רוהע לאזען, ביז ער האט איהר איינמאל געזאגט מיט כעס: „דיר וועל איך גאר ניט אנטווארטען — זאל דיין מאן קומען“! רבנו איז דאן רעכט פערטיעפט געוועזן אין לערנען, דיא פרוי אבער איז צוא איהם צוא געשטאנען ער זאל געהן צוא דעם בעל חוב, פיעלייכט וועט איהם געלונגען הערוים צוא קריגין עטוואס — ער האט אבער ניט מפסיק געוועזן (איבערגעריסען) זיין לערנען, אלס אבער זיא האט זיך וואס ווייטער מעהר געערגערט אויף רבנו אונ טהרערען האבען זיך פון איהרע אויגען געגאסען, איז איהר פאטער ז״ל הערייין אונ געפרעגט, ווארום וויינט זיא אונ ארגערט זיך אזויא? זיא האט פיר איהם אויסגעגאסען איהר ביטערעס הערץ אונ זיך בעקלאגט, וואס איהר מאן קימערט גאר ניט דער שאדען אונ אכטעט ניט איהר ביטע מיט איהרע טהרערען, איהר פאטער האט איהר פרייגעביג בערוהיגט מיט צווייא פעטש אונ געזאגט: זיין איינע זעקונדע לערנען איז ביא מיר טהייערער אלס דיא גאנצע נדן וואס איך האב אייך געגעבען“! — דיעזע וואונדערבארע געשיכטע פלעגט זיין פרויא דיא צדקניות זעלבסט ערצעהלען אין פריידען, וואהרענד רבנו איז שוין אין קאוונא רב געוועזן.

סמיכות (אטעסטאטען) אויף הוראה (ערקלערונג אין רעליגיאנספראגען) האט ער נאך אים יוגענד בעקומען פון דיא גאונים המפורסמים ר׳ בנימין דיסקין אונ ר׳ אייזיק טיקטינער ז״ל. זא וויא איהם איז שוין יעווען אונאנגענעהם מעהר צוא זיין אויף זיין שוויגער-פאטערס טיש האט ער אים יאהר תקצ״ז אנגענומען דיא ערשטע רבנות (ראבבינער

שטעלע) אין דער אונווייטיגער שטעדטיל זאבעלין, שבירות (געהאלט) האט ער בעקומען 5 פאלגשע גילדען (75 קאפייקען) איז איין וואך. נאכהער וויא ער האט גרויס חן (גונסט) געפונען האט מען איהם געהעכערט איין גילדען אין וואך. ער האט געלעבט, וויא מען קאן זיך פאר-שטעלען, אין גראס נאטה אונ מאנגעל, אונ דאך האבען זיינע דקדוקי עניות (גרעסטע ארמוטה) איהם ניט געשטערט פון צו אפפערן זיינע אלע צייטען אונ קרעפטען אויף זארגפעלטיגע לעהרע אונ דקדוקי סופרים (ליטעראטור). זיינע שוויגער עלטערן פלעגען איהם צושיקען אויף שבת חלה אונ פלייש אונ כמעט (בייגאהע) דורך דיא נעהרונגס-קראפט פון שבת האט ער קרעפטען געהאט צו לערנען מיט איינער אוננאטירליכע התמדה (פלייס) אין גרויס מאנגעל, אבער אין דיא לעצטע 2 יאהר אין זאבעלין זיינען זיינע שוויגער עלטערן ארעם געווארען אונ האבען שוין ניט געקענט מעהר זייער קליינע שטיצע שיקען. דער ארמוט אונ מאנגעל האבען געשטויגען איבער זיינע קרעפטין; נור דער חשק (אייפער) צו דער תורה האט איהם קרעפטין געשאפט צו בעזיגען אלע קער-פערליכע ליידען אונ געגעבען מוטה אין זיין גוטעס צארטעס הערץ צו קעמפפען געגען זיינע נאטירליכע בארעמהערציגקייט צו אלעמען אונ נאך מעהר צו זיין צערטליכע פאמיליע, ער זאל קענען צוזעהן דיא הייסע טהרערען וועלכע זיין פאמיליע האבען געגאסען פאר איהם אויס גרויסע ליידען אונ הונגער. רבנו זעלבסט האט מיר דערצעהלט מיט דיזע ווערטער: „אין מיין איינגע צייט אין זאבעלין, ווען דער הונגער האט מיך געמאנגעלט, דיא פרוי אונ הויזגעזינד פלעגען פאר מיר קלאגען אויף זייער שיקזאל אונ פאדערן זייער בעדערפניסע אונ איך האב בייא זיך ניט געהאט קיין געלד אונ אין מיינע געדאנקען קיין עצה — דאן פלעג איך זיך אומווענדען מיט דער גמרא צום וואנד אונ זיך שטארק פערטיפין, לערנענדיג מיט א ניגון אויף מיין הויכער שטימע פיעל שטונדען אהנע אויפהער, מאנכעמאל ביז צוואנציג שטונדען אין איין מעת לעת, בייא זיך אין הויז אונ זא האב איך פעריאגט פון מיין זינען מיין אונמוטה, אהנע צו הערען אונ וויסען וואס אין הויז איז געשעהן". יענע שלעכטע צייט מיט אלע איהרע ליידען האבען אויף איהם איין עוויגען איינדרוק געמאכט, דאס אימער, שוין אין זיינע גוטע צייטען, ווען ער האט זיך נאר דערמאנט, פלעגט ער זיפצען פון טיעפען הערץ, אבער דאך האט ער גאנץ גוט געוואוסט דאן, דאס ניט לאנג וועט ער מיט זיין תורה קענען עקסעסטירען — „אם אין קמח אין תורה" — אהנע נעהרונג גיבט אויך קיין תורה, האבען אונזערע אלטע חכמים געזאגט, דארום האט ער זיך בעשלאסען, צו לאסען זיך ערקאנען פאר דיא בעריהמטע גרויסע רבנים פון יענע צייטען אונ מאכען א רייזע צו דעם בעריהמטען

גאון ר׳ יעקב, דער פערפאסער פון „משכנות יעקב“, אין קארלין. ניט לייכט אבער האט ער אזא רייזע געקאנט פארנעהמען, דען אויסער רייזע-קאסטען וועלכע האבען איהם געפעהלט, האבען איהם אויך אנשטענדיגע קליידער אויסגעפעהלט, איבערהויפט א שענע סאבעלנע שטריימעל, אהן וועלכער עס וואר אונמעגליך צוא קומען פאר גרויסע לייטע. עס האבען זיך געפונען גוטע לייטע וועלכע האבען אויף איהם רחמנות געהאט אונ האבען איהם געליהען בגדי כבוד, איין רייכער בראנדווין-ברויער האט איהם געליעהען זיין שטריימעל. ער איז געקומען אין קארלין, אבער אהנע איין קאפייקע. עס וואר פרייטאג ער איז באלד צום רב הגאון געגאנגען אונ האט איהם געפונען זיצענ-דיג ביים טיש צוזאמען מיט נאך 2 גרויסע רבנים, איינער הגאון ר׳ משה הירש ז״ל פון אנטיפאליע (דער פאטער פון דאקטאר ראבינאוויץ אין פאריז), דער צווייטער הרב הג׳ ר׳ טודרוס, קארלינער מורה-הוראה, איין וויכטיגער טיעפער למדן אין ש״ס אונ פוסקים, אונ דער גאון מחבר ספר „משכנות יעקב“ וויזט זייא אין דיזעם ספר דיא תשובה, וועלכע ער האט געאנטווארטעט דעם גאון ר׳ דוד לוריא ביחאווער ז״ל, זייא אלע זיינען אזויא פערטיעפט געווען אין תורה, דאס זייא האבען גאר ניט אין אכט גענומען דעם אורח, וואס וואר נאך דאן „בלא חתימת זקן“ — אהן א סימן פון א בארד, אונ ער זעלבסט האט ניט געוואגט צוא געהמען זיך פלאטץ אונ זעטצען זיך, אבער אלס ער האט גוט צוא געהערט זייער פלפול, האט ער געפאסט מוטה אונ צוגעהענדיג צוא זייא געהענטער, האט ער געזאגט: רבותי! אייער גאנצער ערקלע-רונג איזט דאך דייטליך אין „חלקת מחוקק אבן עזר סימן ס״ה!“ דיא רבנים, זייען ערשטוינט געווארען דאס הערענדיג פון זא איין יונגען מאן אונ האבען איהם בכבוד שלום געגעבען, געבעטען זיטצען אונ געפרעגט: ווער? אונ פון וואנען איז ער? — אלס ער האט זיך געלאזט ערקענען אז ער איז זאבעלינער רב, האט דער רב הגאון זיך דערמאנט אז מיט אייניגע וואכען פאר׳הער האט ער בעקומען א וויכטיגע שאלה וועגען א דין פון א בכור (געדרוקט אין „באר יצחק“ סימן כ״ה) מען האט גלייך געעפענט אונ געפונען אין „חלקת מחוקק“ וויא דער גאסט האט געזאגט, בכבוד גדול האבען זייא איהם געזעצט נעבען זיך, אונ אזויא רעדענדיג האט מען זיך פערטיפט אין א שווערען תוספות, רבנו אבער האט וואנדערבאר אלע שוויריגקייטען הערראב גענומען. זייא האבען דער-זעהן, דאס גאר אונגעריכט איז צוא זייא געקומען זא איין גראסער מאן א יונגער גאון. דער רב הגאון אב״ד האט איהם באלד געלאדען צוא זיך אויף שבת. אונ ביידע גרויסע רבנים האבען איהם בעגלייט ביז זיין אכסניא, צום בעוואונדערונג פון דער גאנצער שטאדט, וועלכע

האט גערוישט, זאגענדיג: דער ליטוויששער קליין-שטעדטעלדיגער יונגער רב, וועלכער איז היער געקומען איז זא איין גרויסער גאון, דאס אונזער בעריהמטער רב, דער בעל „משכנות יעקב" איז פון איהם ענטציקט געווארען. באלד האבען איהם בעזוכט דיא גרעסטע לייט פון שטאדט אונ יעדערער האט געוואונשען אונ געבעטען בעעהרט צוא זיין איהם צוא האבען ביי זיין טיש אויף סעודות של שבת. דער גביר ר' חיים עכשה"ס האט דיא זכיה געהאט איהם צוא האבען ביי זיך שבת אבענד. מיטטאג אונ סעודה שלישית האט איהם דער רב אב"ד פון זיך ניט אבגעלאזען, אונ דאן זיינען אלע לומדים פון שטאדט צום רב געקומען הערען פון דעם יונגען גאון וואונדערליכע חדושי תורה.

דריא וואכען האט ער פערבראכט ביא דעם רב הגאון אין קארלין, דען זיין סארט לערנען איז איהם זעהר געפעלען געווארען אונ האט אויף אונזער יונגען גאון א ווירקונג געמאכט. דיא רייכע לייט זיינען איהם בעהילפיג געווען בדרך כבוד, דאס ער איז צוריק גע-פאהרען העכסט צופרידען, ערמונטערט, מיט א גרויסען נאמען אונ מיט פיערציג רובל — איינע סומע וועלכע פערגלייכט זיך מיט זיינע יאהריגע שכירות אין זאבעלין! דער בעל „משכנות יעקב" האט איהם שוין גוט אין זינן געהאט אונ באלד וויא דיא שטאדט בארעזא האט זיין ראטה געפרעגט, וועמען זיא זאל פיר איין רב נעהמען, האט ער געגעבען זיין ראטה אונ בעפעהל צוזאמען, ניט אנדערש וויא דעם זאבעלינער רב צוא נעהמען, אלזא איז אונזער זאבעלינער יונגער רב אנגעקומען קיין בארעזא פיר איין רב אים יאהר תקצ"ט בערך, אונ האט זיין וואונש ערדייכט צוא האבען דארט א גאנצען רובל שכירות א וואך! — מיר האבען פון זיין הייליגען מונד געהערט דעם שפאס וואס איז איהם פארגעקומען, דען אין זעלטענע רוהע-צייטען פלעגט ער ליעבען זיינע מקורבים לוסטיג צומאכען מיט ספורים פון זיינע יונגע יאהרען, איינמאל האט ער אונז פאלגענדעס ערצעהלט: „מען האט מיך אמאל פון זאבעלין געבראכט אויף א דין תורה אין פאראזאווא אונ איך האב זייא זעהר צופרידען געשטעלט, האבען זייא ביא מיר געפרעגט: וויא פיעל שכירות פערלאנג איך זייער רב צוא ווערען אין פאראזאווא? איך האב געפאדערט 10 פאלנישע גולדען א וואך, זייא אבער האבען געזאגט, דאס זייא קענען מעהר וויא 8 ניט געבען. איך פון מיינער זייטע האב שוין אפילו פון מיין פרייז איין גולדען הערא בגעלאזען — זייא אבער מיט איין ווארט: זייא קענען מעהר וויא 8 ניט געבען. אלזא ניט מושוו-ווערענדיג בין איך ווייטער פערבליבען אין זאבעלין. נאך איינינע יאהר אלס איך בין שוין אויף ביעשוויזער רבנות געזעסען אונ דווקא אויף 4 רובל א וואך, דורך פאהרענדיג איינמאל פאראזאווא

 אויף

אויף אַ גרויסער דין תּוֹרָה, האָט מיך בעזוכט אַ פּאַראַזאַווער שטאָדט־פיהרער און האָט מיר געזאָגט: „רבי, ווען איהר וואָלט אונז געפּאָלגט און פערבליבען פיר 8 גילדען אַ וואָך, וואָלט איהר דאָך געוועזען און געווען בייא אונז רב עד היום!“....

אַ געוויסער ר׳ יוסילע לייפּציגער איין בעריהמטער למדן מופלג, אַ גרויסער נדבן און דער גרעסטער בעל דעה אין באַרעזע, איז זעהר ניט צופרידען געוועזען וואָס רבנו איז געוואָרען באַרעזער רב, ווייל ער איז נאָך געוועזען דאַן צו יונג. ער האָט אפילו געמוזט שווייגען, ווייל ער האָט ניט געקענט געהן געגען דעם בעפעהל פון דעם בעל „משכנות יעקב“, קאַרלינער רב; אין הערצען אָבער איז ער זעהר ניט צופרידען געוועזי, דאָך, געגען זיין אונצופרידענהייט, האָט ער אין איניגע טעג אַרום ווי רבנו איז אָנגעקומען קיין באַרעזע בעזוכט איהם אין הויז. ער האָט דעם צו יונגען רב אַ וויכטיגע פראַגע אין לערנען געפרעגט, רבנו אָבער האָט איהם באַלד געאַנטוואָרטעט: די קשיא איז דאָ אין ספר „קרבן העדה“ אויף ירושלמי, אַ תירוץ אָבער האָט ער איהם איין איינענעם געזאָגט. דער ר׳ יוסילע איז זעהר ענטציקט געוואָרען און געזאָגט: פיעל רבנים האָב איך שוין די קשיא געפרעגט — קיינער האָט מיך בערוהיגט מיט איין ריכטיגעם תירוץ, ווי איהר, רבי! ער איז זעהר צופרידען און פרעהליך צו הויזע געקומען און באַלד איין פּאָלעם אויבען געפּאַקעס ווייס ברויט, היהנער און נאָך אַזעלכע זאַכען געשיקט כּתנות צו רבנו. פון דאַן אָן האָט ער איהם שוין געליבט, געשעצט און געעהרט.

אין באַרעזע האָט ער אָנגעפאַנגען צו שיינען און וואָס ווייטער איז ער אַלץ גרעסער און בעוואוסטער געוואָרען, דען הש״ת ליעבט דעם צדיק און ערלייכטעט זיין וועג ער זאָל געהן און בעלייכטען אַנדערע ווי דער פּסוק זאָגט: „ואֹרח צדיקים כּאור נגה הולך ואור עד נכון היום“ (משלי ד׳ י״ח) די וועג פון צדיק איז ווי די ליכט פון מאָרגען־שיינונג, ער בעלייכטעט אַלס מעהר און מעהר ביז ער לייכט ווי די וואָהרע טאָג ליכטיגקייט, דען אַזוי בעלייכטעט ער די וועלט ווי די זונען־שיין, יעדער זאָל פון זיין ליכט געניסען. — דאָרט אין באַרעזע האָט זיך דאַן געגרינדעט אויף דעם בעפעהל פון די רעגירונג, דער שאַכטע. די אַרבייט וואַר שווער און דויערינג ווייל די ערדע איז דאָרט זומפּפיג. די פּאַדריאַדציקעס (ליפעראַנטען) האָבען דאָרט זייער קאָנטאַר בעשטימט. זייא מיט זייערע פּריקאַזציקעס (פערוואַלטער) בוכהאַלטער און קאַסירער זיינען געוועזען זעהר אָנשטענדיגע לייטע, רייך און געבילדעט. איבערהויפּט זיינען דאָס מעהרסטע געוועזען גרויסע לומדים, און דאַן וואַר נאָך דער כּבוד התורה גרויס און די תורה איז געוועזען

בייא

ביא יעדער יודען זיין כבוד-גראד, דען לויט זיין גרויסקייט אין דער תורה וואר ער געשעטצט אונ געאכטעט. אויך דיא רייכסטע קויפלייטע אונ פאדריאדציקעס האבען אויסער זייער פאלק קיין כבוד ניט געזוכט אונ מיט קיין אנדער זאך זיך ניט גערידהמט אונ געעהרט אויסער וויא מיט דעם וויסען אונ פערשטעהן דיא תורה, וועלכע וואר זייער גאנצער פערגניגען אונ זייער גאנצער שטאלץ, אלזא פלעגין אויך דיא פאדריאדציקעס וען זייא זיינען נור פרייא געוועזען פון געשעפט, קומען צום רב אין הויז פערברייגען מיט איהם אין פלפולים אונ געניסען פערגניגען פון זיינע חדושים אין ש"ס אונ פוסקים. צווישען זייא איז גיוועזען הרב הגביר הנכבד ר' טובי' בראמסאהן אונ הרב החכם ר' אידל שערשעווסקי, וועלכער איז געוועזען ביא זייא דער בוכהאלטער, איבערהויפט איז געוועזען דארט איין זעלטענער גרויסער למדן אגדול בתורה, אפאדריאדציק ר' נחום קאלטענאנער פון זאמוט, וועלכער איז געוועזען ענטציקט פון אונזער רבי'ס ארט לערנען. ער האט איהם געשעטצט העכער פון אלע גדולים אין יענער צייט אונ פלעגט אלין זאגען פאר אלעמען, אז עס איז וועניג מבינים דא אויף דיזען יונגען רב'ס תורה, דער ר' נחום איז געוועזען זעהר געשעצט אונ פלעגט אימער מיט זיינע קאלעגעס בעזוכען דעם רב אונ אונטערהאלטען זיך מיט איהם אין „תורה" אונ מיט פערגניגען בעוואונדערין זיינע חדושים אונ דערביא פערברייגען וויא אויף א סעודת מצוה. דיא פאדריאדציקעס פלעגען דאן זיין פרייגעביג אונ פלעגין איהם בעשייקען מיט „פלאטינעס", דאס וואר איין זילבערנע בעוואוסטע מטבע פון 3 רובל דאן. אונ אזויא האט ער אין בארעזע צוזאמען געקליבען אייניגע הונדערט מטבעות, מען האט איהם שוין אויך געפאדערט אויף דין תורה'ס, פשרות אונ ברירות פון הערומיגע שטעדט צום ביישפיעל מאלץ, אנטיפאליע א. ד. ג. אין בארעזע האט ער געשריבען דיא בעריהמטע תשובה ח' אין זיין ספר „באר יצחק", פיעל גרויסע רבנים זיינען פון דער תשובה ענטציקט געווארען, הרב הגאון ר' זלמן רוזינויער אונ זיין פאטער דער גאון ר' אלחנן ז"ל האבען איין רייזע געמאכט צוא איהם צייגען זייער דאנקבארקייט פיר זיינע ליכטיגע חדושי תורה צום דין.

נאך מעהר איז זיין נאמען פערגרעסערט געווארען, פון דעם גט אונ דיא הרשאה (ערלויבנים), וועלכע האבען איהם געבראכט צוא א סכסוך אין אדין מיט דעם בעוואוסטען גרויסען גאון אין זיין דור ר' אייזיל שאוולער רב ז"ל, דיא געשיכטע וואר זא: אונזער בעוואוסטער ר' נחום קאלטענאנער האט בעהויפטעט אז רבנו האט זיך גענומען מסדר צוא זיין א גט פיר דעם ר' נחום'ס שוואגער אונ שיקען דעם גט נאך שאוועל, רבנו, וויא ער איז געוועזען דאן

פערטיפט אין לערנען דעם „טור אבן העזר", האט ער מסדר געווען דיא הרשאה לויט וויא דער טור שרייבט, ניט אכט גע-בענדיג אויף דאס, וואס דיא אחרונים זיינען משיג (קריטעזירען) דיא דעה פון טור. וויא דיא הרשאה נאך'ן נוסח פון טור איז געקומען פאר דעם גאון ר' אייזיל שאוולער רב איז ער אויפגערעגט געווארען אונ געזאגט: „אך! וויא וואגט זיך דאס איין יונגער קליינם שטעדטעלדיגער רב מסדר צוא זיין א הרשאה לויט דעם נוסח פון דיא ראשונים, ניט וויסענדיג דאס דיא פוסקים אחרונים זיינען געגען דעם נוסח!" ער האט באלד צוריק אבגעשיקט דעם גט צוזאמען מיט דער הרשאה, אונ האט בעפעהלען, דאס זייא זאלען געשריבען זיין וויא מען ברויכט, לויט דיא מיינונגען פון דיא פוסקים אחרונים, אונ צוא ר' נחום קאלטענאנער האט ער בעזאנדער געשריבען, דאס דער בארעזער רב איזט א אינו יודע בטיב גטין וקדושין, ד. ה. ער האט ניט פאלקאם ערלערנט דיא וויכטיגע דינים פון גטין אונ קידושין, אונ דארום טאר ער ניט בעשעפטיגען זיך מיט דיא זאכען.

דיא רבנית, עליה השלום, וויא זיא האט דיא שרעקליכע נאכריכט געהערט האט זיא געוואלט פערבארגען פון איהם דיא געשיכטע וועניגסטענס איינגע טעג, אום איהם ניט מצער צוא זיין אונ ניט שטערען איהם פון שמחת יו"ט (שבועות); אויך האט זיא זיך געפירכטעט, 'מען זאל זיך אין שטאדט ניט דערוויסען, דאס שאוולער גאון האט פסול געמאכט דעם גט פון זייער רב אונ האט איהם פערבאטען מסדר צוא זיין גיטין, דען, דאס ערקונדיגענדיג זיך, וועלען זייא איהם מעהר פאר ארב ניט וועלען האלטען, אבער רבינו האט באלד געפיהלט אז דא איז פאראן א געהיים וועלכין מען פערדעקט פון איהם אונ האט אנגעפאנגען עס צוא דערגיין ביז ער האט דיא זאכע ערפאהרען, ער האט זיך אבער אויסגעלאכט אונ געזאגט: יא, איך ווייס גוט דיא השגות פון דיא אחרונים — דער בעל „גט מקושר", דער „בית מאיר" אונ ז. וו. אבער ביא מיר איז שון לאנג זייערע השגות רעכטלאז געגען דיא וויכטיגע רייד פון טור, אונ האט באלד געשריבען צום שאוולער רב, איינגע טעג פאר שבועות, אלע זיינע וויכטיגע רייד וועלכע צושטערען דיא השגות פון דיא אחרונים אויפ'ן טור. דאצו האט ער אויך געשריבען דאס ער אײלט דיא תשובה צוא שיקען צוא זיינער עהרע פאר יום טוב, אום דאס זאל איהם זיין צוא שמחת יו"ט, אלס כבוד תורתו וועט זיך איבערצייגען דאס דער גט איז ניט מסודר פון איינעם אונ-וויסענדען בטיב גטין וקדושין, אונ זא איז געשעהן: דער גרויסער

גאון אונ צדיק ר' אייזיל זצ"ל האט באלד געאנטווארטעט אונזער רבי'ן מיט וויצע, זאנפטע רייד אונ איהם אבגעגעבען זיין טיטול „הרב הגדול", א גרויסער טיטול אין יענע צייטען, דאך האט ער געוואלט מיט ערווייזונגען איבערצייגען איהם, דאס די השגות פון די אחרונים אויפ'ן טור זיינען וויכטיג. רבנו אבער האט איהם באלד ווידער געאנטווארטעט מיט וואונדערליכע בעווייזונגען וויא פעסט עס איזט דער נוסח פון טור, דא האט ר' אייזיל דערזעהן די גאונות פון רבנו, האט ער איהם שוין געאנטווארטעט בכבוד גדול אונ בעעהרט מיט'ן טיטול „הרב הגאון" וועלכער ווער דאן זעלטען אין אלגעמיין — נאך מעהר בייא א יונגען מאן, אונ צוא די גרויסע שאוולער לומדים זיינע מקורבים האט ער געזאגט: „אה! איך האב יעצט אנ'עסק מיט א גרויסען גאון איין לעווע (ארי שבחבורה)", אונ האט באלד געשריבען צוא רבנו, איבערבעטענדיג איהם אויף דעם וואס ער האט אנפאנגס פוגע בכבודו געוועזן, דאן האט דער שאוולער גאון זעלבסט מפרסם געוועזן די גרויסקייט פון רבנו, אונ זיין נאמען איז שוין בעוואוסט געווארדען.

דער גרויסער למדן אונ גביר, אונזער ר' נחום קאלטענאנער וועלכער האט אימער געטראכט וויא רבנו זאל דערהויבט ווערדען אין א גרויסע רבנות וויא איהם פאסט, דערזעלבער ר' נחום, וועלכער האט געזאגט, דאס ניט פיעל מבינים זיינען דא אויף די גאונות פון רבנו, — דערזעלבער האט געפונען די געלעגענהייט וויא זיין וואונש אויס צוא פיהרען, ער האט איינעגע מאל געמאכט א רייזע קיין ניעשוויז צוא דעם בעוואוסטען חכם, דאקטאר קיסעלעווסקי, וועלכער איז געוועזן בייא דעם גראף ראדזיוויל הויז־ארצט, נאכהער וויא דער גראף האט איהם געשיקט שטודירען אונ איז געקומען צוריק דאקטאר מעדיצין. דער קיסעלעווסקי אויסער זיין גרויסען טאלענט אין מעדיצין איז געוועזן א חכם, א למדן אונ א נדיב אונ בעליבט בייא אלעמען, דארום איז ער געוועזן פון די העכסטע געשעטצטע אין ניעשוויז, אונ פאר איהם, אזויא אויך פאר אנדערע נכבדים האט דער ר' נחום זעהר בעריהמט דעם בארעזער רב פיר זעהר א גרויסען גאון, אונ וויא ער איז אויסער די גרויסקייט אין תורה, אויך מיט אללע בעריהמטסטע מעלות פון א תלמיד־חכם, אונ ניעשוויז האט איהם העריין געשיקט א כתב רבנות אין בארעזע, דיעזע אבער האבען זיך פעסט געהאלטען ניט צוא לאזען זייער רבי הערויספאהרען זא דאס ר' נחום האט געמוזט הערויסגנב'נען דעם רב בייא נאכט. ר' נחום האט די היילינע גנבה געמאכט דורך דעם מלמד פון

זיינע קינדער, וועלכער איז נאכהער געווארען אופיגער רב. אויסען שטאדט האט מען אונזער בארעזער רב העריין געזעצט אין א וואגען געשפאנט מיט צוויא גוטע פערד אונ געפאהרען ניט מיט דער גראדער וועג, נור דורך פעלדער אונ וועלדער, כדי מען זאל איהם פון דיא בארעזער בעלי בתים ניט בעפאלען אין וועג. דאס איז געווען אין דיא גרויסע פרעסט, פרשה משפטים. הונגעריג, פער־פרארען, קוים מיט'ן לעבען איז ער העריין אין א קליינער שטיבל, וועלכע איז געשטאנען אין וואלד וואו עס האט געוואהנט א שאפער, וועלכער איז געווען א למדן. פערוואונדערט, קוקענדיג אויף רבנו, ניט וויסענדיג ווער דאס איז, האט ער איהם געפרעגט: „וויא קומט זא איין עדעלער מאן אין וואלד, אין מיטען נאכט, אין זא א שרעקליכען פראסט?" ער איז שטארק צוגעשטאנען ביז ער האט בעקומען פון רבנו א קורצען אנטווארט, דאס ער פאהרט אויף ניעשוויזער רבנות, דאן האט דער שאפער שטארק אנגעפאנגען איהם צוא מוסר'ן: וויא וואגט זיך דאס זא איין יונגער מאן גאר פארצושטעלען זיך פיר ניעשוויזער רבנות?! ביז רבנו האט איהם געאנטווארטעט: זעהעט, איך בין יעצט הונגעריג אונ פערפרארען, גיט מיר עטוואס זיך צוא ערקוויקען אונ צוא זיך צוא קומען, דאן וועל איך כח האבען צוא הערען אייער מוסר! — דיעזער שאפער איז נאכהער געווען א ניעשוויזער איינוואהנער אונ ווען ער פלעגט זיך געפינען בעעהרט אונ בעגליקט צוא זעהען זיך מיט רבנו, פלעגט ער שמייכלענדיג אבער מיט הערץ פלאנונג זיך מתודה זיין אויף זיין פערברעך, וואס ער האט איהם אונבעקאנט דאן בייא זיך אין שטוב מוסר געזאגט. רבנו איז באלד וויא ער איז געקומען קיין ניעשוויז דארט רב געווארען, דאך זיינען נאך געווען איינע גרויסע נכבדים, וועלכע עס איז ניט געפעלען געווען זא איין יונגער מאן וואס האט נאך כמעט ניט קיין חתימת זקן (א צייכען פון א בארד) זאל זיין זייער ניעשוויזער רב, איבערהויפט איז געווען איין אפענטליכער געגנער אגרויסער נגבד אין שטאדט, בעוואוסט מיט'ן נאמען ר' שמעיה׳ו וועלכער האט ניט געוואלט געבען זיין חתימה אויף'ן כתב רבנות זאגענדיג: „צוא דען איין אלטער מאן וויא איך וועט זיך דארפען שטעלען פאר זא איין יונגען מאנציק?!" דאס קאן אין ניעשוויז ניט זיין!" כדי צוא בערוהיגען דיא געגנער, האבען זיך דיא לומדים פון שטאדט, וועלכע זיינען זיכער געווען אין דיא גאונות פון רבנו, אויסגעקלערט איין עצה. דאס מען זאל גאר ניט נעמען אין אכט וואס ער איז זא שוין היער רב אונ מען זאל איהם גוט פרובירען אין תורה. רבנו, וועלכער זיין גרעסטער אונ בעסטער פערגניגען איז אימער

* (תולדות הרי״א)

געווען

געווען בעשעפטיגט זיך אין תורה, און אויך זיבער זייענדיג, דאס ער האט זיך ניט צו פירכטען, פיעלייכט וועט ער בעזיגט ווערדען, האט זיך גאר ניט געפונען בעליידיגט פון שטעלען זיך צו פראבע. דארט זיינען דאן געווען יונגע לייט גרויסע חריפים ובקיאים, ד. ה. שארפזיניגע און געניטע אין תורה, וועלכע אין א פערלויף פון איינגע צייטען זיינען זעלבסט געווארען גרויסע בעוואוסטע רבנים גאונים — זיי אלע צוזאמען האבען זיך בעוואפענט מיט טיעפע און שארפע פראגען, (קושיות) און האבען מיט איהם געשטריטען ווי העלדען אין תורה גאנצע צוויי וואכען; רבנו אבער האט זיי אלעמען בעזיגט ביז זיי האבען זיך איבערצייגט, דאס ווי פיעל זיי האבען געהערט פון זיינע גרויסקייט איז'ס נאך קיין העלפט ניט ערצעהלט פון זיינע גאונות. דאן האבען שוין אלע נכבדים אויך דערקאנט, דאס דיעזער יונגער מאן מיט דעם אונבעוואכסענעם בארד ד. ה. בלא חתימת זקן — איז א זקן ווי די חז"ל דרשה'נען אויף דעם ווארט: זקן – שקנה חכמה, וועלכער האט שוין ווי אנ'אלטער תלמיד-חכם ערווארבען חכמה. און זיי אלע האבען זיך אונטער געשריבען אויפ'ן כתב רבנות. אויך זיין גרעסטער געגנער ר' שמעי' איז געקומען איהם איבער בעטען און אונטערשרייבען זיך אויפ'ן כתב הרבנות, ווארינבער עס איז דאן אין ניעשוויז הערום געגאנגען דער וויטץ, בעצויגען אויף דעם מאמר פון גמרא – משמיא (שמעי') אוקמיה ליה לרבנו. — פון הימעל איז רבנו אויף געשטעלט געווארען.

אלזא איז ער ניעשוויזער רב געווארען אין יאהר תר"ו. שכירות האט ער גענומען 4 רובל א וואך, וואס דאן האט עס געהייסען גרויסע שכירות. רבנו איז געווען זעהר צופרידען מיט דער שטאדט און מיט פערניגען געפיהלט ווי אלע זיינען פון איהם העכסט צו-פרידען און בעעהרען זיך דאמיט וואס זיי האבען זוכה געווען איהם פיר א רב צו האבען. 4 יאהר איז ער דארט געזעסען גאנץ רוהיג און געלערנט טאג און נאכט אהנע שטערונג, ביז עס איז אויף איהם אויפגעשטאנען א שטן זיין רוהע צו צושטערען — איינער י"פ וועלכער האט איהם אנגעקלאגט ד. ה. געמסרט וועגען אין „השלשה" (איינגעלייגטע געלד), וועלכע רבנו האט הערויסגעגעבען צוואר כדין; דער מלשין אבער האט איהם אנגעקלאגט, דאס ער האט איבערגעטראטען די געזעטצע, און ער פלעגט אלע חודש מוזען פאהרען נאך קאברין שטעלען זיך פאר די געריכט. דאן האט איהם די נאוואהרודאקער געמיינדע פערשפראכען צו בעפרייען פון דיעזען שלעכטען עסק און זיי האט ווירקליך געלונגען זייער פערשפרעכען און זיין וואונש צו ערפילען. דארום האט ער אנגענומען זייער ביטע און האט פער-

שפראכען צוא ווערען רב אין נאוואהרודאק. אלס דיא ניעשוויזער האבען זיך דער וואוסט, דאס דיא נאוואהרודאקער ווענדען אן אלע קרעפטען צוא בערויבען פון זיא זייער רב, האבען זיא שוין זייגע שריטטע געהיט אונ האבען ניט צוגעלאזען קיין מענשען אויף וועלכען מען קאן א פערדאכט האבען דאס ער איז געשיקט הערויב צונעמען זייער קראנע פון קאפף. פיעל מיה האט איהם געקאסט ביז ס'האט איהם געלונגען צוא געפינען איין עצה וויא הערויס צוא פאהרען שטילערהייט, אונבעוואוסט פון ניעשוויז אונ איז געווארען אין נאווארודאק רב אין יאהר תרי"א, כ"ח אייר. אין דעם זעלבען טאג (כ"ח אייר) איז ער געווארען רב אין קאוונא נאכהער אין יאהר תרכ"ד.

צוויא גלייכע צופאלע זיינען איהם פארגעקומען, אין זיין אנקומען קיין ניעשוויז אונ אזויא אויך נאכהער אין נאוואהרודאק: פאהרענדיג פון בארעזא אין ניעשוויז האט דער פוהרמאן זיך אבגעשטעלט אבצורוהען אין אגאסט-הויז (קרעטשמע). וויא פערשטענדליך, האט רבנו אפילו אין וועג אויך געליבט בעשעפטיגען זיך אין תורה, וויא דיא תורה בעפעהלט — „ובלכתך בדרך" — געהענדיג אין וועג ברויכטטו אויך דענקען אין תורה; אונ אבוואהל ער איז געוועזען זעהר מידע פון דיא זייטיגע שלעכטע וועגען דורך וועלכע ער איז געפאהרען געהיים וויא אפליכטלינג, אבורח, וויא מיר האבען שוין ערצעהלט, דאך האט ער געבעטען עפעס א ספר, דער בעל המלון האט אבער קיין אנדער ספר אויסער דעם סדור דרך החיים פון ליסער רב ז"ל ניט געהאט. אויך גוט! — צום ערשטען בליק האט זיך אויפגעמישט דיא דינים פון קריאת התורה. געוואהנליך האט ער אלע דינים גוט בעטראכט, אויף מארגען אלס ער איז אין ניעשוויז געקומען אונ איז הערייין אין א בית מדרש, איז גראדע פארגעקומען א שאלה אין א דין פון קריאת התורה, רבנו האט באלד געזאגט וויא מען זאל זיך נוהג זיין, דא האבען דיא לומדים געפונען אנ'ארט, וויא דער שטייגער איז, מפלפל צוא זיין זיך יעדערער מיט א בעזונדער סברה פון פוסקים ראשונים אונ אחרונים אונ אויפ-וייזען פערקעהרט וויא רבנו האט געזאגט מען זאל טהון. זעלבסט פערשטענדליך, דאס רבנו האט בעהויפטעט מיט זיינע וויכטיגע סברות אז מען ברויכט זיך נוהג זיין וויא ער זאגט, אונ וויא זייא האבען שוין ניט געקאנט מעהר שטרייטען מיט איהם האט זיך איינער אבגערופען: נא מיר זעהען אין דרך החיים סידור! דארט האט מען אבער געפונען וויא רבנו האט געזאגט — דאן איז געווארען איין ענדע פון דיא פלפולים. — אונ זא איין ארט צופאל איז איהם אויך פארגעקומען אבפאהרענדיג פון ניעשוויז קיין נאוואהרודאק.

ער איז דאן אויך געפאהרען וויא א בורח, געהיים, אונ וויא זיין שטייגער איז געוועזען אימער, אז בעפאר ער האט זיך געזעצט פאהרען פלעגט ער איינקוקען אין א ספר כדי צוא האבען אין זינן אנ׳ענין צוא טראכטען אונ דענקען, האט ער דאן צופעליג איינגעקוקט אין א תוספת, וויא פערשטענדליך איז, האט ער דיא גאנצע וועג געדענקט, געקלערט אונ הערומגענומען מיט זיין ברייטען אונ טיעפען פערשטאנד דעם גאנצען ענין אונ גמרא מיט אלע מפרשים. אויף מארגען וויא ער איז געקומען אין נאוואהרודאק בכבוד גדול אונ אלע גרויסע לומדים האבען איהם בעזוכט, האבען זייא גראדע, צום בעוואונדערן, אנגעפאנגען מיט איהם מפלפל צוא זיין אין דעם זעלבען ענין וועלכען ער האט דיא גאנצע וועג געקלערט. עס איז לייכט צוא פערשטעהן, דאס אפילו אין א טיפען ענין אין וועלכען ער האט פאהער ניט געדענקט אונ געקלערט וואלט ער דאך אויך בעוויזען גאונות, — אונ וויא נאך אז איהם איז פארגעקומען דער תוספת, וועלכער דיא „השגחה“ האט פיר איהם פארגעבראכט אין איהם צוא דענקען, אונ צוא געפינען דעם וואהרען פאלען זינן! אלע לומדים זיינען ערשטוינט געווארען פון זיינע גאונות, אונ דיא גאנצע שטאדט האט אויפגעקאכט ביז אלע האבען מיט איין שטימע געזאגט, דאס זייא האבען ניט געזעהן זא איין גרויסען גאון וויא רבנו.

ג.

איבער זיין תורה אונ זיינע מדות.

וויא מיר זיינען דא געגאנגען אין דיא שריט פון רבנו, בעטראכטענדיג זיין שטייגען אין רבנות אין דרייא שטעדט, פון איין קליין שטעדטיל ביז אגרעסערע אונ נאך אגרעסערע פאר דיא פאריגע, אונ מיר האלטען שוין וויא רבנו איז שוין רב אין נאוואהרודאק אונ זיין נאמען איז שוין מפורסם אין דער וועלט, מוסען מיר יעצט עטוואס אבהאלטען פון זיין היסטארישע שטייגונג אונ בעטראכטען לויט אונזער קליינעם בעגריף זיינע כוחות הנפש (זעלע אייגענשאפטען) — זיין האבען גייסט אונ זיינע ערהאבענע מדות — נאכהער וועלען מיר קומען צוריק צוא זיינע היסטארישע שטייגונג אונ צוא זיינע גרויסע מעשים טובים.

בעטרכטענדיג, לויט אונזער שוואכען בעגריף, זיין ברייטען אונ

טיפען פערשטאנד, אונ פערנונפט אין תורה, מוסען מיר נאך מעהר בעוואונדערן בעטראכטענדיג זיינע פיעלע אונ וויכטיגע טהייערע חדושים, וועלכע האבען ליכטיג געמאכט דיא אויגען פון דיא גרויסע יודישע וועלט אין אלער ארט שאלות אין א פערלויף פון 60 יאהר אין וועלכע אויסער זיינע פיעל תשובות (אנטווארטען) וואס ער האט זעלבסט מסדר געוועזען ד. ה. איינגעארדענט אונ געמאכט גרויסע וויכטיגע חבורים (ספרים), וועלכע זיינען אנגענומען געווארען פון אללע וועלט-לומדים אונ מורי-הוראה צווישען דיא גאנצע וועלט יודען — אויסער דיא אלע וויכטיגע חבורים, זיינען נאך דא פיעל תשובות וועלכע זיינען נאך ניט פעראָרדענט צום דרוקען, — דאס אללעס האט דאך געטאהן דער רבא דעמא, דער גרויסער רבי פון זיין פאלק, זייענדיג אויך דער מ ד ב ר נ א דאומתא, דער פיהרער פון זיין נאציאן! דען וויא גרויס עס איז געוועזען זיין קראפט אונ מאכט אין תורה-זאכען אויף וועלכע ער האט געאָפפערט אלע זיינע צייטען צוא אנטווארטען נאהענטע אונ ווייטע אין תורה — אזויא איז אויך גרויס געוועזען זיין קראפט אונ מאכט צום בעשעפטיגען זיך אין אלע בעדערפניסע פון דער גאנצער פאלק בכלל ובפרט צוא זארגען פיר יעדערן זייא ער נאהענט אדער ווייט, אונ קיינעם ניט צו ענטזאגען; פיר אלעמען געזארגט — געטהון פיר ארמע אונ רייכע טראטץ דאס וואס ער איז דיא לעצטע יאהרען געוועזען זעהר שוואך, דיא אויגען ניט אין גאנצען געזונד, זעהר שוואך געאטהמעט אונ ער פלעגט גאר מוסען פיעל צייטען בייא טאג אונ נאכט שפאצירען אויפ'ן פרייעם לופט, ווייל דיא לופט אין שטוב איז איהם שווער געוועזען. דיא הויז איז געווען טאג אונ נאכט פול מיט פערשיעדענע מענשען, נאהענטע, ווייטע; דיא פראגען שאלות, דיא פאדערן ערקלערונג אין תורה, אין צרכי-צבור, אין שטאדט בעדערפניסע אין פאלקס ענינים; דער פרעגט א נ'עצה, דער וויל פון איהם א ברכה, דער קומט אונ וויינט ער זאל פיר איהם מתפלל זיין, דער ביטעט פשוט שטיטצע — דיא גאנצע שטוב רוישט פון פיעל מענשען, דיא הערויס אונ דיא העריין, אונ ניט איינער פון דיא אלע ארויס אונגעזעהן איהם אונ אונגעשפראכען צוא האבען מיט איהם ביז זיין צופריעדענ-הייט, קורץ — בייא זא איין שוואכען קערפער איז אוננאטירליך זא איין שטארקער גרויסער גייסט, וועלכען מען קאן הערויסזעהען פון זיינע גרויכע ערהאבענע ווערקע אונ טהאטען, וועלכע ער האט געווירקט אונ געטאהן פיר דיא הייליגקייט פון דער תורה אונ פיר דיא וועלטליכע פאלקס בעדערפניסע וועלכע ער האט אויך זייא אין הייליגען יודישען וועג געפיהרט. מיט איין פורכט דער הייליגקייט

זעהען מיר אין איהם די ווירקליכקייט פון דברי התלמוד (מ"ק י"ז): אם הרב דומה למלאך ד' צבאות יבקשו תורה מפיהו — ד. ה. נור אז דער רבי איז אהנליך מיט זיינע ריינע ווארהייט און היילינקייט צו איין גאטטעס ענגעל, דאן קאן מען פון איהם זוכען די ווארהייט פון דער תורה, מיר מוסען דאצו בעטראכטען און ערקלערען די זעלע-קרעפטען פון רבנו, זיין ערהאבענעם גייסט, זיינע טהייערע מדות טובות, די אלע אייגענשאפטען דורך וועלכע ער האט זוכה געווען און מזכה רבים געווען מיט זיין תורה און זיינע וויכטיגע ווירקונג אין יודישער וועלט.

ד.

זיין ענוה.

דולדען און ליידען אלעס פון יענעם, זיינען די בעווייזונגען פון צוויא זאכען — פון דער בעסטער מדה „ענוה" דעמיטהיגקייט און אויך פון דער ערגסטער — „שפלות", ד. ה. נאטירליכע ערנידערונג, אורטהיילען, אב דער מענש וואס דולדעט און פערליידעט יענעם איז א ענו אדער, אומגעקעהרט, א שפל קאן מען נור וויסענד דעם כלל, דאס ענוה, די וואהרע דעמיטהיגקייט שטערט ניט צו דעם עהרע געפיהל; דער וואהרער ענו קאן זיך ריכטיג מיט אלע זיינע אייגענשאפטען, פעהיגקייט און קענטניסע, מיט זיין גרויס פערנונפט און פערשטאנד און דאך בעטרעפט ער ביא זיך זעלבסט ניט, שטאלצירט ניט צופיעל, דולדעט און פערליידעט אלעס פון אלעמען אבער זא איין ענו, וויא גרויס זיין ענוה איז, קאן נור דולדען ווען מען בעריהרט זיין אייגענעם כבוד, אבער ניט ווען מען בעריהרט דעם כבוד פון זיין נאציאן און פון דער תורה. — דער שפל, דער בזוי, אבער דולדעט יענעם אויס נאטירליכע ערנידערונג, גאר אהנע מאס, ווייל ער האט קיין עהרענגעפיהל, ער קאן ניט אייגענע מעלות, ער פערשטעהט ניט און פיהלט ניט קיין מענשליכקייט און ווייס זאגאר ניט וויא זיך צו שעטצען ווער רעדט שוין צו שעטצען דעם כבוד פון דער תורה און פון דער גאנצער פאלק!

די מדה „סבלנות", ד. ה. דער דולדען און ליידען, פון רבנו איז געווען אונבעשרייבליך, ער האט געדולדעט, געטראגען, געליטען קאלטבלוטיג אלערלייא מיהע, לאסט און צאנק פון טויזענדער

פערשיעדענע מענשען כמעט אלע טאג, אלע ווילע און אלע צייטען;
מען האט אויף איהם געווארפען א זעלכע סארטען לאסט, וועלכע
עס איז גאר ניט זיין פפליכט געוועזען צו טראגען און מיט וועלכע
מען האט גאר ניט קיינע רעכט געהאט צו בעמיהען אפילו א יונגען
מאן וועלכער האט פיר זיך איבעריגע צייט. פיעל פערשיעדענע
מענשען האבען איהם פערשאפט ליידען און קרענקונג, פארדערונדיג
פון איהם ער זאל זיי שאפען הילפע דורך זאלכע וועגען און
מיטעלן, פון וועלכע עס וואלט א שוידער העריבער הערענדיג,
ווען מען וואלט עס פערלאנגען פון אנ'אנדערין, זייער אפט זיינען
צו איהם צוגעשטאנען אונגליקליכע מענשען מיט געוואלט אום
הילפע צו בעטען. ס'האבען זיך געפונען זאלכע וואס האבען
געוואגט צו בענוטצען שענדליכע און געפעהרליכע מיטלען איהם
צו דריקען ער זאל זייערטוועגען טאהן וואס ניט רעכט און ניט
גלייך איזט, מאנכע מאל האט מען איהם שרעק פערשאפט כדי ער
זאל פון גרויס מורא זייער וואונש ערפילען און ער איז ניעמאלס
נתפעל געווארען און האט זיך ניעמאלס אויפגערעגט; ער האט ניט
בעוויזען קיין כעס, קיין פאראיבעל נור גלייכגילטיג געוועזען און מיט
ווייכע זיסע רייד פלעגט ער זיך פערטהיידיגען און זיי אלעמען
איבערבעטען איינצושטילען זייער צארן זא וויט, דאס פיעל אר-
דענטליכע לייט פלעגען איהם אפט בעוואונדערן, און פערדרוס
האבען זעהענדיג וויא דער כבוד התורה ווערט דורך זיין הנהגה
וויא פעראכטעט, ביז מען האט געקאנט אורטהיילען דאס זיינע
סבלנות, זיין ליידען און דולדען, איז ניט פון וואהרע ריינע ענוה,
נור פון ערנידערונג, אויס פעהלער דעם עהרע-געפיהל; אבער דיא
אלע פערשטענדיגע מענשען וועלכע זיינען מיט איהם שטענדיג
צוזאמען געוועזען, אדער דיא וויטיגע לייט, וועלכע האבען מיט
איהם א פערבונד געהאט אין תורה אדער אין אנדערע זאכען — זייא
האבען איהם גוט געקאנט און געוואוסט וויא גרויס זיין עהרע-
געפיהל וואר און דער דולדען זיינער איז גראדע אויס וואהרע ענוות,
וויא דער חסיד שטעלט פאר אין ספר „חובת הלבבות“ (שער הכניעה
פ"ב): „אלס דער מענש ערקאנט זיך מיט זיין טהייערע זעלע, מיט
זיינע גוטע זיטען און וויסענשאפט אין תורה וחכמה, און וויים דאס
ער שטעהט העכער אלס אנדערע, און דאך איז ער געדולדיג און
אונטערגעבען — דאן איז ער אויף דיא העכסטע שטופע פון וואהרע
ענוה“, און רבנו צוואר ער האט ערקאנט ביי זיך וויא האך
געשעצט און גרויס ער איז אין תורה און אין אלער ארט הוראה,
דען וויא ער האט ערקלערט מיט זיין גראדען און טיעפען שכל

איז

איז עס געוועזן די ריכטיגע וואהרהייט פון דער תורה און דער ריכטיגער דין און אויך דאס פון דער גאנצער וועלט ווענדעט מען זיך צו איהם מיט שאלות ותשובות און פיעל אנדערע וויכטיגע זאכען; און אזויא אויך צוואר ער האט זעהר געפיהלט אלע קרענ־קונג וועלכע ער האט געהאט פון אלע סארטין מענשען אין אלע ארטין צופעלע וואס זיינען איהם פארגעקומען אין זיין לעבען און יעדען בעריהרונג פון מענשען וואס איז געגען איהם געוועזן האט ער זעהר געפיהלט — ; אבער דורך זיין וואהרער מדת ענוה און אונטערגעבונג וויא דער חסיד בעל חובת הלבבות פארדערט, האט ער אלעס געדולדעט, געטראגען און מוחל געוועזן פון טיעפען הערצען יענע אלע וועלכע האבען איהם געקרענקט און צו־ווידער געוועזן. — איך זעה איינמאל וויא צו איהם קומט הערייִן אן אורח ער האט איהם עמפפאנגען מיט כבוד און ליעבע אויפ'ן שענסטען ארט, מיר האט געלונגען אויסצופארשען פון רבנו ווער דער גאסט איז, ער האט מיר ערצאהלט די אלע צרות און צופאלע וועלכע האבען איהם געבראכט צו קאנען דיעזעם מאן און וויא פיעל יסורים און אנגסט ער האט פון איהם געהאט און וויא נור דורך זיין ליידען און דולדען אלעס פון דיעזעם מאן איז ער צו איהם גוט און טרייא געווארע, זא ריידענדיג זאגט רבנו צו מיר מיט אגוטהערציגען שמייכעל, גאר אהנע א שום פערדריסליכע מינע: „ווייסט איהר, ר' יעקב! פון וועמען האב איך ניט געליטען אין מיין לעבען?!" ער האט מיר ערצעהלט אלע פערשידענע קרענ־קונגען וועלכע ער האט געליטען פון מענשען אין אלע שטעדטע וואו ער איז רב געוועזן, איך בין נתפעל געווארען בעמערקענדיג וויא אלע אונאנגענעהמע צופאלע וואס איהם האט געטראפען אין א פערלויף פון 70 יאהר שטעהן איהם פאר זיינע אויגען, זא וויא זייא וואלטען ערשט געסטערען געשעהן, זייא האבען אבער קיין שפור שנאה אין זיין רייִנעם הערץ איבערגעלאסען, יא, רבנו האט אלע זיינע געגנער קיינע שלעכטעס געוואונשען, אויך קיין שנאה אויף זייא געטראגען; אבער וויא די גמרא זאגט (ברכות י"ט): "אז די הימלישע השגחה מאנט אויף די עהרע פון א תלמיד חכם", האבען מיר געזעהן, וויא געגען זיין ווילען, האט איהם די השגחה געוויזען זיינע פיינדע בעשטראפט געווארען, און ער, אויסער זיין צער זעהענדיג די הימלישע בעצאהלונג פון זיינע שונאים, האט ער זיך נאך בעמיהט מיט אלע קרעפטען צו בעגי־טיגען זייא, געלייגט אויף זייא גרויס רחמנות און האט פאר זייא געבעטען, זייערטוועגען געשריעבען וויא פיר די בעסטע טרייע גוטע

(תולדת הרי"א)

פריינד, אונ מיט'ן גאנצען הערצען געזוכט צוא טהון חסד ואמת וואהרע גנאדע, מיט זייערע פאמיליען וועלכע זיינען הילפלאז געבליבען. פון זיינע סבלנות, ליידען אונ טראגען, וויא דיא נאטירליכקייט פון ריינע וואהרע ענוה, וועלין מיר ערצעהלען נור איין וואהרע סצענע פון נאך הונדערטער אזעלכע: אין איינע פון דיא לאנגע ווינטער נעכט, אין חודש טבת, אום אוהר 12, איז ער געזעסען אונ געדרעמעלט, זיינענדיג מידע פון דעם גאנצען טאגיקען לערנען, תשובות שרייבען, אונ נאך אזעלכע הייליגע ארבייט. מען האט איהם אויפגעוועקט צום אבענדם ברויד, אום ער זאל נאכהער רוהען געהן, אלס ער האט נור געוואשען דיא הענד אונ געמאכט המוציא איז דיא הויז פול געווארען פון א מענשען איבערשוועמונג. איין גאנצע געמיינדע פון פארשטאדט פון יענער זייט טייך ווילייא, מיט גרויס צאנק, געפילדער אונ שטורם פון פלוכען איינער דעם צווייטען, זייער רב פאלגען זייא ניט — דארום זיינען זייא דא בעפאלען, רבנו זאל זייא דעם רעכט זאגען, אבוואהל דאס איז ניט זיין בפליכט זייא אנצונעמען אונ ניט דאן איז דיא צייט, אונ ניט מיט אייניגע צהנדליגע אונארטיגע מענשען איז מעגליך צוא שפרעכען צוא דער זאכע. זייא האבען גערוישט, געמאכט גרויסע פארברייטונג צוא געשלעג, יעדערער לייגט זיך הערייבער מיט'ן גאנצען קערפער אונ ציהעט זיך אויס איבער'ן טיש אונ קריכט הערייין דעם רבי'ן אין געזיכט מיט זיינע אלע טענות, וואס דיא הענד מיט דיא בעזע אויגען האבען אויכגעדריקט מעהר וויא זיין מויל, דיא גאנצע פאמיליע זיינען פון טיש ענטלאפען, איבערלאזענדיג דעם עסען — דאך איז רבנו גאר ניט פערדריסליך, אבער מיט זאנפטע ווייכע רייד האט ער וויא נור מעגליך איז געוועז זיך בעמיהט צוא בערוהיגען זייא אונ בעווייזען וואס רעכט איז — נור ווען איינער איז הערויס געשפרונגען אונ געזאגט: „רבי! אב עס וועט ניט זיין זא וויא איך, וועל איך איהם ווייזען וואס איך קען — איך וועל איהם מלשין זיין!" דאן האט רבנו זיינע הענד אויף יענעמס פלייצעס הערויף געלעגט אונ געזאגט מיט זיין זיכען נגון פון לערנען: מען טאר ניט מלשין זיין! מען טאר ניט מסר'ן! אונ זא יעדערען ווער עס האט זיך נור בעריהמט מיט מסירה פלעגט ער איין ליבען קלאפ אין שולטער געבען אונ זינגען איהם: דאס טאר מען ניט — עס איז פערבאטען! שעות זיינען פאראיבער; זיין הויזגעזינד וועלכע איז אהנע עסען שלאפען געגאנגען, האבען שלאפען אויך ניט געקאנט, דען דיא געשרייען האבען דורכגעדרונגען דורך דיא ווענט פון זייערע שלאף ציכערן, מיר זיינען אלע שוין פון געדולד הערויס אונ געוואלט הערויסטרעטען געגען דיא אלע

פרעכע קריגער, וועלכע שטערען דיא רוהע אונ שוינען ניט דיא עהרע פון רבנו, אבער רבנו האט אונז ניט געלאזען הערויסטרעטען אפילו מיט איין ווארט. מיט זיסע ווייכע רייד אונ מיט גרויס געדולד האט איהם געלונגען צוא מאכען זייערע אלעמעס שטיינערנע הערצער ווייך וויא פוטער, אונ צוא שטילען דעם אויפרעגענדעם מעער. בעטראכטענדיג מיט פיעל התפעלות זיינע סבלנות, האב איך אין הערץ לאכענדיג געטראכט: רבנו דער גרויסער ענו, דער וואונדער־ליכער סבלן — וויא הארט, וויא גרויזאם איז ער געגען יצר הרע; ער צערברעכט, צערשמעטערט איהם גאר אן רחמנות, אהנע מיטלייד, אונ גיט איהם ניט אפילו איין האר פון וואס ער פארדערט פון איהם·· אזעלכע סצענעס פלעגען פארקומען זעהר אפט ביא איהם אין הויז, אלער ארט אונארטיגע מענשען, נאהענטע, וויטיגע, קריעגער, בעטריגער, פארשטעלטע אין פערשיעדענע מאסקעס, פער־שיעדענע פארדערונגען אונ פראיעקטין, וועלכע יונגע לייט קאנגען אויך אזעלכע מענשען אונ אזעלכע פארדערונגען ניט ערטראגען, פלעגט רבנו, דער שוואכער אלטער מאן, דולדען, טראגען אונ ניט געוואלט בענוטצען זיך מיט זיין כבוד פון דער תורה, וויא אויך דאמיט וואס ער איז בעליעבט ביא אלעמען, אום צוא בעפעהלען אדער בעטען מען זאל פון איהם אבשאפען אזעלכע בעזע בענעגיסע אדער מען זאל איהם העלפען מיטראגען. — ער איז ניעמאלס צארניג געווארען, ער האט זעלבסט אלעמען אונ אלעס אימער, געדולדעט געליטען געטראגען אונ געוועזען וויא געזאגט אין דער משנה (אבות פרק ה׳) קשה לכעוס ונוח לרצות — חסיד: דער, וועלכען עס איז שווער אין כעס הערינצוברינגען אונ עס איז איהם לייכט איבער צו בעטען, איז איין חסיד, וויא דער רמב״ם בעמערקט דארט; בעטראכט נור וויא דער תנא נענט דעם סבלן, וועלכער זיין דולדען איז איבערטריעבען, ביז ער פיהלט ביא זיך ניט קיין שפור כעס — „חסיד״! יא, מיט זיינע סבלנות איז ער דורך געקומען מיט אלע פערשידענע מענשען אונ פערשיעדענע כאראקטערין, אונ האט איבעראל בעזיגט וויא געזאגט איז אין מדרש חזית: געשפאלטען דער ווארשטאט, צערשפרונגען דער האמער — אונ דער בריליאנט בלייבט גאנץ וויא פריהער.

וויא גרויס ביא איהם איז געוועזען דער כבוד הבריות (מענשען עהרע), וויא פיעל ער האט געשעצט יעדען מענשען, קליין אונ גרויס, איז גאר שווער צוא פארשטעלען יענעם, וועלכער איז מיט איהם ניט שטענדיג צוזאמען געוועזען אונ איהם ניט משמש געוועזען. — וויא גרויס זיין כבוד איז ביא אלעמען געוועזען, האט ער זיך

(תולדת הרי״א)

זעלבסט געמאכט פאר אונבעטרעפליך — ניעמאלס זיך געלאזט בע-דינען מיט דאס וואס עס וואלט פיר יענעם פיעלייכט אונאנגענעהם געווען, זאגאר דיא אייגענע הויז-דיענער האט ער ניט געוואלט בעמיהען מיט אזעלכע ארבייט וועלכע ער זעלבסט האט געקאנט טהון, ווען ער איז שוין געוועזן זעהר אלט און שוואך, אין דיא לאנגע נעכט ווען ער איז געזעסען און געלערנט און דיא הויז-מענשען האבען שוין געשלאפען, האט ער זייא ניט אויפגעוועקט געהן פערמאכען טהיר און טויער, אלעס פערשליסען — אבער ער האט זעלבסט זייער ארבייט געטהון, זאגאר אין דיא גרעסטע פרעסט און ווינדען, ער פלעגט ניט געהן צום טיש עסען וואו ער האט ניט געזעהן, דאס דיא משרתים עסען, און ווער רעדט פון דיא, וועלכע פלעגען מיט איהם אויף זיין טיש עסען, ער פלעגט ניט וועלען געניסען ווען זייא זיינען נאך צום טיש ניט געגאנגען, זאגאר ווען זייא זיינען געווען בעשעפטיגט, איז ער געזעסען און געווארט אויף זייא.

יום כפור נאך כל נדרי און שיר היחוד, שוין אין זיינע אלטע שוואכע יאהרען, זעהט איינער וויא רבנו בייגט זיך און לעגט זיך אונטערין באנק זוכען זיינע קאלאשען, געהן צוא הויזע, וויל עס האט געגאסען אין שלאגס רעגען, און עס וואר אונמעגליך צוא געהן אין זאקען, א מענש איז צוגעלאפען און געזאגט:

— רבי! איך וועל אייך אייערע קאלאשען שאפען — לאזט נור מיר, איך בין פיעל איונגער! — ער האט אבער דעם מאן ניט געלאזט ביינען זיך בשום אופן, ביז דער מאן האט זיך גענומען בעטען מיט איין טאן, זא וויא פון פעראיבעל און געזאגט: רבי! ווארום פערגינט איהר מיר ניט אין דער הייליגער פורכטבארער נאכט דיא מצוה פון בעדיענען אייך?!

דאן ערשט האט זיך רבנו געשטעלט און געווארט ביז דער מאן האט איהם זיינע קאלאשען אויפגעזוכט, אבער רבנו איז דיא גאנצע געשטאנען וויא אויף פייעריגע קאהלען, און דער מאן האט בערייהעט, ווארום ער האט גאר עס פערלאנגט פון רבנו זא איין זאכע צוא טהון געגען זיין עדעלען נאטור, וואס לאזט איהם ניט בעדינען זיך פון קיין מענשען.

צוא ליעב זיין וועלען און זוכען מיט נייגיערדע גוטעס צוא טהון אלעמען, זאגאר אזעלכע וואס האבען איהם בעטראגען מיט פאלשקייט, פלעגט ער זיך זייער אפט בעגעהן מיט זא איין תמימות מיט דיא בעטריגער, וועלכע זיינען צוא איהם געקומען בעטען א טובה, ביז ער האט זייא גענארט מיט זיין מאכען זיך אונוויסענד און פערשטאנדלאז

פון זייער בעטריגען איהם, אום זייא זאלען ניט פיהלען אונ דער געוויסען זאל זייא ניט פלאגען, וואס זייא ווערדען בעלאהנט פון איהם מיט גוטעס, אנשטאט דיא שלעכטעס וועלכע זייא האבען איהם געטהון. פון פיעלע פאקטען אין דיזען ארט וויר געניג זיין דער פאלגענדער פאקט:

זייענדיג נאך אין בארעזא, איזט איין בעטריגער צוא איהם געקומען פארלייגען איהם קיידאנער רבנות. לויט וויא ער האט געזאגט, האט ער שוין אין קיידאן דיא גרעסטע פארנעהמסטע לייטע געניינט צוא דעם געדאנק, איהם איין כתב רבנות צוא שיקען, אונ ער שטעהט נאך אין א גרויסע קארעספאדענציע מיט דיא העכסטע קיידאנער נכבדים וועגען דיעזען וואונש, אונ וויל ר׳ משה׳ל ר׳ אורעס פון קיידאן האט דאך שוין לאנג געוואוסט דיא גרויסקייט פון רבנו, וויא מיר האבען שוין פריהער געשריעבען, דארום האט רבנו אנפאנגס במעט געוואלט גלויבען דעם מאן. נאטירליך האט איהם דיא רבנית עליה השלום גוט בעקעסטיגט אויף איהר טיש אונ בעגיטיגט, נור אין א פערלויף פון א קורצער צייט האט רבנו גוט בעמערקט איהם פיר איין בעריהמער אונ בעטריגער אונ אז דיא גאנצע זאכע איז פשוט — שקר; דאך האט רבנו ניט געוואלט שטערען דיא רבנית עה״ש פון איהר גוטען האפענונג אונ מבייש זיין דעם מאן, דארום האט ער פון איהם אלעס גוטעס פון זיין טיש ניט פערוועהרט, ביז אין א פערלויף פון א לאנגער צייט, האט שוין דער מאן זעלבסט ניט געקאנט מעהר האלטען זיך ביים זיין לוג אונ טרוג, אונ האט אויף געהערט צוא פערקעהרען צוא רבנו אין הויז, פיעלע יאהרען זיינען פערגאנגען, רבנו איז שוין לאנג אין קאוונא רב געווארען איז דער פאלשער מאן צוא איהם אין קאוונא געקומען בעטען פון רבנו א טובה. רבנו האט איהם א גרויסע טובה געטהאן, אונ ניט געגעבען צוא בעמערקען, דאס ער געדענקט אונ ווייס זעהר גוט וויא ער האט א מאל אין בארעזע זייענדיג איהם בעטריגט מיט פאלשע האפנונג.

וויא וויים האט געגרייכט זיין רחמנות, וויא גרויס וואר זיין פריידע צוא טהון טובות איז קיין פעדער ניט אין שטאנד אוים צוא שרייבען, עס איז קיין צאהל צוא דיא ספורים, פון וועלכע מען קאן הערויסזעהען זיינע רחמנות, זיין פערגניגען גוטעס צוא טהון; נור פיר מבינים וועט גוט זיין דיזער קליינער ספור:

ביים זיין לעטצטער רייזע נאך פעטערסבורג וואר ער שוין זעהר אלט אונ שוואך אונ דארום האט מען איהם אלעס ניט געוואלט לאזען מאכען דיא רייזע, אונ דאך איז דיא רייזע בעשטימט געווארען צום לעטצטען טאג. אלע אין הויז זיינען געווען בעשעפטיגט מיט פאר-

בערייטונגען פיר איהם, ער שטעהט אונ פערצייכענט מאמרים פון מדרשים אונ תלמוד פיר טהעמעס צוא זיין דרשה, וועלכע ער ווירד דארט זאגען, דער פוהרמאן קאמט הערייין אונ זאגט: „ליעבער, רבי! מיר וועלען דעם צוג פערזאמען — צום עסען פריהשטאג איז שוין קיינע צייט דא!" אונ אב פערזאמען דיעזען צוג, איזט שוין זיין רייזע געשטערט אין גאנצען, דאך בעטען זיך אלע, ער זאל אם ווענינגסטען איין גלאז קאפע טרינקען אום ניט גאר ניכטער צוא פאהרען, ער האט נור א ברכה געמאכט אויף דיא קאפע, אונ איין מאן מיט זעהר א בלייכען געזיכט עפענט דיא טהיר, קוקט זיך איין אונ פערמאכט, עפענט אונ פערמאכט אונ בלייבט אלעס שטעהן אויף יענער זייט טהיר, וויא ערשראקען, זעהענדיג וויא רבנו איז בערייט צום וועג אונ מען איילט איהם ער זאל שוין שנעל געהן פאהרען צום באהן. דיא משרתים פרעגען דעם מאן וויא צארניג: „רבי קרוב, ווארום עפענט איהר אונ פערמאכט אלע וויילע דיא טהיר? אדער געהט הערייין אדער הערויס! איהר זעהט דאך דער רבי איז אויפ'ן וועג אונ דיא שטוב טייבט!" דער מאן אנטווארטעט: איך פאהר נאך קעניגסבערג זוכען רעטונג צוא מיין קרענק, וועלכע איז געפעהרליך, נור איך בין ארעם אונ האב נור איין כתב פון מיין שטעדטעלשען רב, וועלכער קאן מיר נוטצען ברייגען נור דאן ווען דער רבי וועט מיט זיין אונטערשריפט געבען, זיינע צייגע אויף אונזער רב אונ בעפעסטיגען זיין ביטע פיר מיך: איך זעה אבער וויא עס איז אונמעגליך ווייל ער פאהרט דאך שוין. מיר אלע האבען געאנטווארטעט: אי, איהר האט שוין פערזאמט! איהר זעהט דאך! ערהערענדיג, שרייט רבנו אויס: אוי, א רחמנות! ער האט דעם מאן געלאזט הערייין רופען. דיא גלאז קאפע אוועק געשטעלט אונ אונטערגעשריבען אויפ'ן כתב, בעפעסטיגט דעם בריעף מיט ווארמע רעדען, וועלכע עס איז קאנטיג דאס זייא זיינען געשריבען פון טיעפען הערץ. אונ האט נאך דעם מאן געבענשט. אונ אונגעטרונקען דיא קאפע איז ער מיט דיא לעטצטע קרעפטען געלאפען צום פוהר אונ אזויא ניכטער געפאהרען. מיר מוסען בעטראכטען נאך איין סצענע אין דיעזען ארט:

אין אונטערשטען שטאק פון דער הויז אין וועלכע רבנו האט געוואהנט, האט איינע וויטווע (אלמנה) געוואהנט. זעלבסט פער-שטענדליך, דאס ווען זיא האט געוואהנט אונטער איין דאך מיט רבנו, האט זיא איהם שוין געהאט פיר א פערזארגער פיר איהר, עס זאל איהר ניט אנגרייפען קיין ברויט-מאנגעל. רבנו אבער האט זיך ניט בעגנוגענט דאמיט וואס ער האט איהר געשטיצט מיט הערשיקען הילפע בכבוד, ער האט זיך געקליגט צוא בעזארגען איהר אויך מיט

מיט מאראלישע שטיטצע, מקיים צוא זיין – „ולב אלמנה ארנין" ד. ה. ערפרייען דאס ביטערע הערץ פון דער וויטווע, אונ ווען ער פלעגט ברויכען דורך צוא געהן דעם קארידאר, וועלכער וואר אויפ'ן אויג פון אנדערע שכנים, אונ פלעגט טרעפען דיא אלמנה, וועלכע איהר טהיר איז אפען אין דעם קארידאר, דאן פלעגט ער זיך אבשטעלען מיט איהר עטוואס רעדען, וועגען איהר לאגע, יעדער מאל האט ער געפונען א נייעם געשפרעך, צוא וועגען איהר געזונד, צוא וועגען איהר פאמיליע אונ דעם גלייכען, אונ ווייזען איהר זיין מיטלייד, איהר צוא ערפרייען אונ זיא זאל אויך געהערט ווערדען, אום דיא שכנים זאלען איהר שעטצען אונ אויך שטיטצען, אונ זייא זאל ניט צוא שווער זיין איהר לאסט, יא. אויף אזעלכען זאגט דיא משנה, אין אבות: „יתן ויתנו אחרים – חסיד" וויא דער רמב"ם מאכט דיא אנמערקונג אויף דער משנה מיט דיא רייד: „בעטראכט נור וויא דיא משנה רופט דעם וואס פון פיעל רחמנות בענוגענט זיך ניט דאמיט וואס ער זעלבסט גיט אונ בעמיהט זיך נאך, אנדערע זאלען אויך רחמנות האבען – אזעלכען רופט דער תנא – „חסיד", – אזעלכע מעשים האבען מיר פון איהם געזעהען הונדערטער, אונ אזויא אויך האבען פיעל לייט צוא ערצעהלען, נור צוא בעשרייבען זייא אלע איזט אונמעגליך אונ מיר ווינשען נור פראבען פון זיינע טהאטען צוא געבען.

ה.

זיין אהבת השלום.

קיינער איז אין שטאנד אויס צו ערצאהלען, וויפיעל ער האט געליעבט אונ געזוכט שלום, אונ דיא וואונדערליכע מיטטעלען אונ קראפטען, וועלכער ער האט בענוטצט אונ אנגעווענדעט צוא ליעב דעם שלום! פיעל ארדענטליכע לייט זוכען אפט דעם שלום, פערביינעהענדיג אביסעלע דעם אמת, אונ בענוטצען אפט אונגעהעריגע מיטטעלען אום צו ברייגען איהם, דעם שלום פיר איין יחיד אונ א פשיטה שוין, ווען ער איז געווען געפאדערט פיר א כלל; אבער רבנו האט געליעבט דעם שלום אונ זיך געיאגט איהם צו ערייכען דורך דיא שטעגען אונ וועגען פון דער תורה, וואס איהרע זיטטענלעהרע זיינען צוזאממענגעשלאססען וויא איין קעטטע מיט ענוה, סבלנות, פערביינגען דעם אייגענוטץ (אהבת עצמו), פערציייהען דעם

(תולדות הרי"א) בעריהרער

פריהערער דיא עהרע, ליעבען אלעמען מיט זא איין ערנסט, אין וועלכע ס'איז פערבארגען איין שארפזינניגער בליקק און טיעפער פערשטאנד אין מענשען-ערקאנען — זא דאס ניט אלע זיינען געוועזען מבינים צו דערזעהן מיט אן אבערפלאכליכען בליק דיא חריצות, וועלכע פערבארגען איז אין זיינע תמימות, נור זיינע מקורבים, וועלכע זיינען מיט איהם צוזאממען געוועזען שטענדיג, און אנטהייל גענומען אין זיינע הייליגע ארבייט — נור זייא האבען געפונען אין דעם צדיק תמים, אין רבנו, אקריטישען בליקק צו פארשטיין קלאהר דיא געדאנקען פון יעדען מענשען, איין חכם מחכם צו פערשטעהן זיא צו ביגען און בעגיין זיך מיט אלעמען לויט יעדעריגם נאטור און זינן, אהנע אבצוטרעטען זעלבסט פון זיין געוויססער וואהרער תורה-וועג.

מאנכמאל פלעגט ער זעהען אונרעכט און מאכען זיך ניט בע-מערקענדיג, אדער גאר וויא ער ווייסט ניט וואס ס'טהוט זיך ביי זיך אין שטוב און אין שטאדט, אין זא איין צייט און ביי זא איין זאכע וואס על פי התורה, ד. ה. לויט דעם דין פון דער תורה איז דער שווייגען גלייכער אלס דער רעדען, צום ביישפיעל — אין זא איין צייט און א זאכע וואס מען וועט איהם געוויס ניט פאלגען, אדער ווען פון זיין וועלען פערריכטען וועט הערויס מעהר פער-דארבענהייט, און זייער אפט מיט זיינע תמימות, מאכענדיג זיך וויא ער פערשטעהט ניט יענעמס שלעכטען געדאנק און טרוג, פלעגט ער ביגען דעם בעטריגער, דעם שלעכטעס דענקער, צו זיין רצון דאס ער זאל איהם אפילו ניט ווילענדיג טהון און אבציעהען זיך פון זיין פאריגעם געדאנק.

אין איין קליין שטעדטעל נעבען קאוונא איז געוועזען א געוויסער מאן א תקיף וועלכער האט פערפאלגט דעם רב פון שטעדטעל און האט איהם פארביטערט זיין לעבען. דיזער פרעכער מאן האט אמאל בעדארפט קומען אין קאוונא און בעזוכען אונזער רבי, וועלכער האט גוט געוואוסט וויא פיעל זיין שטאדטעלשער רב ליידעט פון איהם.

רבנו האט דעם מאן עמפפאנגען מיט גרויס כבוד און האט בייא איהם, וויא ביי אן אמת'ן גוטען-פריינד דעם רב'ס געפרעגט: וואס מאכט אייער רב? און האט געמאכט אגאנצען געשפרעך וועגען דעם רב, וויא וויט ער ליעבט איהם, וואס פיר איין גרויסער למדן, א גדול, א צדיק ער איז, און האט זיך געווענדעט צוא דיא לייט וועלכע זיינען געזעסען בייא איהם און האט פאר זייא אויך אויס-געברייטעט דיא מעלות פון דעם שטאדטעלשען רב, און דער פרעכער מאן זיצט און הארט און איין פירכטליכע געוויססענסביסע האט זיך

ערוועקט אין זיין הערץ אונ האט איהם שרעקליך געפלאגט. רבנו האט גוט בעמערקט אויף זיין געזיכט אונ האט זיך אזוי ריידענדיג געווענדעט צו איהם אונ געדאנקט פיר זיינע גוטעס, וועלכע ער צווייפעלט ניט דאס ער בעניטיגט איהם אונ לייגט מיהע דעם רב זאל חלילה ניט פעהלען בייא איהם אין שטאדטעל אונ האט איהם געבעטען ער זאל ווייטער נאך מעהר פיר דעם רב טהון, דען ער איז דאך איין אדם גדול.

דיעזער מאן האט פון דאו אן אונ ווייטער געאנדערט זיין מיינונג אונ אויפפיהרונג וועגען רב אונ איז איהם געווארען דער בעסטער גוטער פריינד, פערשאפפענד איהם אלע טובות. זא האט רבנו פיעל טובות געטהון פערשיעדענע מענשען, וועלכע האבען איהם גאר ניט געבעטען, אונ מאנכע האבען גאר ניט געוואוסט פון וועמען זייא האבען דיא טובות.

א געוויסער מאן איז געקומען צו רבנו אונ זיך בעקלאגט מיט טהרערען אויף א געוויססען רייכען אומ־ארדענטליכען מאן, וועלכער איז איהם יורד לחייו, ד. ה. ער פערלייםדעט איהם אונ ברייננט צום גרונד זיין געשעפט דורך דיא מלשינות אונ האט געבעטען, פיעלייכט קאן רבנו דעם מלשין אבהאלטען, ער זאל איהם ניט מעהר אונגליקליך מאכען. זעלבסט פערשטאנדליך, דאס אויף זא א מלשין א תקיף, האט רבנו אויך קיין תקיפות אונ קיין דעה ניט געהאט — אבער „וואו תורה דארט איז חכמה“; רבנו האט געפונען איין אורזאכע, איינצולאדען צו זיך דיזען תקיף אונ האט איהם האפליך אויפגענומען אונ העריינ־געבעטען אין זאל צו זיך אונ האט מיט איהם געשפראכען זאגאר פון אנדערע זאכען, אבער אזו שפרעכענדיג מיט ליעבשאפט אונ אכטונג זאגט ער צו איהם:

— איהר ווייסט? — איך האב צו אייך א וויכטיגע ביטטע, וועלכע איך רעכען, דאס איהר קאנט מיר ערפיללען.

אח, רבי! איך שטעה אייך צו דיענסט מיט וואס נור מעגליך איזט, זאגט איהם דערזעלבער.

— נו, דאס פרייט מיך, זאגט רבנו צו איהם — איך וויל אייך בעטען פיר דעם מאן N., ער שטעהט נעבאך זעהר געדריקט, איך וויים געניי זיינע פערהעלטניססע, ער איז מיט זיין געשאפט אין א גרויס פערלעגענהייט אונ נור איהר קאנט איהם מיט זיין פא־מיליע א טובה טהון — איהר קאנט זיין געשאפט אויפשטעלען גאר אהנע גרויסע מיה. —

דער מלשין האט איהם געאנטוואָרטעט: — פיר דיזען מענשען, רבי, בעט איהר — פוי, ער איז ניט ווערטה קיין טובה, אונ ניט

דאס איהר, רבי, זאלט פיר איהם בעטען! — רבנו האט אבער זא פיעל געבעטען זיך, כמעט מיט טהרערען און ערקלערט איהם וויא גרויס דער רחמנות איז אויף יענעם, ביז ער האט געוויכט דיא שטיינערנע הערץ און יענער האט איהם ניט נור שוין מעהר ניט פערליימדעט, אבער ער האט איהם נאך גרויסע טובות געטהאן.

אזעלכע צופאללע איז געוועזען זעהר פיעל. מאנכע מאל פלעגט מען נאך קאנגען דענקען אויף דעם צדיק אז ער שאנט רשעים; אבער אללע, וועלכע האבען געוואוסט זיינע וואונדערליכע טהאטען, האבען געזעהען וויא ער האט אללעס געטהאן מיט איין רעכנונג צו בעציעהען נוטצען, טובות צו טהון, זא וויא איינצעלנע מענשען זא אויך דעם גאנצען כלל ישראל.

זיין שטייגער איז געוועזען, דאס ווען יענער האט ניט גוט פערשטאנען זיינע רייד און זיין עצה, טראטץ דעם וואס ער האט זעהר פיעל ערקלערט יענעם און יענער האט דאך זיך געארגערט אויף רבנו, וועלכער האט דאס רעכט געהאט צו זאגען יענעם: דו האסט געלעזען מיינע רייד אהן א זינן, אהן א קאפף; אבער רבנו האט פערקעהרט, זיך בעשולדיגט געגען יענעם און וויא אלט און שוואך ער איז געוועזען האט ער זיך בעמיהט און אצווייטען מאל איבערגעזאגט, איבערגעשריעבען און ערקלערט זיין ראטה און פלעגט דורך זיינע סבלנות און ענוה דיא פריעדענסוועג ערגרייכען און דעם נוטצען בעקומען. צום בייספיעל: צוא ליעב זיינע גרויסע טהאטען אין אללע צייטען פיר דער תורה און פיר דאס פאלק האט ער געפיהרט, וויא בעוואוסט איז, א גרויסע קארעספאנדענציע מיט דיא האכסטע אינטעליגענטע פון אונזערע ברידער אין דער גרויסער וועלט. זיינע רייד זיינען געוועזען ביא אללעמען געשאצט, און זיינע פארלעגונגען און פראיעקטען האבען זעהר פיעל געווירקט ביא זיי צו טהון פיר אונזער פאלק און אונזער תורה. רבנו האט ניעמאלס געקירצט זיינע רעדען, און פלעגט זיינע פלאנער דייטליך אויסשרייבען, דאך פלעגט מאנכעסמאל טרעפען, דאס איינער פון דיא גרויסע לייט האט געאנטווארט קריגעריש, פערדריסליך, ווייל ער האט געלעזען דיא בריעפע פון רבנו צו איהם אבערפלאכליך, אדער איבער אנדערע אורזאכען, מיר אלע פלעגען אויפגערעגט ווערען און אונזער דעה איז געוועזען מען זאל איהם אנטווארטען, דאס ער זאל אזוי גוט זיין און לעזען א צווייטען מאל וואס רבנו האט צוא איהם געשריעבען, אבער רבנו פלעגט אונז זאגען מיט איין ערנסטען שמייכעל: ניין, מען טאר דעם צווייטען ניט בעריהרען זיין עהרע, איבערהויפט ווען ער זעלבסט איז דער שולדיגער, און פלעגט איהם נאך מעהר און דייטליכער ערקלערען, און דאמיט האט ער יענעם

גרויסען מאן געוואונען פאר איין פאטריאט אונ איין ארבייטער לטובת ישראל. זא פלעגט ער זיך אויך פיהרען אין דער היים, אין זיין שטאדט, ווען יעמאנד האט זיך געגען איהם געארגערט מיט כעס אין זא אזאכע וועלכע רבנו האט געגוג בעוויזען יענעמס אונרעכט אונ זיין רעכט: מיר פלעגען אונזער ראטה זאגען, דאס רבנו זאל איהם גוט בעצאהלען וויא איהם קומט, אבער רבנו פלעגט אנטוואַרטען: ניין, מען דארף יענעם ניט געבען צו וויסען, דאס איך פיהל אז איך האב רעכט אונ ער איז שולדיג געגען מיר.

פיעל מאל האט געטראפען, דאס עס זיינען געזעסען בייא רבנו זיינע בעקאנטע נכבדים אונ האבען פערבראכט אין וויכטיגע געשפרעכען וועגען דעם בעשטאנד פון יודען, פון רעליגיאן אונ דאס גלייכען, וויא רבנו האט נור בעמערקט אז דער געשפרעך פערברייטעט זיך אונ עס קאן ברייגען צוא בעריהרען דעם כבוד פון איין קלאסע יודען, דאס מען וויל זייא בעליידיגען אדער בעשולדיגען אונ רבנו איז דאך אימער געשטאנען וייט ערהאבען, העכער פון אלע פארטייען צווישען בני ישראל, ער האט קיינע אונרעכט געוואלט זעהען אויף א יחיד אונ ניט געזוכט צוא וויסען קיינע זינד פון גאנצען כלל ישראל — אלע, אלע, זיינען איהם בליעבט אונ געשעטצט געווען, ער האט ניעמאלס געוואלט צוא הערען וויא מען דערציילט פון יענעמס עולות, סיידען ווען ער האט געברויכט אויסהערען על פי דין צווייא עדות, אבער זיין גוט הערץ האט איהם אויך ניט דערלאזען בייזערען זיך אויף דיא וואס זיטצען בייא איהם אונ בערעדען א טהייל יודען, אויך האט ער געוואוסט, דאס ווען ער וועט זייא זאגען: מען טאר אדער מען דארף ניט רעדען, דאן וועט נאך אויפברעכען א וכוח — זייא ווערדען זיך בעפעסטיגען מיט מאמרים פון גמרא צוא בעווייזען וויא דאס איז נאך א מצוה צוא מפרסם זיין דיא חנפים דיא פאלשע, אונ נאך אזעלכע מאמרים, וועלכע יעדערער קאן מיט זייא בעפוטצען זיין יצר הרע אונ פערהייליגען זיינע לשון הרע, אונ פון אזעלכע וכוחים פלעגט ער וויכען אונ האט ניט געוואלט מען זאל גאר ערצעהלען אז מען האט אין זיין הויז פאר איהם געשפראכען פון זאלכע געגענשטענדע; אלזא וויא ער פלעגט בעמערקען, דאס דיא געשפרעכען ברייגגען צוא רעדען פון יענעם, פלעגט ער גלייך זיך מאכען וויא ער דרעמעלט אונ הערט גאר ניט וויא זייא ריידען וויא מען פלעגט זעהען איהם דרעמלענדיג איז מען שטיל געבליבען — עס פאסט דאך ניט צוא ריידען אונ שטערען זיין רוהע, אונ וויא ער האט איבערגעשלאגען זייערע רייד מיט זיין געמאכטען שלאף דאן פלעגט ער זיך אויפכאפען אונ אנפאנגען לערנען מיט זיין זיסען נגון — דאך האבען זיינע וואהרע

מקורבים געוואוסט זיין אינערליכע דעה וועגען אלע אינטערעסע וואס
צווישען אחינו בני ישראל, צוא אורטהיילען, וועלכע צוא גוטעס
איזט, אונ וועלכע צוא ניט גוטעס, ער האט גוט געוואוסט אונ
פערשטאנען, וועלכע מענשען טהוען גוטעס אונ וועלכע מענשען
עס בעגעהען זיך ניט גוט, פון זיינע וואהרע מקורבים האט ער ניט
פערבארגען זיין אינערליכע פריידע, ווען פון דיא שלעכטע מענשען
איזט פערעפענטליכט געווארען זייער שאנדע דורך דער צייט. שמייכ־
לענדיג האט רבנו מיר איינע מאל ערצעהלט, וואס איהם האט
געטראפען אין זיין ערסטען יאהר רבנות אין בארעזע, דארט איז א מנהג
ראש השנה פאר תקיעת שופר צוא זאגען תהילים אויסער דעם קאפיטל
מ"ז אויך דעם קאפיטעל פ"ט, צוא ליעב דיא פסוקים: אשרי העם
יודעי תרועה — "בשמך יגילון„; מען פלעגט זאגען חזן וקהל פסוק
בפסוק, אונ דאס האט געדויערט איין איבעריגע שעה דארום האט
ער ניט געלאזען זאגען דעם קאפיטעל, עס איז געווארען דאפאן
איין אויפרעגונג אין שטאדט, איבערהויפט האבען געשטורמט דעם
פאריגען רבי'ס פאמיליע, סטייטש! זא איין יונגער רב וואגט זיך
מבטל זיין א מנהג! רבנו האט זיך באלד פערטהיידיגט, דאס ער
האט ניט געוואוסט א סאיז בייא זייא אנ'אלטער מנהג, אונ דעם
צווייטען טאג האט ער שוין ערלויבט צוא זאגען דעם קאפיטעל פ"ט
אויך, אונ האט שוין נייעמאלס בעריהרט דעם מנהג. אימער זאגענדיג
זיין טעגליכען שעור תהלים ווען ער פלעגט קומען צוא דעם
מזמור פ"ט פלעגט ער ערינערן וואס איהם האט פאסירט צוא ליעב
דעם קאפיטעל, כדי צוא ווייזען, וויא פיעל מען ברויכט צוא פערבייגען
דעם אייגענעם כבוד, מוחל זיין דעם בזיון, ניט וועלען אויספיהרען
נצחון אפילו ווען מען האט רעכט, צוא ליעב דעם שלום, יא,
דאס איז ווירקליך איין זיטען לעהרע פיר יונגע לומדים! רבנו האט
שוין דאן א גרויסען נאמען געהאט, ווער רעדט נאכהער וויא ער איז
שוין אין בארעזע בעשטעטיגט געוועזען אונ בעליעבט פון אלעמען,
מען האט איהם געהיט דיא שריט ער זאל ניט אבפאהרען פון זייא,
איהם איז שוין דאן לייכט געוועזען צוא צערשטערען זא איין מנהג,
וועלכער האט ניט קיין גרונד אין דיא פוסקים אונ קיין אומנאנג אין
קהילות ישראל, אונ דאך האט ער דעם אוננעטהיגען מנהג געלאזט
פערבלייבען געגען זיין ווילען, מוחל געוועזען אויף זיין שאנדע, נור צוליעב
זיין שטרעבען נאך דעם שלום. —

מיט זיין, שארפען בליק, וועלכער פלעגט הערייןדרינגען דעם
צווייטען טיעף אין הערץ, אונ מיט זיין וואונדערליכען זכרון, אונ מיט
זיין גראדען שכל האט ער געזעהן אין יעדער זאך דעם אמת אונ דיא

ריכטיגקייט און האט אלעס זעהר לאגיש געאורטהיילט צום אמת און שלום צוזאמען. פאר מיינע אויגען איז צוא איהם געקומען איינער פון זיינע בעקאנטע, וועלכער אין זיינער האנד האט רבנו איבערגעגעבען און געטרויט זיינע א זאכע, וואס אן איהר איז אבהענגליך דאס לעבען פון א געוויסען פערזאן און דיזען בעקאנטען האט געלונגען אויסצופיהרען דעם וואונש פון רבנו, און רבנו איז ווירקליך געבליעבען עוויג דאנק־באר דעם מענשען, אבער ווען דער זעלבער מענש האט פערטרויט איין סוד אויף איינעם וועלכער איז א משגיח פון א געוויסער צדקה, אז ער איז ניט עהרליך אין געלד זאכען און האט פאר רבנו פארגעלעגט צעהנדליגע בעווייזונגען אויף יענעם, דאס זיינע הענד זיינען ניט אזויא ריין פון דיא צדקה־געלד, דיא כוונה איז זעלבסט פערשטענדליך, דאס מען ברויכט איהם פון זיין שטעלע הערויס שמייסען, האט רבנו זיין גוטען פריינד נור בערוהיגט און בעפרידיגט מיט זיסע ווייכע רייד און מדחה געווען איהם. וויא ער איז הערויסגעגאנגען האט מיר רבנו ערצעהלט דעם סוד וואס יענער האט איהם פערטרויט מיט אלע בעווייזונגען, דאס דער משגיח פון יענער צדקה איז, לויט וויא דער מאן בעווייזט, פשוט א גנב; „אבער“, זאגט ער צוא מיר, „איך געדענק וויא דאס וואלט געווען געסטערן, דאס פאר 12 יאהר האט דיזער מאן פאר מיינע דינים א דין־תורה געהאט מיט יענעם און האט פערשפיעלט. פון דאן אן זוכט ער אלעס צוא געפינען אויף יענעם שולדען, אה, דאס וואס ער וויל, ווירד ניכט זיין. דיא דינים וועלכע זיינען געזעסען אין דער דין־תורה פאר 12 יאהרען האבען דיא גאנצע מעשה ניט געדענקט, און רבנו, וועלכער האט דאן נור פון וויטען געהערט, האט געדענקט אלעס ריכטיג און פערשטאנען, דאס פון אנ'אלטע שנאה קומט זיינע פערליימדונג אויף דעם משגיח. נאכהער האט רבנו א שטילע אונטערזוכונג געמאכט פון דער הוצאה והכנסה און דיא גאנצע הנהגה פון משגיח, און דער אמת איז הערויף וויא אהל אויפ'ן וואסער, וויא רבנו האט אויס־גערעכענט, דאס זיין הויז פריינד האט נור פון איין אלטער שנאה פאלשע צייגע גערעדט.

אין א געוויסען טאג בין איך געשטאנען און פערפערטיגט דיא קארעספאנדענציע פון רבנו וויא געוואהנליך, איז א פרויא הערין און געוויזען איהם א שאלת נשים. רבנו האט נור א בליק געטהון און באלד געאנטווארטעט: עס איז וויא געהאריג, גוט! דיא פרוי איז געשטאנען אונצופריעדען אזויא וויא זיא וואלט וועלען ערווארטען א מיינונג דאס דאס איז ניט פון אנ'עהרליכער כלה···· און אויך איך בין געשטאנען פערוואונדערט אויף זא א גיכען אנטווארט; אבער נאך

איהר הערויסגעהן זאגט ער צוא מיר: גלויבט מיר, דאס איך בין א מבי אויף דער שאלה ניט מעהר פון אייך; נור דיא פרויא מיינט דאך נור הערויסצובריינגען א שענדליכען נאמען אויף א בת ישראל אונ דאס ווירד זיא אבער ניט ערווייזען! — איך האב איהם געפרעגט: רבי, וויא אזויא פערשטעהט איהר, איהר בעזען וואונש? — דאס פרעגט מיך ניט! האט ער געאנטווארטעט. איך האב נאכהער גענומען דענקען, טראכטען, בעמערקען אויף דער וואונדערליכער זאך אונ, וויא מיר שיינט, האב איך געטראפען — דיא פרויא איז געוועזען גיט פון דיא שטענדיגע פרויען וואס קומען מיט שאלות נשים, אויך איהר הערייןקומען איז געוועזען ניט וויא צוא פרעגען, נור וויא אנ־צוקלאגען, דאס האט מען געקאנט זעהען פון איהר אונצופרידענהייט וויא ער האט געזאגט: „גוט!" אונ רבנו מיט זיין שארפען בליק אונ גראדען שכל האט גלייך בעמערקט אן איהר הערייןקומען, דאס זיא איז א נייע שוויגער מוטער, וועלכע איהר שלעכטעס הערץ וויל איינזיידלען איהר אקארקט געווארענע שוויגער־טאכטער, אונ דאפאן אלע שלעכטע פאלגען צוא בריינגען.

זיין שטיינער פלעגט זיין, ווען עס זיינען געקומען צוא איהם א פאר פאלק וועלכע האבען צווישען זיך א גוט־לעבען, נור עס זיינען שוין העריבער צעהן יאהר אונ האבען נאך קיין קינד ניבט אונ דארום האבען זיא מיט ביטערע הערצער געוואלט שיידען זיך, דאן פלעגט ער בעטען זיא זאלען ווארטען נאך א יאהר, אבשטויסענדיג פון געדאנק דעם שיידען זיך; ווען דער יאהר פלעגט פאריבער, פלעגט ער בעהויפטען צוא ווארטען נאך א יאהר אונ ז. וו. אונ מיר האבען פיעל מאל דעם פערגניגען געהאט צוא זעהען אונ הערען, וויא פיעל זאלכע פאר פאלק פלעגען קומען צוא רבנו מבשר זיין, דאס דער רבש״ע האט זייער וואונש געגעבען אונ זייא מזכה געוועזען מיט א קינד, אונ דאנקען איהם פאר דער עצה. איבער זיין גרויסע ליעבע צוא שלום האט ער פיעל מאל אויף זיך הערויף געבראכט דעם פאראיבעל פון פיעל ארדענטליכע לייט, וועלכע האבען פערדרום געהאט אויף זיין כבוד התורה, אונ האבען ניט געקאנט בעגרייפען זיינע דרכים. — וויא פיעל גוטעס ער האט געבראכט זוכענדיג דעם שלום, האבען געצייגט זעהר פיעל אונבעשרייבליכע מעשים. נור איינע פון טויזענדע קאן איך בריינגען פיר א פראבע: איינער פון קאוונער אנשטענדיגע שטאדט־פיהרער האט פאראיבעל געהאט אויף רבנו איבער א שטאדט זאכע, וועלכע רבנו האט צוגעשטימט מיט זיינע געגנער אין דער זאכע, אונ זייא זיינען געוועזען דיא רבים געגען דעם מאן. זעלבסט פערשטענדליך, דאס רבנו האט קיין

שולד געהאט געגען איהם, אבער דער נכבד האט גערעכענט, דאס פאר שטאדט וואלט גלייכער געוועזען ווען מען וואלט איהם פאלגען — דארום איז ער זיך ברוגז געווארען אויף רבנו אונ צוא איהם מעהר אין שטוב ניט געקומען אונ מעהר מיט איהם ניט געשפראכען. אין דיא שפעטערע יאהרען האט דער מאן זיך שוין מעהר ניט געמישט אין שטאדט זאכען, צוא קיין אסיפה ניט געגאנגען אונ זיך געלעבט פאר זיך, עס איז שוין מעהר קיינע נוטצען געוועזען פיר רבנו צוא זוכען דעם שלום מיט דעם געוועזענעם שטאדט-בעל-דעה, וועלכער איז געבליעבען ברוגז, זאגאר רבנו איז אונשולדיג געגען איהם אונ איהם ניעמאלס זיין כבוד בעריהרט. ביא איין געוויסער שמחת מצוה, האט זיך רבנו צוזאמענגעטראפען מיט דעם געוועזענעם שטאדט-פיהרער אויף איין טיש, דיזער מאן האט זיך ניט געווענדעט צוא רבנו זייענדיג נאך אלץ ברוגז; אבער רבנו האט איהם געגריסט אונ געפראגט מיט זיין ליעבע פרידענס-פראגע, רייכענד איהם זיין האנד — וואס מאכט איהר? דיעזער אלטער מאן איז איבערראשט געווארען פון דיא גרויס ענוה פון רבנו אין דער צייט וואס אלע איינגעלאדענע אויף דער שמחה האבען איהם דעם גרעסטען כבוד געצייגט. — אונ וויא גרויס איז דעם אלטענס פריידע געוועזען אויף דעם שלום וואס איז איהם דא געקומען נאר אונגעריכט, בדרך כבוד פון רבנו, וועלכער וואר איהם בעליעבט זא זעהר אין דיא פאריגע יאהרען. אין א קורצע צייט נאך דער געשיכטע, זיינען געקומען געשיקט [2] מענשען פון א געוויסער שטאדט זוכען אן עצה פון רבנו וועגען א גרוש (הערויסטרייבען) וואס האלט אויף דיא איינוואהנער פון שטאדט איבער איין אינטריגע פון שונאי ישראל. רבנו האט זיך געקעהרט אין אלע זייטען זוכען ווער עס זאל קאנען הילפע ברייגען, אבבעטען מען זאל אם ווייניגסטען אבלייגען דעם גרוש; אבער ער האט קיין עצה געפונען. דיא שלוחים האבען זיך שוין בערייט צוא פאהרען צוריק, דיא הענד ברעכענדיג; דען ווען ניט קאוונער רב — צוא וועמען זאלען זייא זיך שוין קעהרען?! אונ דארטען האט מען שוין אביאוועט דעם „גרוש". וויא זייא ברעכען דא דיא הענד, קומט איינער הערייין אונ זאגט: רבי, ווייסט איהר? — דער מאן הערר N. (וועלכער רבנו האט געמאכט דעם שלום מיט איהם) איז דאך זעהר בעפריינדעט מיט דעם שר, אין וועמעס הענד עס ליעגט יעצט דער גליק אונ אונגליק! רבנו האט אויגענבליקליך געשריבען צוא דעם אלטען, נור וואס איבערגעבעטענעם גוטען פריינד אונ מיר אין האנד געגעבען דעם צעטעל איך זאל מיט דיא שלוחים געהן צום אלטען. זעלבסט פערשטענדליך, דאס דיעזער מאן האט מיט פריידע געלעזען

דיא בקשה אונ געאנטווארטעט; „זאגט דעם רבי'ן ער זאל גאנץ רוהיג זיין — נאך היינטע וועל איך זיין ביטע ערפילען“. דער אלטער האט באלד ערפילט דעם וואונש אונ פיעלע פאמיליען זיינען גערעטעט פון גרוש — זינט האט זייא שוין ניט מעהר געשטערט דיא רוהע. וויא איך בין געקומען צוא רבנו אונ איהם דיא גוטע בשורה געבראכט האט ער פון פיעל פריידע צוא מיר געזאגט: נוא, זעהט, ווער האט רעכט, צוא דיא וואס האבען פאראיבעל אויף מיר, דאפיר וואס איך האב דעם אלטען איבערגעבעטען, אדער איך? — וואס האב איך דא פערלארען, אז איך בין ניט געשטאנען וועגען מיין כבוד אונ האב איהם איבער געבעטען? — ווען איך וואלט ניט זוכען דעם שלום — וואס וואלט היינטע געוועזען דער שיקזאל פון זא פיעל אונגליקליכע פאמיליען? — רק ליוצי שלום שמחה כזאת — נור פיר דיא וואס ראטהען צוא פריעדען, קומט זאלכע פריידען; נור דער שלום האט אין זיך ברכה פיר אונז יודען! — געשיכטען אויף דעם שטייגער, וויא נור דורך דעם שלום האט ער גערעטעט יודישען לעבען אונ יודישע געלד, האבען מיר זעהר פיעל; נור מיר האבען דאך שוין פאר‌הער געזאגט, דאס מיר ברייגגען נור קליינע פערצייכנונגען פון יעדען זארט.

דאך, צום גרויסען בעוואונדערען האבען זייגע אלע מקורבים, וועלכע האבען איהם גוט געקאנט, געזעהן, דאס, טראטץ זיינע גרויסע סבלנות אונ טראטץ זיין זוכען מיט אלע זיינע קרעפטען דעם שלום, איז ער אויך געוועזען פעסט אונ שטארק בייא זיין דעה. דיא אידעע וואס בייא איהם איז געוועזען הייליג אונ נעטהיג על פי התורה האט ער ניט פערבייגען אונ ניט נאכגעלאסען אפילו איין האר צוא ליעב דעם שלום, אונ דארום פלעגען פיעל בעקאנטע אפט זיך וואונדערן זעהענדיג, דאס רבנו, דער גוטער, דער גרויסער סבלן, דער רודף שלום, דער וואס גיט אלעמען נאך זייער רצון אונ פערבייגט זיין כבוד צוא ליעב דעם שלום — דער זעלביגער גוטער געדולדיגער מענש ווערט מיט א מאל הארט אונ שטרענג, רעדט מיט שטורם אונ שרייט פיר אנ׳ערליכען געדאנק מיט וועלכען זיין זעלע איזט פערבונדען, ווען מען וויל דיא זאכע ברעכען אדער צערשטערען, אונ דאן זעהען מיר איהם א גרויסען העלד וויא מיר געפינען זיין מאמר מיט דעם נאמען „לבונה של תורה“ אין דיא צייטונגען „המליץ“, איבערהויפט אין „הצפירה“, וועלכע ער האט געשריעבען געגען דיא הערויסטרעטער געגען דעם שטיפטונג פון יונגע לייט גדולים וואס זיצען הייר על התורה, וויל דער לעבענס-גייסט פון רבנו איז געוועזען פערבונדען מיט דער שטיפטונג. צעהנדליגע בריעף פלעגט ער טאג טעגליך שרייבען לטובת הענין, אויך ווען דער אויגען-ארצט האט איהם

(תולדות הרי"א) שטרענג

שטרענג פערבאטען שרייבען אונ קוקען אין א ספר, דען זיינע אויגען פלעגען ווערען ראטה וויא בלוט פון פיעל שרייבען אונ לעזען, דאך וויא מען פלעגט איהם אויסשפריצען דיא אויגען אדער איינגע טראפפענס הערייגטריפפען, האט ער ניט געווארט ביז עס וועלען אויפהערען, דיא שמערצען, זאנדערן באלד גענומען שרייבען מיט פאלע ראטהע אויגען. — זא אויך וועגען כשרה עסען פיר יודישע סאלדאטען איז ביא איהם געוועזען הייליג איבער אלע הייליגע וואהלטהאטען, מיט מסרת נפש האט ער געשטריטען געגען אלע שטערער אדער אבשוואכער פון דעם רעיון, וועלכער נאך זיין דעה איז א שולד אויף יעדערן צוא נעהמען א טהייל אין דער גרויסער מצוה, מיט געלד אדער מיט קרעפטען צוא בעזארגען מאכלי כשר פיר אונזערע ברידער וואס זיינען אין מיליטער דיענסט, וועלכע, מיר ווייסען, דאס ווען זייא וועלען נור האבען כשרה וועלען זייא קיין טרפה עסען. אונבעשרייבליך איז זיינע מיהע, זיינע התחכמות, וויא ער פלעגט זיך אימער קליגען, מיט וואס אונ וויא צוא בעפעסטיגען דיא צדקה, ער האט ניט גערוהט ניט געשלאפען אונ ניט בעדויערט זאגאר אויף זיין שטערען זיך פון לערנען תורה, וואס איז ביא איהם טהייערער פון אלעס אין זיינעם לעבען געוועזען, אויך זיין עסען אונ טרינקען, האט ער אין זיינע שוואכע אלטע יאהרען ניט געהיט, ביז ער האט אויסגעפיהרט זיינע תקנות מיט אלע גוטע ארדענונגען, דאס דיא הייליגע מצוה זאל פעסט שטעהן. שטעלט זיך פאר, זאלדאטען מאחינו בני ישראל זיינען היער, אהן עיה"ר, זעהר פיעל אונ רבנו אליין האט אלעמען גע-דארפט אויסהאלטען מיט זא א גרויסער אויסגאבע. דיא שטאדט-לייט האבען געגעבען אונ ווידער געגעבען נאך זיינע ביטעס אונ בעמיהען זיך אהן אנ׳אויפהער. — ווער עס פלעגט קומען בעטען ביא איהם א ברכה אונ געוואלט געבען דאפיר אויף צדקה, פלעגט ער זיין ראטה געבען, ער זאל עס געבען אויף מאכל כשר, פון פערשיעדענע סוחרים, וועלכע פלעגען נור צוא איהם קומען זעהען איהם, פרעגען אנ׳עצה, בעטען א ברכה, פלעגט ער בעקומען נדבות. זייא האבען געשטיטצט זיינע תקנות פיר דער גרויסער מצוה, אונ אזויא האט ער העלדיש געארבייט פיר דער מצוה ביז זיינע לעצטע מינוטען פון זיין לעבען, ער האט ניט אויפגעהערט דאפיר צוא בעטען ביא אלע וועלכע זיינען צוגעטראטען צוא זיין בעט בעת ער איז קראנק געוועזען, מען זאל דיא מצוה שטארק האלטען מיט אלע מעגליכקייטען. פון אלע אנשטרענגונגען זיך פיר דיא יודישע זאלדאטען וועלען מיר נור א קליינעם ספור ברייגגען: אלע יאהר אין לאגער צייט פלעגט רבנו פאהרען מיט א בעקאנטען מאן צום דיוויזיאנעם געניעראל בע-

 דאנקען

זאנקען איהם פיר דעם פערגאנגענעם יאהר אונ בעטען ערלויבניס אויף דיא געגענווערטיגע לאגער צייט, צוא קאכען כשרה שפייזע פיר יודישע זאלדאטען אין לאגער. איין יאהר האט דער עלטסטער פון דיא זאלדאטען א שטרענגען בעפעהל געגעבען, מען זאל זיך ניט וואגען איינצוריכטען אין לאגער א כשר'ן קעסעל, סיידען מיט דעם בעדינג, דאס מען זאל מאכען א גאנצע געביידע פון ברעטער, דארט זאלען דיא יודישע זאלדאטען עסען. דיא געביידע האט געדארפט קאסטען 300 רובל; וואו נעהמט מען זיא אבער, אין דער צייט וואס זייגע שולדען אויף דיא אויסגאבען פון דיא כשרה עסען אליין זיינען אויך איבער זיינע קרעפטען?! אונ דיא צייט איז אויך קורץ — דיא זאלדאטען געהען שוין הערויס אין לאגער, אונ דיא לייטע, וועלכע בעשעפטיגען זיך דאמיט טרייבען אונ צווינגען, אבער אונזער צדיק איז דאך ניט אבהענדיג געווארען, ער האט איין קליינע ווייליע געטראכט, געדענקט אונ באלד געזאגט: איך האבע זאגאר אנ'עצה; נור דאס ווירד מיר זעהר טהייער קאסטען — אבער וואס טהוט מען ניט פיר אונזערע ברידער דיא זאלדאטען? — היינטע איז א גראסארטיגע חתונה בייא א גרויסען גביר; מיין שטייגער איז צוא זיין נור צום סדור קדושין אונ ניט אבצושטעלען זיך צוא דער סעודה, איבער פיעלע וויכטיגע אורזאכען — מיר לאהנט ניט אונ איך קאן עס ניט אונ וויא נאך יעטצט וויא איך בין פערבאטען פון דאקטאר צוא זיין אין שווערער לופט פון א גרויסען פובליקום אונ פיעל בעלייכטונג: אונ נאך מעהר איז מיר זעהר שווער אונ ניט אנגענעהם צוא זיטצען צווישען פערשיעדענע מענשען אריסטאקראטען א לאנגע צייט אונ דאך מוז איך דאס טהון אונ פערזאמען איבער דעם חתונה-מאהלצייט. אונ אזויא האט ער געטהון, ער האט מיט זיין עהרע בעלעבט דיא געזעלשאפט, יעדערן צופריעדען געשטעלט וויא איהם פאסט אונ האט אזויא אויפגעקליבען אין גאנצען וויא פיעל ער האט געברויכט, אונ באלד אויף מארגען האט ער געלאזט דיא געביידע אויפשטעלען.

וויא גוט אונ מילד ער איז געווען אויך פיר אלע פון דיא פרייע קלאסען מענשען, וועלכע דורך זיין טאלעראנץ, זיין דולדען אונ טראגען אלעם וואס געגען זיינע אידעען אונ אויפיהרונג, האבען איהם געעהרט אונ געשעצט, איהם געפאלגט אונ מיט געטראגען מיט איהם זיינע הייליגע ארבייט פיר דאס פאלק אונ איהם ניט געשטערט פון זיינע שטרעבונג פיר לומדי תורה אונ מאכלי כשר פיר זאלדאטען, אונ דארום, וויא פערשטענדליך, זיינען זייא בייא איהם זעהר טהייער געווען — זייא זיינען דאך פיעל מאל געווען זיין האנד, ווארום דורך זייא האט ער גערעטעט הונדערטער אונגליקליכע פאמיליען אין דער

שלעכטער צייט, זייא האט ער געשיקט צוא גרויסע בעאמטע אבבעטען פון פיעל שטרענגע בעפעהלע א. ד. ג. — דאך האט ער זיך פעסט געהאלטען געגען זייא ניט נאכצוגעבען ווען זייא האבען געוואלט בעריהרען זאגאר אנ'אלטען יודישען מנהג, צום ביישפיעל: ער האט ניעמאלס זיך געלאזט איבער רעדען מסדר קדושין צוא זיין בייא א חופה, וועלכע איז ניט אונטערן אפענעם הימעל, עס האט אויף איהם ניט געווירקט קיין ביטע פון דיא גרעסטע אינטעליגענציא. אזעלכע ספורים האבען מיר פיעל צוא ערצעהלען, וויא פעסט אונ שטארק זיין דעה איז געוועזען בייא איהם, צוא שטרייטען געגען אלעמען אונ אלעם, פיר איין זאכע, וועלכע ביי איהם איז הייליג געוועזען. —

ו.

זיין זכרון אונ שארפזיכטיגע אויג.

וואונדערבאר איז געוועזען זיין זכרון, פיעל איז פאראן צו ערצאהלען; אבער כ' וועלען נור איניגע פאקטען בריינגען פיר דיא לעזער: פאר איניגע יאהר צוריק האט איהם בעזוכט הרב הגאון ר' משה לעווינבערג, זידיקער רב. ער זאגט צו רבנו: איך האב אייך שוין אכצעהן יאהר ניט געזעהען. רבנו אנטווארטעט איהם: מיר האבען זיך אויך געזעהען מיט 40 יאהר צוריקק, אין ניעשוויז. דער זידיקער רב זאגט צו איהם: מיר האבען דאן גערעדט תורה, אבער איך געדענק שוין ניט וואס.

— איך וועל אייך ערמאנערן, זאגט איהם רבנו, איהר האט דאן מיר פארגעבראכט א שאלה, וועלכע איז פארגעקומען פאר הגאון ר' יוס'לע סלוצקער זצ"ל, פון א שליח אויף 3 רובל וואס האט זיי פערלארען. אונ ר' יוס'לע האט אין דער שאלה א גרויסע ערקלארונג אויסגעבריטעט. — אונ רבנו האט פאר איהם דעם גאנצען אינהאלט פון דיא ספקות, וועלכע זיינען פארגעקומען אין דעם דין אונ דיא גאנצע חדושים מיט דעם רעזולטאט וואס ער האט איהם, דעם זידיקער רב ז"ל, דאן געזאגט. דער זידיקער רב איז ערשטוינט געווארען הערענדיג וויא ער האט אלע חדושים פון פאר 40 יאהר צוריקק געזאגט צוזאמען מיט דער גאנצער געשיכטע וויא דאס וואלט געסטערן געשעהן.

פאר 4 יאהר צוריקק איז געקומען צו רבנו א רב אלס גאסט..

רעדענדיג זאגט איהם דער אורח: „געדענקט איהר, מיט 28 יאהר צוריקק בעת איך בין בייא אייך געוועזן, האט איהר פאר מיר געזאגט א חדוש אין א דין, אונ איך געדענק נאך — איך קאן פאר אייך איבער זאגען“.

רבנו האט איהם באלד געאנטווארטעט: „איך געדענק אויך — אט איז דער חדוש געדרוקט אין מיין ספר „עין יצחק“. דער אורח איז דאפאן זעהר נתפעל געווארען, דען אזעלכע הונדערטער חדושים האט רבנו געזאגט פאר הונדערטער מענשען אין אלע בתי מדרשים, באלד וויא ער איז היער אנגעקומען, אונ האט פון דאן אן ניט אויפגעהערט מחדש חדושים צו זיין — אונ דאך האט ער געדענקט, דאס דעם חדוש האט ער דאמאלס גראדע פאר דעם אורח געזאגט מיט 28 יאהר פאריהער.

אין דיא ערשטע יאהרען זיינע אין קאוונא, האט ער בעשטימט א צייט אלע טאג דעם מארגענס ביז 12 אוהר צו לערנען זיינע שעורים, ער האט דאן געלערנט „שלחן ערוך חשן משפט“ מיט זיין זאהן, דער יעצטיגער קאוונער רב הגאון ר' צבי הירש, אונ פלעגט זיך פער־שליסען אין זיין צימער, אונ ניעמאנדען געלאזען הערייגעהען. אין א געוויסען טאג וואו רבנו איז אזוי געזעסען אונ געלערנט האט ער דערהערט וויא מען קלאפט אן אין טהיר, זאגט ער צום זאהן: אה אין טהייערער גאסט איז צו אונז געקומען, הרב הגאון ר' טודרוס לעווניק פאן קעניגסבערג. — דער זאהן האט איהם געפרעגט: דוא האסט שוין פריהער געהערט פון זיין קומען? — ניין, האט רבנו געאנטווארטעט — איך האב זאגאר ניט געדענקט אונ ניט געטרוימט פון זיין קומען, נאר איך דערקאן פון זיין אנקלאפען אין טהיר — איך געדענק ר' ליעווניק'ס קלאפען אין טהיר פאר אכט יאהרען אין דער צייט וואס איך בין אין קאניגסבערג געוועזן. דאך האט רבנו ניט געלאזט אפנען דיא טהיר ביז ער האט געענדיגט לערנען זיינע שעורים, אונ דאן איז העריין דער משרת זאגען, דאס איין קעניגסבערגער גאסט ווארט אויף איהם אין פארדערשטוב. ער האט געאפענט דיא טהיר אונ ר' טודרוס לעוויניק איז הערייין.

החכם ר' יעקב בכרך ז"ל פון ביעלאסטאק איז געוועזן בעוואוסט בייא רבנו, אבער רבנו האט איהם פערזאנליך ניט געקאנט — ער האט איהם ניעמאלס געזעהן. ויהי היום, איז אן אורח איהם געריבען אונ האט איהם בעגעגענט הערויסגעהענדיג פון שטוב מנחה. געבענדיג איהם שלום, זאגט צו איהם רבנו: קוי אורח, מיט מיר אין בית המדרש דאווענען, נאכי צוזאמען צו הויזע געהן. דער אורח ניט פארי

געהענדיג ניט געקאנט ילדען אונ האט געפרעגט א טיעפזיניגע שאלה. רבנו אבער האט איהם געזאגט, דאס זא א שאלה פרעגט מען ניט אין גאס; מיר וועלען צו הויזע קומען, דאן וועלען מיר שפרעכען. רבי, זאגט דער אורח, חכמות בחוץ תרונה ד. ה. ווייזהייט שרייט אויס אין שטראססע. וויא דער אורח האט נור דעם פסוק אויס־גערעדט, שרייט רבנו אויס: אח, וואס פיר אנאסט איך האבע! איהר זייט דאך ר׳ יעקב בכרך! — פון וואס ערקאנט איהר, רבי? — פרעגט דער אורח. רבנו אנטוואָרטעט: — פון אייער וויטץ מיט א פסוק, פערשטעה איך דאס איהר זייט עס. — נוא, האט דער ר׳ יעקב בכרך מיט פריידע געאנטוואָרטעט, דאס בין איך! —

פאר 20 יאהר צוריק בין איך געוועזן מיט רבנו אין א קליין שטאדטעל, בייסאגאלע, אויף א תנאים ביי איינעם פון זיין פאמיליע. גראדע איז אהין געקומען אקיידאנער נכבד אונ האט געבראכט זיינעם אבהור׳ל, אונ געבעטען פון רבנו, ער זאל איהם בענטשען, אונ האט דאפיר געגעבען 3 רובעל א נדבה, רבנו זאל עס שיקען זיינעם א בעוואוסטען, וועלכער זיצט אונ לערינט אין ארץ ישראל. אין א פערלויף פון 15 יאהר, ווען דער בחור׳ל איז שוין געוועזן א מאן פון אפרוי אונ קינדער, בעוואכסען מיט א בארד, איז ער געקומען היער, אונ ווען ער איז הערויין אין שטוב, האט רבנו איהם געגעבען שלום אונ געזאגט: געדענקט איהר וויא איך האב אייך געבענשט זייענדיג אין בייסעגאלע אונ גענומען פון אייער פאטער א נדבה 3 רובל פיר N. אין ארץ ישראל? דער יונגער מאן איז זעהר נתפעל געווארען הערענדיג אונ זעהענדיג, וויא ער ערקאנט אונ געדענקט אללע פאראלטערטע קלייניגקייטען, זא וויא דאס וואלט געסטערן געשעהן.

צוא רבנו פלעגען קומען צעהנדליגע פערשיעדענע מענשען, טאג טעגליך, בענשען זיך, אדער בעטען, ער זאל מתפלל זיין פאר זייערע פריינד, צווישען דיא אלע נאהנטע אונ ווייטיגע פלעגען אויך זיין רבנים, דינים, מורי־הוראות פון אלער ארט. וויא בעוואוסט איזט, זאגט יעדערער זיין נאמען מיט זיין מוטערס נאמען, פאר דעם וואס דארף מתפלל זיין פיר איהם, אין א פערלויף פון א חודש פלעגען פאר־קומען הונדערטער מענשען, אונ צווישען זייא צעהנדליגע רבנים, דינים, פיר וועלכע ער האט אין זיין מתפלל זיין, זייער נאמען אונ זייער מוטערס נאמען דערמאנט. נאטירליך ביי א געוואהנליכען מענשען, פליהען אזעלכע אונבעוואוסטע נעמען, וועלכע מען ברויכט זייא צוא דערמאנען א ווייליע אין תפלה, גלייך פון זינען הערויס. אין חדש שבט איז צוא רבנו געקומען פון אשטעדטעל אקרענקליכער דין וועלכער האט פון זיין קוראציע קיין הילף געהאט, אונ געבעטען

ער זאל פיר איהם מתפלל זיין. געוואהנליך, האט ער איהם געזאגט זיין נאמען און זיין מוטערס נאמען. עס זיינען פערלאפען 4 חדשים, און דער דין איז היער געקומען און מיר ערצעהלט, דאס איהם איז ב"ה פיעל בעסער. יענעם טאג, אבענדס, האב איך געפונען וויא רבנו בייצט זיך דיא אויגען, האב איך איהם ניט געוואלט שטערען און האבע גאנץ שטיל ערצעהלט איינעם פון דיא מורי-הוראות, וועלכע זיינען ביא רבנו אין שטוב געזעסען, דאס דער מאן פון מ., וועלכער האט זיך געבענשט פון רבנו איז ביא מיר געוועזען און זאגט, דאס ער איז ב"ה פיעל בעסער. רבנו, וועלכער וויא גרויס זיין זכרון איז געוועזען, זא שטארק איז געוועזען זיין חוש השמיעה, האט ערהערט פון ווייטען מיין סוד, וועלכען איך האב דעם מורה הוראה אין אהר ערצעהלט, און שרייט אויס מיט א פראגע: ב. בן חנה שרה?! ער איז בעסער? — דאס פרייט מיך! מיר זייגען אלע ערשטוינט געווארען הערענדיג וויא ער געדענקט דעם נאמען פון דין, וועלכען, ער האט ביז זיין בענשען איהם, גאר ניט געקאנט — און נאך זיין מוטערס נאמען געדענקען, אין א פערלויף פון 4 חדשים אין וועלכע ער האט געבענשט הונדערטער מענשען מיט זייערע מוטערס נעמען!

זעהר אפט פלעגען מיר זעהן, וויא עס זיינען געקומען צוא רבנו אזעלכע רבנים, וועלכע ער האט זייא ניט געזעהען צעהנדליגע יאהרען, מאנכע פון זייא האט ער געזעהן בעפאר זייא האבען א בארד געהאט, און נאך א פערלויף פון פיעלע יאהרען ווען זייא זיינען שוין געוועזען מיט בערד בעוואכסען, האט ער זייא גלייך ערקאנט מיט'ן ערשטען בליק, און ער האט זייא ערינערט דיא חדושי תורה, וועלכע ער האט פיר זייא געזאגט דאן, אין יענער שטאדט, אויף יענעם ארט, מיט דיא געלעגענהייט וואס האט איהם מיט זייא געבראכט, זא וויא דאס וואלט געסטערן געשעהן.

ער פלעגט מיט'ן ערשטען בליק ערקאנען פערשיעדענע מענשען וועלכע ער האט פיעלע יאהרען ניט געזעהן און זייא ערינערן פון דיא צופעלע צוליעב וועלכע זייא זיינען ביא איהם געוועזען צייט צעהנדליגע יאהרען צוריק, און דיא לייטע פלעגען ערשטוינט ווערען הערענדיג, און ערשט דאן פלעגען זייא זיך דערמאנען, וויא ריכטיג ער זאגט, און וויא וואונדערליך ער געדענקט דיא צייט און דיא ערטער, וואו דאס האט געטראפען, אט וויא היינטיגען טאג וואלט זייא דאס פאסירט, פאר זייגע אויגען. —

דיא זעלבע פלעגט ער זיין צום בעוואונדערן מיט זיין חוש השמיעה. אין זיין ערשטע רבנות אין זאבעלין, שבת חול המועד

פסח

פסח, האט ער געזאגט א טיעפען פלפול אויפ'ן בימה. וויא ער איז זא געווען פערטיעפט אונ בעשעפטיגט מיט זיינע אלע קרעפטען אין מסביר זיין זיינע אלע חדושים, אין הערויסגעבען טיעף אונ גלאט — האט ער דאך ערהערט וויא 2 פראסטע מענשען שטעהענדיג וויט פון בימה געבען טהיר זאגען איינער צום אנדערן: וויא עס שיינט איז דער רב א גרויסער למדן, וויל מיר פערשטעהען דאך ניט איין ווארט פון זיין דרשה, אבער וואס נוטצט ער אונז? ער האט דאך ניט קיין סימן פון קיין בארד! — רבנו האט געמוזט אבהאלטען איינינע מינוט פון זיין דרשה, כדי אבצוהאלטען זיך פון אויסצובערכען מיט א געלעכטער.

דער גביר י—פ פון גראדנע איז היער א מאל געקומען צוזאמען מיט זיין גוטען פריינד ה' לעווינזאהן צוא וועלכען פ. דאט געזאגט: לאמיר בעזוכען דעם רב. וויא ה' פ. האט פאר רבנו, פארגעשטעלט דעם גראדנעם אורח זאגענדיג: דאס איזט ה' לעווינזאהן בן .... פון גראדנע, שרייט רבנו אויס מיט ליעבע: אה, גענט איהר זיך דאך ר' מרדכי! — בעוואונדערט פרעגט איהם לעווינזאהן: רבי, וואס בעווייזט אייך, דאס מיין נאמען איז מרדכי? — איך געדיינק, אנטווארטעט רבנו, דאס מיט 50 יאהר צוריק בין איך געווען געלאדען אויף אייער ברית מילה, שושן-פורים, אונ לכבוד דיא געשיכטע פון פורים, האט מען אייך א נאמען געגעבען מרדכי! דער לעווינזאהן איז נתפעל געווארען פון זיין זכרון אונ האט נאכהער געדאנקט דעם ה. פ. דאפיר וואס ער האט איהם געפיהרט אונ פארגעשטעלט פאר דעם וואונדערליכען אונ גרויסען מאן רבנו. זא איז אויך געווען וואונדערליך זיין ערקאנען מיט'ן ערשטען בליק. וועלכע פון פיעל געשיכטען איז גענוג צוא ערצעהלען נור פאלגענדע:

איך בין א מאל געזעסען מיט רבנו אויף א דאציע. אין וואלד איז צוא איהם געקומען אנ'אלטער מאן, וועלכען ער האט געזעהן מיט 50 יאהר צוריק אונ ער האט איהם ערקאנט מיט'ן אויגענבליק!

פון יוגענד ביז דעם לעטצטען טאג, וואס זיינע כחות אונ צייט זיינען געווען איבערגעגעבען צוא לערנען גמרא, פוסקים אונ פערשיעדענע שאלות ותשובות אונ נאך אזעלכע ספרים, וועלכע געהערען צום דין אונ הוראה, האט איהם קיינער ניעמאלס געזעהן זוכענדיג א ספר צווישען דיא פיעלע ספרים אין וועלכע ער איז געווען בעשעפטיגט — מעהר וויא איין אויגענבליק האט ער ניט געדארפט צוא געפינען, ווען אפי' א צווייטער האט דעם ספר געהאלטען אונ געשטעלט גאר אויף אנ'אנדער ארט אהנע זיין וויסען. זא וואר נאך אין זיינע יונגע יאהרען, ווען ער איז נאך

געוועז רב אין דיא קליינע שטעדט אונ זיין געוויסער ארט צום לערנען איז געוועזן אין בית המדרש, אונ זא אויך אין דיא שפעטערע צייטען, ווען ער איז שוין געוועזן רב אין דיא גרויסע שטעדט, אונ זיין ארט צום לערנען וואר צוא הויזע; — דען מיט זיין וואונדערליכער טביעת עין פלעגט ער ערקאנען דעם ספר, וועלכען ער ברויכט צווישען הונדערטער ספרים. — דארויף האט מיר אויפמערקזאם געמאכט איין בעוואוסטער געעהרטער מאן, וועלכער האט עס בעטראכט נאך זייענדיג מיט איהם צוזאמען אין ווילקאוויסק. אונ אזויא האב איך, אונ אויך נאך איינינע מיט מיר גוט בעמערקט אונ בעטראכט פיעלע יאהרען, אונ מיר האבען ווירקליך געפונען ריכטיג, דאס מעהר וויא איין אויגענבליק האט ער ניעמאלס פערבראכט זוכענדיג א ספר: איין קוק — אונ שוין אויסגעשטרעקט דיא האנד אונ בעקומען דעם ספר, ווען אפילו ער איז געשטאנען ניט וויא ער זעלבסט האט איהם אוועק געשטעלט. נאך מעהר וואונדערליך — ער האט ניעמאלס געברויכט צוא זוכען אונ קעהרען דיא בלעטער פון ספר וועלכען ער האט געברויכט, דען מיט'ן עפענען דעם ספר פלעגט איהם גלייך פארקומען דער בלאט וועלכען ער ברויכט, אונ מערקווירדיג: אפילו אין א גרויסען בלאט געדרוקט מיט רש"י-אותיות, פלעגט ער צום ערשטען בליק געפינען דיא שורה (ציילע) וועלכע ער האט געברויכט, אונ אפט ווען איהם איז געוועזן שוועער צוא בעאונרוהיגען זיינע שוואכע ערמידעטע אויגען פון פיעל לערנען אונ שרייבען, אונ דארום פלעגט ער בעטען איינעם פון זיינע מקורבים ער זאל פאר איהם פארלעזען פון ספר, דאן פלעגט ער פאר'הער עפענען דעם ספר אונ גלייך געפינען דעם נעטהיגען בלאט, צייגענד מיט'ן פינגער דעם פארלעזער דיא שורה וועלכע ער זאל פארלעזען.

אבער נאך מעהר פון דאס אלעס איז געוועזן צוא בעוואונדערן זיין דורכדרינגען מיט'ן אויגענבליק דיא אורחים, וועלכע ער האט ניעמאלס געזעהען אונ ניט געקאנט, אונ פערשטעהען וואס פיר איין סארט מענשען זייא זיינען; צוא ער וועט האבען פון זייער קומען רוהע אונ צופריעדענהייט, אדער אונרוהע מיט פערדרוס, וויל זייא וועלען פון איהם פערלאנגען אזעלכע זאכען וועלכע איהם איז אונמעגליך צוא טהון אונ ער וועט דארום מוסען זייא ענטזאגען אונ וויא שלעכט וואר איהם א מענשען צוא ענטזאגען! — ניט וויסענדיג וואס אונ וויא, האט ער מיט'ן ערשטען בליק אויף א פרישען מענשען ערקאנט, דאס פון דעם וועט ער האבען צרות, אונ פון דעם — נחת, ער האט זעלבסט בייא זיך געגלויבט, דאס ער

 ערקאנט

ערקאנט מיט זיין טביעת עין אויף א מענשען, וויא געזאגט איזט. ניט איין מאל האט געטראפען אלס איך בין געשטאנען פאר רבנו בעשעפטיגט מיט זיין קארעספאדענציע, דאס אין פארהויז איז העריין אנ'אורח אונ רבנו האט נור פון וויטען זיין בליק געווארפען אויף איהם אונ שוין גלייך מיר פערטרויט אין אהר: דיזער מענש קוממט אנגווארפען זיך אויף מיר — איך וועל האבען פון איהם צרות! — איך האב גוט בעטראכט דעם אורח'ס געזיכט, זיינע בגדים, אונ גאר ניט בעמערקט קיין שפור, דאס מען זאל פון איהם האבען אונאנגענעהמליכקייט, אונ דאהער האב איך בייא רבנו געפרעגט: רבי, וואס בעווייזט אייך אויף דיעזען מאן, דאס ער מיינט שווערעס צוא פארדערן פון אייך? — א! פרעגט ניט, פלעגט ער אנטווארטען, — איך ערקאן, איך וויים;ווארט נור, וועט איהר שוין זעהען. אין איינינע שטונדען, אדער אין אפאר טעג ארום, פלעגען מיר זעהען אונ הערען וויא ריכטיג רבנו האט ערקאנט אונ זא אויך אומגעקעהרט: מאנכע מאל פלעגט קומען אנ'אונבעקאנטער אורח — ניט רבנו אונ ניט מיר האבען איהם געקאנט. עס איז אויך ניט געוועזען צוא ערקאנען אן איהם קיין שפור, דאס ער האט מיטצוטהיילען בשורות אונ רבנו מיט'ן ערשטען אויגענבליק, האט שוין איהם מיט פריידע עמפפאנגען, אונ באלד האבען מיר זיך איבערצייגט, דאס רבנו האט אין איהם ערקאנט א מבשר טוב, דען ער האט גוטע נאכריכט אדער א וויכטיגען ענין פארגעבראכט, דען אין אויג פון רבנו איז מערקענד געוועזען זיינע גאונות זא וויא אין זיין זכרון אונ אין זיין חוש השמיעה, אין זיין גלייכען אונ טיעפען פערשטאנד, אונ דארום האבען זיך שוין זיינע מקורבים ניט געוואונדערט, זעהענדיג זיינע ענדערונג אין זיין אנגעהמען אורחים; צוואר ער האט אלעמען פיין עמפפאנגען, דאך איז געוועזען צוא בעמערקען, דאס מיט יענעם שפריכט ער מילד, אבער וויא ניט ווילענדיג — אונ מיט דעם שפריכט ער מיט'ן פאלען ווילען אונ פערגעניגענד, ווייל אין יענעם האט ער געזעהן אונאנגעהמליכקייט, אונ בערייטונג צוא בעלעסטיגען איהם מיט פערלאנגען וועלכע ער איז ניט אין שטאנד דאס צוא טהון, אונ אין צווייטען — דיא געזינונג פון גוטעס; דארום האט ער פאר דעם ערשטען, נאך בעפאר ער האט איהם ענדעקט זיין פערלאנג, זיך שוין פערטהיידיגט דאס ער קאן וועגען דעם וועניג ווירקען, אונ האט איהם פאראויס איבערגעבעטען, — אונ מיט דעם צווייטען האט ער, וויא געזאגט, מיט פריידע גערעדט.

זיין גלייכער אונ טיעפער פערשטאנד איז גענוג בעוואוסט אין דער גאנצער וועלט, פיר לומדים, דורך זיינע טהייערע ספרים

מיר ברויכען נור צוא בעטראכטען, דאס וויא גרויס אונ טיעף זיין פערשטאנד איז געוועז צוזאמען מיט זיינע אללע זעלע־קרעפטען אונ פעהיגקייטען, זיין וואונדערליכען זכרון אונ אללע חושים וויא מיר האבען דא בעשריבען, דאך האט ער ניט געטרויט זיינע נאטיר־ליכע איינגעשאפטען, ניט זיין זכרון אונ ניט זיין פערשטאנד אונ האט זיינע אללע זאכען געפיהרט מיט זא אנ'ארדענונג, וועלכער פערשפארט א העלפט ארבייט. זיין לייבען דעם ארדענונג איז געוועזען וואונדערבאר זא וויא אין זיין לערנען זא אויך אין זיינע אללע ענינים. זיין גרויסע קארעספאנדענציע האט ער געפיהרט וויא א געניטער בוכהאלטער אין א גרויסען קאנטאר־געשעפט. צעהנדליגע בריעפע פלעגען צוא איהם קומען טעגליך, ביים עפנען יעדען בריעף פלעגט ער נור איין בליק געבען אונ גלייך צוריק אין קאנווערט געלעגט אונ פערצייכענט אויפ'ן קאנווערט, פון וועמען דער בריעף איזט, דיא דאטום אונ זיין אינהאלט, אונ געלעגט איהם אויף א געוויסען ארט, אונ אזויא האט ער געזארטירט אללע בריעפע, וועלכע פון שאלות אין תורה זאכען, וועלכע געהערען צוא דיא פאלקס־פראגען, אונ וועלכע צוא אנדערע אינטערעסען, נאכהער פלעגט ער אנפאנגען צוא אנטווארטען, יעדער זאך מיט זיין ארדנונג — וועלכע נעטהיגער זיינען באלד געאנטווארטעט געווארען אונ פערצייכענט צוריק דעם ווארט „אנטווארטעט", דורכגעזעהען, אונ אויך אין קורצען, דעם אינהאלט פון דער תשובה, אונ געלעגט איהם בעזאנדער, אב זיין אינהאלט איז וויכטיג, אונ ווען ניט — געווארפען אין קארב. — אונ וויא ער האט ליעב געהאט ארדענונג, זא האט ער געליעבט צוא היטען אללע זיטליכע אויפפיהרונג מיט מענשען, וואס געהערט צום אלגעמיינעם „דרך ארץ", א! דיעזער גרויסער וועלט־לעהרער אין תורה, אין הוראה, ברויכט צוא זיין פיר אללע עוסקים בתורה ובמצות, אויך א לעהרער אין דרך ארץ, וויא צוא היטען דיא תורה אונ מצות צוזאמען מיט אללע זיטליכקייטען אונ מענשען בעהאנדלונג, אום צוא בעליעבען דיא תורה צוזאמען מיט איהרע לערנער אויף לייטען. דיא געבילדעטע קלאסע, דיא אינטעלליגענציע, וועלכע זיינען העכסט אבגעהיט אין אללע צערמאניען פון עטיקעטע, פלעגען איהם בעוואונדערן, וויא אדעל וויא העפליך ער געהמט צוא מענשען, גאר ניט שטודירענדיג אין אוניווערזיטעט פון גאסט־אויפנאהמע, נור פון דער נאטירליכער גראדער וועג פון דער תורה הקדושה וועלכע לערנט אויך דרך ארץ אונ אללעס וואס געהערט צוא מענשענגעזעלשאפט.

מיר רעכענען פיר איבריג צוא זאגען, דאס ער פלעגט „מקדים שלום לכל אדם" זיין, ד. ה. נאכפרעגען זיך וועגען דעם בעפינדען

זיך פון יעדער מענשען אונ אויך געפיהרט זיך אין אלע מאראלישע אונ זיטליכע אויפפיהרונג, וויא אונזער גמרא אונ אונזערע מדרשים לערנען אונז, זא וואס געהערט צום דין אונ דעם גלייכען וואס געהערט צוא דרך ארץ; מיר ווילען נור ערצעהלען וויא פיעל ער איז געוועזען אויסגעצייכענט אין זיין אויפפיהרונג מיט מענשען ביז צום בעוואונדערן; וויא פיעל ער האט געזוכט אימער יעדען מענשען אבצוגעבען זיין עהרע, שעטצען אונ בעליעבט מאכען איהם בייא אלעמען, לויט זיין טאלענט, אדער זיין אמט, ווען ער איז אפילו זעהר קליין. ווען א חזן, אדער א פשוטער בעל תפילה, א בעל תוקע האט פארן צבור (פובליקום) זיין טאלענט בענוטצט, האט רבנו באלד גאך'ן דאווענען אדער שופר בלאזען, מיט'ן פאלען מויל הויך א ברייטען יישר כח (דאנק) יענעם פאר דעם גאנצען פובליקום געגעבען, מיט דער כונה בעליעבט צוא מאכען איהם בייא דעם פובליקום. צוא ליעב דער גוטער כונה יענעם א טובה צוא טהון, אין עהרע אדער אין געלד, אדער אזויא א טובה, פלעגט רבנו זיך גיט פוילען צוא ווידערהאלען זיין יישר כח, זיין דאנקבארקייט איינינע מאל אונ אויך פאר כמה נכבדים ווידערהאלען דיא זעלבע. וויסט איהר? — איך האבע הייטע פיל הנאה געהאט פון זיין דאווענען, אדער פון זיינע תקיעות — ביז ער האט אלעמען געבראכט צוא בעדאנקען דעם זעלבען.

דעם ווירטה, אין וועמעס האף רבנו האט געוואהנט, האט ער אבגעגעבען כבוד וואס געהערט צוא א בעל הבית, יעדען מאל ווען רבנו פלעגט דארפען איין רייזע מאכען, פלעגט ער שיקען רופען דעם בעל הבית מיט זיין פאמיליע אום צוא נעהמען אבשייד פון זייא, זעהר אפט ווען ער פלעגט פאראיבער געהען דעם ווירטהס טהיר, פלעגט ער איהר עפענען אונ אויסשרייען צום ווירטה אונ צוא דער גאנצער פאמיליע אנ'ערענסטען גוט מארגען, וויא זאגענד, אט איך פיהל אונ ווייס דאס איהר זייט מיינע געעהרטע בעלי בתים, וועלכע שיטצען מיך. זעלבסט פערשטענדליך, דאס זייא האבען זיך דאמיט אימער העכסט בעעהרט געפיהלט אונ יעדערער האט געוואונשען איהם אלס א שכן צוא האבען בייא זיך אין הויזע. —

ווען ער פלעגט זיין געלאדען אין אקלויז אדער צוא א חברה (פערזאמלונג) אויף א סיום הש"ס אדער אזויא אויף א היילינע שמחה, וועלכע מען ברויכט פייערן אין היילינען פראכט אונ רבנו וואר געלאדען צוא בעעהרען דיא געמיינדע אונ ערלייכטען דיא שמחה מיט זיין תורה, דאן פלעגט רבנו צייגען פיר אלעמען דאס ער אנערקאנט דעם גבאי פאר דעם הויפט-מאן אין דעריין מיט זיינע

זיסע רייד אונ ערנסטען שמייכעל פלעגט ער געבען דעם גבאי צוא וויסען דאס ער, רבנו, איז היינט זיין ערגעבענסטער. אונ ניט נור דעם גבאי — אפילו דעם שמש פלעגט ער אויך שעטצען אלס איין העלד פון דער שמחה. דאך האט ער זיך געהיט פון צוא שאפען קנאה (בענייָדונג) צווישען אנדערע, אונ פלעגט אלע מתעסקים וועלכע האבען זיך בעשעפטיגט אין דער מצוה, עהרען אונ ערהעבען אום ניט איינער זאל זיך געפינען בעליידיגט דורך דעם. דארום וויא רבנו פלעגט קומען, פלעגט מיט איהם קומען פיר אלעמען כבוד, שלום, נחת אונ אלע צופריעדענהייטען צווישען דיא געזעלשאפט, וועלכע מיט דאנק אונ פריעדענס-וואונש פלעגען איהם בעגלייטען צוא הויזע.

ווען רבנו פלעגט קומען אין א גרויסע שטאדט אדער אין א קליין שטאדטעל, פלעגט ער באלד בעזוכען זייער רב. — יעדער ארט וואהין רבנו פלעגט קומען פלעגט בעטויבט ווערדען פון טויזענדער מענשען, זא פון דער זעלבער שטאדט, וויא פון הערומיגע שטאדט אונ דארפער — מאננער, פרויען, אלט אונ יונג, וועלכע פלעגען מיט עהרע פורכט קומען עמפפאנגען איהם, ווער צו זעהען איהם, ווער פרעגען א עצה, בעטען זיין ברכה אדער זיין תפלה. דאס פאלק-געטומל וואר זא גראס, דאס פיעל פון געעהרטע קריסטען פלעגען אויך אויף איהם קוקען מיט עהרע, בעוואונדערן זיין הייליגען געזיכט, פון וועלכען עס שיינט הערויס מענשען-ליעבע אונ שלום פיר יעדען ווער ס'איז נור בעשאפען אין גאטטעס פארם, אונ זיי האבען איהם אויך געשאטצט.

אין יאהר תרמ"ז איז רבנו געקומען קיין ווילנא צו דער לויה פון דעם גרויסען האכגעשאטצטען מאן ר' מתתיהו שטראשון ז"ל. אונ טראץ דעם וואס ווילנא מיט קאוונא זיינען כמעט וויא איין שטאדט דורך אנדערטהאלבען שטונדען באהן-רייזע אונ ווילנער זיינען גאנץ אפט אין קאוונא אונ רבנו איז אויך פיעל מאל אין ווילנא געוועזען, מען האט איהם דארט גענוג געזעהען אונ געקאנט אונ דאך וויא רבנו האט זיך געזעטצט נאכפאהרען דיא לויה, איז געווארען פאלל דיא שטראססע מיט אללע זייט-גאסליך, נור וואו מען האט געקאנט דאפפען, דאס פון דארט וועט מען איהם קאנען זעהען. מען האט גאר פערגעסען דעם כבוד פון דער לויה נאך דעם וויכטיגען מת, איבער דעם כבוד פון דעם לעבעדיגען רבנו. אללע דאכער זיינען געוועזען בעדעקט מיט מענשען וועלכע זיינען הערויף געשטיגען אום צו זעהען פון דארט. מען האט אויסגעשפאננט דיא פפערד אונ איהם מיט'ן וואגען אויף זיך געטראגען, ניט אכטענד זיין בעטען זיך מען זאל איהם ניט קראנקען מיט א כבוד וועלכען ער האסט. פיעל מיה האבען

געהאט דיא פאליציי צו האלטען דעם ארדענונג, מענשען זאללען ניט אומקומען פון זא א גרויסען פובליקום, וואס יעדערער שלאגט זיך צו זיין נאהנט צו איהם. אונ אויך צוריקק קומענדיג אין האטעל זיינען איהם טויזענדער מענשען בעפאלען, ביז ער האט געמוזט פון שטאדט צו הויזע פאהרען ניט אברוהענדיג דארט.

קורץ, דער טאג וואס רבנו איז אין א שטאדט געקומען איז געוועזען זא וויא א הייליגער פייערטאג פיר דער שטאדט, אונ וויא גליקליך אונ בעעהרט וואר דאן דער רב פון שטאדט אונ וויא נאך פון א קליין שטעדטעל, וועלכע דיא גאנצע אויסהאלטונג דעם רב׳ס איז פון זאלץ אדער הויבען מאנאפאל, וואס דיא שטעדטעל ערפינדעט פיר דעם רב. ער לעבט גענבאך, אויף ענגען בראד מיט זאלץ פון זאלץ-מאנאפאל, אונ טרינקט דעם ביטטערן בעכער מיט דיא הויבען איבער דעם הויבען-מאנאפאל; דיא ארמוטה מאכט איהם ניעדריג ביי זיך אויך וויא ביי אלעמען; אונ זא פינסטערענדיג — מיט א מאל ווערט זיין הויז ערלויכטען פון רבנו, דער יודישער ערלייכטער, פאר דיא אויגען פון גאנץ שטאדט. אהייליגער פורכט געהט אויף אלעמען הערינבער צוזאמען מיט א געוויסעם פלאג, פאר זייער אויפפיהרונג מיט זייער רב, וועלכער, זייא איבערציינגען זיך היינט, וויא געשאטצט ער איז דאס ביים דעם וועלט-גאון; זיי פיהלען וויא זיי ברויכען איהם מחילה בעטען. רבנו פלעגט צו דעם ציעל דעם רב כבוד געבען אונ בעליעבען איהם, אונ זיך בעמיהען צו בעשטאטיגען דיא אויס-האלטונג פון דעם רב, אונ בעפעסטיגען דעם שלום. — אט אזויא פלעגט ער ווירקען פיעל גוטעס פיר דיא תורה-היטער דורך דרך ארץ שקדמה לתורה, ד. ה. מען ברויכט דרך ארץ פאראהער צוא האבען צו ליעב דער תורה.

ז.

זיין התמדה (פלייסיגקייט) אין לערנען.

אונבעשרייבליך איז זיין פלייסיגקייט אין לערנען. א געוויסער רב, א בעוואוסטער איש אמת האט מיר ערצעהלט, דאס דיא ערשטע 6 יאהר האסט זייענדיג אויף זיין שוויגער-פאטערס טיש, ווען ער פלעגט דארפען מפסיק זיין (אבהאלטען) פון לערנען אונ הערויס-געהען פון בית מדרש, פלעגט ער איבערלאססען דיא גמרא אפען ביין ענדע טיש נאהענט פון טהיר אום ער זאלל איהר באלד

צוריקק הערייגגעהענדיג, געפינען אפען צום לערנען אין ערשטען
אויגענבליק, אום צו געווינען דיא צייט וואס דויערט דער צוגעהען פון
טהיר ביז זיין שטענדיגען ארט אין בית מדרש!

קומענדיג פון בית מדרש צו הויזע, בייא דעם שוויגער פאטער
אדער נאכהער בייא זיך, פלעגט ער ניט ווארטען ביז מען וועט דער-
לאנגען געקאכטס, נור גלייך געוואשען זיך אונ געהאפט טרוקענע
ברויט, פערטריעבען דעם הונגער אונ בעפאר מען האט אין שטוב
איהם בעטראכט, איז ער שוין ענטלאפען צוריק אין בית מדרש
אונ געלערענט.

זיין פאטער דער צדיק, „ראשער" רב זצ"ל, איז אמאל צוא
איהם אין ווילקאוויסק געקומען זעהען איהם. וויא רבנו האט מיט
איהם נור איינינע ווארטען גערעדט האט ער פון זיין פאטער פערציידונג
געבעטען, דאפיר וואס ער קאן מיט איהם פיעל ניט פערברייגגען,
דאדורך מבטל צו זיין פון זיינע שעורים אין לערנען. דער טהייערער
פאטער האט גוט געוואוסט זיין טהייערען זאהנס ליעבע צו דער תורה,
וועלכע איז בייא איהם דיא טהייערסטע אונטער דער זאננע, האט ער
זיך דארום געזעגענט באלד אונ צוריק אהיים געפאהרען.

אין ווילקאווסק זייענדיג, וויא ער איז פון בית מדרש געקומען
מוצאי יום כפור, האט ער נאך דעם לאנגען תענית, איילענדיג
צוגעביסען אונ גלייך געלאפען צוריקק אין בית מדרש. ניט עטוואס
זיך אפרוהען אונ א קליינע ווילע שלאפען נאך דיא ערמידונג פון
פאסטען אונ וואך זיין דיא פאריגע הייליגע נאכט, האט ער געלערנט
דיא גאנצע נאכט מוצאי יום כפור מיט א הויכע זיסע שטימע אהנע
אויפהער, אבער א פאר שעה פאר טאג איז ער זעהר דורשטיג
געווארען. אין בית המדרש איז קיין וואסער געווען, אהיים האט ער
ניט געוואלט געהן אויפוועקען זייא פון זיסען שלאף נאך דעם פאסט-
טאג. ער איז הערומגעגאנגען הערום בית מדרש, פיעלייכט וועט ער
ערזעהען אירגענד ווא פייער, וועט ער דארט וואסער בעקומען; אבער
אלע שלאפען — אום-אונד-אום פינסטער — ער איז כמעט אין געפאהר
געווען ביז ער האט ערזעהען א קצב געהענדיג צו זיין ארבייט, ער
האט איהם געבראכט וואסער אונ רבנו האט אבגעלעבט. פיעל יאהרען
האט ער דעם קצב ערינגערט אונ געוואונשען איהם פיעל גוטעס.

מיר האבען שוין פאראהער געשריעבען, דאס זייענדיג אין זאבעלען
האט ער געלערענט אין גרויס ארמוטה אונ 20 שעה אין מעת לעת
אהנע צו הארען אונ וויסען וואס עס איז געשעהן אין הויז. פון דער
התמדה אין לערנען האט ער זיך ניט פארנאכלעסיגט אויך נאכהער

וויא ער איז שאן זעכציג יאהר געוועזן פערנומען אין רבנות אין וועלכע, אויסער הוראה אונ אלע שטאדט-זאכען וויא ארדנונגען פון צדקות אונ דעם גלייכען, וואר ער אויך בעשאפטיגט אין ענינים פון כלל-זאכען, הונדערטער מענשען נאהענטע אונ ווייטע פלעגען איהם טאג טאגליך בעלאסטיגען מיט פראגען אונ פארדערונגען. אונ זיין גרויסע אונ וויכטיגע קארעספאנדענציע אונ בריעף-וועכסעל, וועלכע איז געווען איבער דיא קראפטען פון א מענשען — אונ דאך איז ער געווען אין גאנצען איבערגעגעבען צו דענקען אונ לערנען תורה, ווייל קיין טהייערער זאך איז בייא איהם ניט זא טהייער געוועזן וויא דיא באשעפטיגונג אין דער תורה, אין וועלכע ער האט געדענקט טאג אונ נאכט, אין זא אנ׳ארט, וועלכער ס׳איז אונגלויביג פיר דעם וואס איז מ״ז איהם שטענדיג אין זיין צימער ניט צוזאממען געוועזן. ווער עס פלעגט הערייגקומען צו איהם אין הויז אונ פערזאממט א שטונדע, פלעגט בעוואונדערן זיין גיטיגקייט, דעם חן אונ גנאדע וועלכע שיינען אויף זיין געזיכט; וויא מילד אונ זאנפט זיינען זיינע רייד מיט יעדער מענשען. ווער עס האט נור מיט איהם געשפראכען איז פון איהם הערוים זעהר צופריעדען, אונ געפיהלט זיך געעהרט אונ געשאטצט פון גרויסען וועלט-גאון. יעדער האט גערעכענט, דאסס רבנו איז איבערגעגעבען נור פיר מענשען פריינדשאפט. אבער וויא האבען איהם בעוואונדערט זיינע הערומיגע לייט, וועלכע האבען איהם געקאנט אינגעריך, אונ געוואוסט ווירקליך אז דיא גאנצע צייט וואס ער האט אנגענומען מענשען אונ געשפראכען מיט זייא אונ זייא געבענשט, געשריבען פיר זיי, בעשאפטיגט זיך אין יעדערענס פערלאנג — דיא גאנצע צייט איז זיין זינן פערטיעפט געוועזן אין תורה, זיינע געדאנקען האבען געשוועבט פון איין ענין צום אנדערן, אונ געקלארט אונ געוועבט דינים, תשובות אויף שאלות, וויא מיר אלע אין זיין הויז האבען זיך איבערצייגט זעהענדיג שטענדיג, דאסס אין אלע זיינע בעשאפטיגונג אונ געשפרעכען מיט לייטען, זא וויא אין כלל-זאכען, זא וויא אין געשאפטען פון איינצעלדע מענשען (דאס גלייכען אויך אין עססען, אונ זעהר אפט אפילו פון שלאף) פלעגט ער אויפשפרינגען פון ארט אונ חאפען א גמרא, א רמב״ם א שאלה ותשובה איינקוקען, טראכטען, קנייטשען דעם שטערן אונ זינגען זיך מיט זיין בעגייסטערטען גמרא נגון, אונ געשריבען, געצייכענט אונ דאן האט מען גוט פערשטאנען, דאסס דיא גאנצע צייט וואס זיינע אלע קארפערליכע כחות אונ חושים האבען געארבייטעט מענשליך, וויא עס ברויכט צו בעשאפטיגען זיך א טוב לשמים ולבריות — אגוטער פיר דעם וואס אין הימעל אונ פיר לייטען —, דיא גאנצע צייט זיינען געוועזן זיינע זעעלע קראפטען איבער געגעבען צו דער תורה.

צו ערקלארען ריכטיג א אונבעדייטענדען דין, דיא בעשיידונג פון וועלכע עס איז איין צווייפעלל, אונ נאכהער ווען רבנו איז געבליעבען אליין אין זיין צימער, דיא שטוב איז געווארען רוהיג, שטיל פון מענשען דאן פלעגט ער זיך בעדויערן פאר זיינע מקורבים: אח! וויא מיר איך בין, אוי! זייא לאזען מיך ניט לערנען! פיעל מאל האט געטראפען, אלס איך בין העריין נאך האלבע נאכט צו רבנו אונ איהם געפונען שטעהענדיג ביא זיין לערן־פולט שלוממערנדיג, איך האב אנגעפאנגען בעטען: רבי, איהר זייד ערמידעט, געהט שאן רוהען! — יא, יא, פלעגט ער אנטווארטען, איך געה שאן שלאפען. — אבער, רבי, איהר וועט דאך נאך ניט געהען? — דאן פלעגט ער שאן וויא ערנסט אנטווארטען: איך געה שאן — שמע ישראל! ... זא האט ער אנגעפאנגען קריאת שמע צו לייענען, וועלכע מען בריכט אויפין בעט, כדי איך זאל גלויבען, דאסס ער געהט שאןווירקליך שלאפען. אין א פאר שטונדען נאכהער האב איך געברויכט צו זיין ביא איהם אין שטוב — איך האר, צו מיין בעוואונדערונג, וויא רבנו לערנט מיט זיין הויכע זיסע שטימע, איך קוק מיר איין דורך דיא שליססעל לאך פון זיין טהיר — איך זעה וויא רבנו בלעטטערט גמרא, רמב"ם אונ אנדערע פוסקים, זינגט פרעהליך דענקענדיג אונ פערשרייבט חדושים פון תורה! אונ וויא נאך מעהר בין איך פערוואונדערט געווארען ווען איך האב גראדע אין דער זעלבער נאכט, פאר טאג, אויך געברויכט ביא איהם אין הויז צוא זיין אונ האב דארום דיא נאכט ניט געשלאפען, אונ קומענדיג פאר טאג צוא איהם געפין איך איהם אויפ'ן זעלבען ארט שטעהענדיג, אונ לערנט אונ שרייבט — אונ איך בין געבליעבען אונגעוואוסט, אב אין דער צייט, אין וועלכע איך בין געוועזען ביא איהם האט ער א פאר שטונדען געשלאפען אונ איז עס שוין צוריק אויפגעשטאנען, אדער ער שטעהט נאך אזויא, גאר אונגעשלאפען, וויא איך האבע איהם געסטערן איבערגעלאסען אין לערנען.

שרעקליך וואר צוא זעהען, וויא רבנו פלעגט אפט העררויס־שפרינגען אין מיטען נאכט פון זיין בעטעל, וויא ערשראקען בעוועגענדיג דיא הענד זא וויא שיטצענדיג זיך פון פערפאלגער אונ באלד געוואשען דיא הענד, שנעל געלאפען צוא דיא כפרים, אלטע, נייע, וועלכע געהערן צום דין, אונ געבלעטטערט, געדענקט, געקלערט שטרייטענדיג מיט א סברה, וועלכע איז געוועזען געגען זיין דעה אין א תשובה אויף א טיעפער שאלה, אזויא שטרייטענדיג אין זיין מחשבה האט ער אויך פאר'ן שלאף געשטריטען אונ געקלערט לייגענדיג זיך אונ זא אויך אין טרוים ביז איהם איז אויפ'ן געדאנק העררויף א טיעפזיניגער פלאן וויא צוא בעזייגען דיא סברה וואס איז געגען זיין דעה, אונ

פערשטייפען אונ בעפעסטיגען זיין דעה, וועלכע זיא ערוועקט א ספק פון פקוח נפש, פון אנ'עלענדער ענונה, אדער איין אנדער זאך וואס בעריהרט דעם לעבען פון א יחיד אדער א גאנצען צבור. דיעזער הייליגער געדאנקען שטרייט אין דער תורה האט איהם אויפגעריהרט פון בעט, האט איהם זיין רוהע געשטערט ביז ער פלעגט הערויס פון דעם שטרייט וויא א בעריהמטער העלד מיט זיין רעזולטאט צוא ערלעזען דיא ענונה פון איהר עוויגע פערבונדענהייט צום וויטוען־שטאנד, אדער אנדערע רעטונג פון אידעשע געלד, אדער וואס געהערט צום לעבען.

אויך אומגעהענדיג דרויסען האט זיין מונד אימער גערעדט אין תורה, זאמער דעם מארגענס אומגעהענדיג אין וואלד, אדער צוא הויזע זייענדיג, ווען ער פלעגט מוסען חערויסגעהן, ווייל אין שטוב האט ער שווער געאטהעמט, פלעגט מען איהם זעהען וויא זיין מונד רעדט עטוואס תורה אדער תהלים, אזויא האט ער מקיים געווען דיא מצוה „והגית בה". טאג אונ נאכט, זיצענדיג, געהענדיג, לעגענדיג זיך, אויפשטעהענדיג אויך שלאפענדיג האבען זיינע ליפען אימער זיך בעוועגט אין דער תורה, אין וועלכע אלע זיינע געדאנקען זיינען געווען, זיא וואר זיין בעסטער פערגניגען, זיין גאנצע פריידע, ביז, פון פיעל געוואהנהייט אין לערנען גמרא אונ פוסקים מיט זיין נגון, וואס עס וואר ביי איהם א שטענדיגע נאטירליכקייט, פלעגט ער אויך א ברכה מאכען אונ לעזען בריעפע מיט דעם זעלבען גמרא־נגון. —

יעדערער פון אונזערע לעזער וועט געוויס פערשטעהען, דאס זא א למוד האט געוויס געבראכט לידי מעשה, וויא אלע האבען עס ווירקליך אין איהם געזעהען; דאך, ער זעלבסט האט זיך נאך דאמיט ניט בעגנוגענד, אונ אפט דארויף בעקלאגט זיך וויא דיא גמרא ה״ק ערצעהלט (כתובות ס״ז ע״ב) פון דעם אמורא מר עוקבא זיינע גרויסע צדקות אונ חסידות וואס ער האט געשאפען, אונ נאך אלעם דעם ווען מען האט איהם געבראכט דעם פנקס פון זיינע גרויסע מערקווירדיגע צדקות האט ער זיך בעדויערט אונ געזאגט: „זוודאי קלילי ואורחא רחיקתא", ד. ה. שפייזע גאנץ וועניג; א וועג אבער א ווייטע!

דיא מערקווירדיגע מדה געפינען מיר אויך ביא רבנו. אין דיא לעצטע יאהרען איז רבנו געזעסען אין א זאמער־וואהנונג אויס'ן שטאדט אונ פלעגט טעגליך שפאציערען אין וואלד. אן א זייט פון וואלד אין א קליין הייזיל איז געזעסען אויך אויף א דאציע אנ'אלטער ארמער קראנקער מאן, דיא וועג צוא דער הייזיל איז אויך, געוואהנליך

קיין גרינגע ניט געווען — גריבער, שווייגער נאך אזעלכע זאכען, רבנו אבער פלעגט מהדר זיין אלע טאג צוא בעזוכען דעם אלטען ארמען חולה אין זיין הויז — „עס פעהלט מיר נאך א ביסל גאנג“ — פלעגט ער איינרעדען זיינע בעגלייטער, „לאמיר צוא געהן צוא דער הייזיל, מיר וועלען זיך דארט אויך א ביסל אויסרוהען“, זאגאר נאכהער פלעגט ער דארט קוים קריגען א שטוהל צוא זעצען זיך. —

איין מאל האבען דיא בעגלייטער בעמערקט דאס ער איילט זעהר נאך הויזע — ער האט געהאט פיעלע נעטהיגע קארעספאנדענציעס אב צוא שאפען אונ איז אויך ערמידעט. רבנו אבער, כדרכו, ציהט זיך הערונטער פון וועג אום צוא געהען צוא יענער הייזיל — אלזא האבען זייא איהם געשטערט בעטענדיג, ער זאל נאך הויזע צוריק געהען, ער האט אבער זייא מיט תחנונים געאנטווארטעט: „קינדער, איך בין יעצט ווייט פון שטאדט — איך לערען וועניג, איך טהוע קיינע מצות גאר ניט, אלזא וויל איך וועניגסטענס אלע טאג מקיים זיין מצות בקור חולים“! בעטראכט, טהייערע לעזער! — רבנו וואס האט כמעט ניט מסיח דעת געווען פון דער תורה, געשריבען נאך אנאנד שו"ת געהארעוועט פיר דער גאנצער וועלט — ער האט זיין געוויסען ניט בערוהיגט ביז ער האט זיך לכל הפחות עטוואס ניט געשטילט מיט דאס וואס ער איז אלע טאג מקיים מצות בקור חולים!...

ח.

זיינע זהירות אונ זריזות (פארזיכטיגקייט אונ אבהיטונג).

נאך מעהר וויא מען האט בעוואונדערט זיין התמדה אין תורה, איז וואונדערבאר געווען זיין פארזיכטיגקייט אונ געשיקליכקייט אין אלע זיינע אנדערע ארבייט וואס פלעגען פון זיין האנד הערויסגעהען. צוואר זייא זיינען געווען ניט שטארק הייליג; דאך זיינען זייא אין א הייליגען זינן בעארבייטעט געווען, אין זא איין ארט, דאס זייא זאלען ניעמאלס קיין אירטהום קענען בריינגען אין א דין פון דער תורה, צום ביישפיעל: אין וועלכע געוואהנליכע בריעף פלעגט רבנו זעהר היטען צוא שרייבען דעם נאמען פון אדרעסאט, דיא דאטום אונ דעם ארט, ריכטיג וויא מען ברויכט צוא שרייבען לויט דעם דין, אין א גט, א כתובה אונ דאס גלייכען, אום עס זאל פון זיינעם א בריעף, וועלכער איז געשריבען זאגאר אין א וועלט זאכע, ניט הערויס קיין טעות אין גטין וקדושין — פיעלייכט ווען איינער

פון זיינעם א בריעף זיך לערנען, זאגענדיג, דאס אזויא האט רבנו אויך געשריעבען. א געוויסער גביר, זיינער א בעקאנטער האט זיך זיין נאמען איבער געלעגט נאך דער מאדע. רבנו אבער האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג אונ ניט מערקענדיג אונ פלעגט צום גביר שרייבען שטענדיג זיין געוואהנליכען יודישען נאמען, צוא לעגענדיג דעם נייםאדישען נאמען אויך, אונ וויא פיעל זיינע מקורבים האבען זיך ניט געבעטען, ער זאל מעהר צוא איהם זיין אלטען יודישען נאמען ניט שרייבען, דען דעם מענשענס ווילען איז דאך זיין עהרע, אונ ער וויל דאך ניט אנדערש וויא זיין נייעם נאמען — וויא פיעל זייא האבען איהם ניט געבעטען, האבען זייא אלץ אויף איהם ניט געווירקט — ער האט אלעס וויא פאר'הער צום גביר געשריבען, ביז זייא האבען זיך ערוואוסט, דאס רבנו טהוט עס מיט א פארזיכטיגען מיינונג, איבער דער אורזאכע וואס מיר האבען דא געזאגט. מיר האבען זיך אויך איבערגעצייגט וויא פארזיכטיג ער פלעגט זיין אין שרייבען דיא נעמען פון דיא חדשים, צוא שרייבען זייא לויט וויא דער דין איז אין א גט, מעהר צוא מערקען איז עס געוועזען, ווען ער פלעגט פארזאגען אנ'אנדערן ער זאל פיר איהם שרייבען. צ. ב. ש. ווען מען האט געברויכט שרייבען „כסליו" פלעגט רבנו פארזאגען הויך אונ אויסשפרעכען דייטליך „כסלו"! אהן א „יוד" נאך'ן למד. ער האט עס נור דאריבער געטהאן, ווייל אין א גט שרייבט מען אויך כסלו אהן א יוד.

א מורה הוראה פון א גרויסער שטאדט איז געקומען צוא רבנו מיט א ספר וואס ער האט פערפאסט, אום רבנו זאל זיין הסכמה געבען אויפ'ן ספר. רבנו בעטראכטענדיג דעם ספר, איז ער איהם געפעלען געווארען אונ האט דאריבער א שענע הסכמה געשריבען, דעם פערפאסער אבער האט ער זעהר קליין געטיטולירט. נאטירליך האט דער מחבר דאפאן גרויס פערדרוס געהאט, אונ האט געגעבען צוא מערקען, דאס פיר דעם אויסברייט פון ספר וואלט בעסער זיין ווען רבנו וואלט אויסבעסערן דעם טיטול, רבנו אבער האט ניט צוגעהערט אונ האט דעם טיטול ניט געענדערט. בייא אונז, קאנענדיג דיא גוטהערציגקייט פון רבנו, איז אגרויסער וואונדער געוועזען, דיא הארטקייט זיינע דיעזעס מאל געגען דעם מחבר, אונ מיר האבען איהם געפרעגט, וואמיט האט דער ספר זוכה געוועזען מעהר פון מחבר? — ער האט אונז געאנטווארטעט: פערשטעהט איהר? — אין דער שטאדט וואו דער מחבר איז א מורה הוראה איז געווארען א רב אב"ד א יונגער מאן, וועלכער בעטרעט זיין פאטערס שטעלע, אונ דער יונגער רב איז ווערטה צוא זיטצען אונ בעטרעטען זיין פאטערס רבנות, אלזא

ווען איך זאל דיעזער מורה הוראה פון דער זעלבער שטאדט בעקרענצען מיט א גרויסען טיטול, וועט ער זיך געפינען ווערט צוא זיין גאר דער רב אב"ד און וועט שטאלצירען געגען דעם יונגען רב, וועמען עס וועט שאדען און פערדרוס קאנען שאפען. זא ווייט האט זיינע פארזיכטיגקייט עררייכט!

איין מאל אום חול המועד איז פארגעקומען א וויכטיגע זאכע, וועלכע מען האט ניט געקאנט אבלעגען און רבנו האט געפונען פיר א היילגען פליכט צוא שרייבען אום חול המועד צוא א גרויסע קהלה, וויא דער דין איז פון א דבר האבוד, ד. ה. ווען ניט יעצט צוא טהון דיא זאכע איז נאכדעם פערפאלען. און דיא זאכע האט געפאדערט דאס רבנו זאל דעם בריעף דווקא אייגענהענדיג שרייבען. וויא ער האט שוין מיט זיינע שוואכע אויגען דעם בריעף אבגעשריבען האט ער זיך, ליידער, הערומגעזעהן, דאס עס געפינט זיך אין איהם א פלעק, מיר האבען איהם בערוהיגט זאגענד, דאס דער פלעק קאן גאר ניט שאדען, רבנו האט אבער געאנטווארטעט: ניין, איך געפין מעהר געטהיג דיעזען בריעף איבער צוא שרייבען, וויל ער איז דאך געשיקט צוא א גאנצער געמיינדע, צווישען וועלכע ס'איז מעגליך עס וועלען זיך געפינען מאנכע געגנער צוא דער בקשה, און וויא זייא וועלען געפינען א פלעק אין בריעף, וועלען שוין דיא איבריגע אויך דיא גאנצע ביטטע ניט אכטען. — אלזא אין א זאכע וואס ווענדעט זיך אן פערשיעדענע דעות, ברויכט מען קיין ארט ניט צוא געבען פיר געגנער צוא רעדען עטוואס שלעכטעס וועגען דעם. — און ער האט זיך געשטארקט און געשריעבען מיט זיינע שוואכע אויגען, זאגאר אום חוה"מ, א צווייטען מאל דיעזען בריעף!

וועגען א וויכטיגער זאך, וועלכע בעריהרט פקוח נפשות פון פאמיליען, האט רבנו געפונען נעטהיג צוא פאהרען צוא א וויכטיגען פערזאן, וועלכער וואר אין שטאנד צוא העלפען דיא פאמיליען. דיעזער פערזאן איז געוועסען ווייניגע וויארסט פון שטאדט אויף א זאמער וואהנונג, אויפ'ן וועג צוא איהם איז געווען א גרויסער בערג, איך בין מיט געפאהרען מיט איהם. וויא מיר זיינען געקומען צום בערג, זאגט רבנו צוא מיר: רבי יעקב! — צער בעלי חיים איז דאך דאורייתא, ד. ה. פון דער תורה איז פערבאטען, ניט מצער צוא זיין בעלי חיים, דאס איז ניט נור א מנהג חסידות, — לאמיר הערַאב געהן פון וואגען! איך מיט דעם בעל עגלה האבען זיך געבעטען בייא איהם: יעדט, רבי, מיר געהען אראב, אבער איהר זייד דאך זא שוואך און איהר זייד דאך זיך יעצט עוסק אין

אמצוה

א מצוה פון פקוח נפשות — פערבלייבט אלזא זיטצען אויפ'ן וואגען! ער האט אבער געאנטווארטעט ; דאקטוירים זאגען דאך, דאס עס איז געזונד צוא געהען אויף בערג אונ איך ליעב דאך צוא שפאציערען ; מיר וועלען זיך בעסער אפטער צוא זעצען אויפ'ן גראז — איך האב דאפאן הנאה ; איך וועל דעם בעל עגלה בעפרידיגען פיר דיא מעהרערע צייט וואס ער פערברייננט צוא ליעב מיין געהן צוא פוס. — אונ אזויא איז ער געגאנגען אונ הערויף געשטיגען אויף דעם הויכען שפיטציגען בערג, איינינע מאל אברוהענדיג. דער מאן, צוא וועמען רבנו איז געפאהרען, האט פון זיין וואהנונג בעמערקט וויא רבנו געהט צוא פוס גאר אהנע קרעפטען אונ שטייגט נאך אויפ'ן בערג אונ האט פערשטאנען, דאס ער טהוט עס אויס'ן פערבאט פון צער בעלי חיים — אונ דאס האט אויף איהם געווירקט, דאס ער האט אנגענומען דיא בקשה פון רבנו מיט פריידע אונ געטאהן איהר מיט ענערגיע. זא זיינען געוועזען אלע זיינע מעשים אונ מנהגים אין אלער ארט אבגעהיט לויט דיא געבאטען פון דער תורה, ביז מען האט אין איהם זעלבסט געקאנט זעהן א לעבעדיגען „שלחן-ערוך. וויא זיין ליעבע איז געוועזען גרויס צוא דער תורה, אזויא אויך האט ער געליעבט איהרע מצות, וועלכע ער האט געהיט מיט זיין גאנצעם הערץ אונ זעעלע אונ מיט'ן גאנצען פערמעגען. אלזא איז געווים איבריג צוא בעשרייבען זיין פלייסיגקייט, פארזיכטיגקייט אונ געשקליכקייט אין אלע מצות, אונ זיין גרויסע אונגעהייערע פריידע בייא מקיים זיין יעדער מצוה, מיר וועלען נור אלס איין ביישפיעל ערצעהלען פון מצות סוכה: ער האט כמעט פון סוכה ניט אבגעטראטען א גאנץ סוכות אונ זאגאר אין זעהר קאלטע נעכט האט ער אויך אין סוכה געשלאפען.

ווען עס האט גערעגענט, פלעגט ער הערויס פון סוכה מיט זיפצען אונ קרעכצען, מיט טהרערען פליסענדע אויגען, יעדער מאל הערויסגעהענדיג פון סוכה פלעגט ער זיך הערום קוקען אב ניעמאנד זעהט איהם אונ ווען ער האט גערעכענט, דאס קיינער קוקט ניט פלעגט ער דיא וועגד פון סוכה קוסען, פיעל מאל האט מען דאס אבער בעמערקט, ווען ער האט ניט בעטראכט, דאס מען זעהעט זיין אויפפיהרונג. —

אונ ווער איז אים שטאנדע אויס צוא ערצעהלען זיין פריידע אלע מוצאי יום כפור! — מיט איין שטראהלענדען געזיכט, פלעגט ער מיט זיינע זיסע זאנפטע רייד זאגען אונ פיעל מאל וויעדערהאלען דיא ווארטען: א וויא טהייער זיינען דיא זעקונדען פון היינטיגען הייליגען טאג! וויא גליקליך זיינען מיר מיט דעם הייליגען טאג!

אונ טראטץ דעם וואס ער פלעגט זיין זעהר מיד נאך דיא גרויסע עבודה, אונ פאסטען, אונ נאך פון תפלת געלה וואס ער פלעגט דאוונען פאר'ן עמוד אלע יאהר (אפילו דעם לעצטען יאהר פון זיין לעבען אויך) — דאך האט ער געפאסט מוטה, דען גאטעס גייסט האט איהם געפעסטיגט אונ זיין פריידע וואר גרויס וויא איינער געהט צום טאנץ אונ ווער קאן אויסשרייבען זיין פריידע ווען איהם האט געלונגען א מענשען א טובה צוא טהון! אונ אזעלכע פריידע פלעגט ער אימער, אלע טאג האבען — דען ווער האט נאך זא פיעל טובות געטהאן יחידים אונ דעם כלל ישראל וויא רבנו? — ווער איז נאך געווען זא א שטענדיגער בעל שמחה פון טובות טהון וויא רבנו?!

ט.

זיין עדלער גייסט אונ זיינע צדקות.

עס זיינען דא פיעל מאראלישע פליכטען, פון וועלכע קיינער קאן זיך ניט בעפרייען; עס איז אויך פערהאנדען אזעלכע פליכטען פון וועלכע א מענש קאן זיך פון זייא בעפרייען נור על פי דין — אבער ניט על פי יושר: דער יושר פערפליכטעט אפט צוא טהון דאס, וואס לויט דעם דין איז מען עס גאר ניט מחויב צוא טאן, עס גיבען אבער פיעלע געגענשטענדע, פון וועלכע מען איז בעפרייט על פי דין אונ אויך על פי יושר, אונ דאך איין עדלער פרייוויליגער גייסט, אדער, בעסער געזאגט, מדת חסידות נעהמט זייא אן פיר איין פליכט.

גוא, אלע וויסען, דאס רבנו וואר איבערגעגעבען אין גאנצען פיר דער תורה — זיא וואר זיין הויפט עסק, פיר וועלכען ער האט זיינע אלע קרעפטען, זיינע אויגען אונ זיינע הענד, זיינע געדאנקען אונ דעם גאנצען זינן, זיינע אלע צייטען, טאג אונ נאכט געאפפערט, אין שרייבען, אין אנטווארטען אויף שאלות, אין אויפקלערען וויכטיגע בעשיידונגען אין שווערע טיעפע דינים פיר אחינו בני ישראל; דאס הייסט — תורתו אומנתו, דיא תורה איז זיין גאנצער געשעפט, אונ וויא נאך זיין בעשעפטיגען זיך אין הוראה לדורות, אלזא, איבער דעם הויפט געשעפט זייניגעם איז ער געוויס געווען בעפרייט על פי דין אונ על פי יושר צוזאמען, פון אלע זאכען וואס געהערט צוא טאן פיר יחידים אונ אין ענייני הכלל אבער זיין עדלער גייסט, זיין מדת חסידות האט איהם ערהאבען איבער'ן דין אונ איבער'ן יושר, צוא טהון פיר אלעמען אין אלער ארט גוטעס, ממש מיט מסירת נפש

און נאך אהנע צוא שטערען זיך דאדורך פון תורה, זאגאר אין דיא צייטען אין וועלכע ער האט זיך געאפפערט פיר זיין פאלק אין כלל און אין פרט.

מיר האבען שוין פאר'הער געזאגט דאס איין מיליאן רובל און פיעלייכט נאך מעהר, איז פערזאמעלט געוואָרען דורך אלע זארטען לייטע וועלכע רבנו האט זייא בעוועגט מיט זיינע פיעלע מיהע, פעהיגקייט און פערשטאנד, דאצו, אויף צדקה זאכען, ווען ער האט נור ערהערט פון א שריפה, א פערפלייצונג אדער אנ'אנדער אונגליק וואס איז געקומען אויף א געמיינדע מאחינו בני ישראל, דאן האט שוין רבנו פיר זיך קיין רוהע געפונען, אין זיינע אהרין האבען וויא געקלונגען זיפצען, קרעכצען און געוויין פון דיעניגע, וויא זייא וואלטען זיך בייא איהם בעטען ער זאל זייא רעטען, און פאר זיינע אויגען האבען זיך פארגעשטעלט דיא עלענדע אונגליקליכע אין זייער פורכטבארען אונגליק. — רבנו, וויא גרויס זיין כח הסבלנות איז געוועזען צוא ליידע און טראגען אלער ארט ליידען, וועלכע מענשען האבען איהם פערשאפט — איז געוועזען פון נאטור, אומגעקעהרט, — איין מפונק, ווייך און צארט: איהם איז שווער געוועזען צוא ליידען דיא קלענסטע שמערצען, אפילו ווען א פינגער האט איהם וועה געטהון און דארום וויא ער פלעגט דערהערען, דאס יענע ליידען נעבאך גרויסע צרות פלעגט ער זיך פארשטעלען זייערע ליידען וויא דאס מאכטע איהם זיין — ער פלעגט פיהלען זייערע יסורים, און א שוידער פלעגט איבער זיינע ביינער הערייבער געהן, און דארום איז זיין מיטלייד מיט דעם ליידענדען געוועזען איבערטריבען, דארום ווען זיינער א דינער פון שטוב פלעגט א שאדען טהון אין שטוב און קיינער האט ניט געזעהן זיין שולד, פלעגט ער אויף זיך זעלבסט נעהמען דעם שולד, זאגענד, צוא ליעב שלום הבית, דאס ער זעלבסט האט דעם שאדען געמאכט, און אום אויסצוהיטען דעם דיענער פון קראנקונג — מען זאל פון איהם ניכטס פארדערן געצאהלט און קיין פארוואורפע מאכען. דאפאן איז לייכט פארצושטעלען זיך, וויא פיעל איהם האט צוברעכען דאס הערץ דיא נאכריכט, צ. ב., דאס א שטאדט האט אבגעברענט; איהם איז פארגעקומען וויא פאר זיינע אויגען ליעגען א גאנצע שטאדט אחינו בני ישראל אונטערן פרייעם הימעל און אויף זייא גיסט ארעגען, זייא ליידען קעלט — זיין עדלעס הערץ האט דעם צער ניט געקאנט הערייבערטראגען, ער האט זיך פארגעשטעלט זייער שרעקליכע לאגע זמאטעריאליש און מאראליש. א שריפה פון א בית מדרש אין א שטאדט וואר רבנו בייא גערעכענט וויא איין בראנד פון דיא

נשמות פון דיא איינוואהנער. דער בית המדרש אין א קליינער שטאדט איז דער צענטראל פונקט פון דער געמיינדע וואס פעראייניגט אונ פערזאמעלט אלעמען צוזאמען, אין בית המדרש געפינען אלע קלאסען מענשען זייערע פערלאנגען — דער למדן געפינט לומדים צוא פערברייגגען מיט זייא אין תורה; דער רייכער לאזט זיך ערקאנען מיט זיינע נדבות אדער מיט זיינע דעות; דער ארמער געפינט שטיצע, דער אונגליקליכער בעקומט פאר וועמען זיינע ליידען אויסצורעדען אונ מיט וועמען זיך צוא בעראטהען, וועגען זיין שלעכטע לאגע. אין בית המדרש איז דער ארט פיר דער גאנצער געמיינדע צוא פערזאמלען זיך, וועגען איהרע אינטערעסען צוא שפרעכען — אהנע דעם בית המדרש איז דיא געמיינדע וויא אקערפער אהן א זעלע — אונ וויא גרוים איז דער עלענד פון רב אין זא איין אבגעברענטע שטאדט! ניטא קיין בית המדרש, ניטא קיין מקוה — זיין גאנצער לעבענס-מיטעל צערשטערט! — פערלאסט ער דיא שטעדטעל — דאן זינקט זיא נאך מעהר, מאטעריאליש אונ גייסטליך. — אונ דיא אלע רעכנונגען פלעגען איהם וויא פאר זיינע אויגען זא פארקומען, אונ דער גאנצער עלענד מיט דיא אלע שמערצען האבען איהם אנגעגריפען זא וויא זייא וואלטען איהם זעלבסט בעריהרט, אנדערע מענשען ווען עס גרייפט זייא אן זא איין ארט שמערצען, ווערדען זייא דאך מוטהלאז, אבהענדיג, ביז זייא פערליערען דעם האפנונג הילפע צוא פינדען, וויל בייא זייא פעהלט שאן קראפטען אונ ראטה דאצו; רבנו אבער — וואס מעהר איהם האבען דיא אונטערטרעגליכע שמערצען אנגעגריפען, האבען זייא נאך אין איהם בענייעט נייע איבערנאטירליכע קרעפטען, זא איין ארט קרעפטען, וועלכע געפינען זיך בייא דעם וואס שטרייט אין איין העכסט געפעהרליכען מאמענט דעם לעבען צוא ערהאלטען, קרעפטען איבער נאטור אונ איבער אלע רעכנונגען — אונ דיא אונגאטירליכע קרעפטען פערשאפען איהם דעם העכסטען זיעג, זא האט אויך רבנו געשטריטען מיט איבערנאטירליכע קרעפטען — אונ געזיעגט, אונ פערשאפט הילפע אין א נאטה, אויפצובויען אבגעברענטע שטעדט, אויפשטעללען נייע הייליגע בתי תפלה אונ בתי מדרשים, אונ קודם כל צושיקען הילפע דעם רב פון דער אבגעברענטער שטאדט, וויל רבנו האט געפיהלט דעם צער פון תלמידי חכמים, דאס בייא יעדער צרה איז זייער אונגליקק דאפפעלט. — ווער איז אין שטאנד צוא וויססען דעם צאהל פון דיא טויזענדער מענשען וועלכע זיינען גע-האלפען געווארען דורך רבנו, אונ דיא פריידע טהראנען געמישט מיט דאנק אונ טרייהייט צוא איהם פון דיא זעלבינע אונגליקליכע, בעט-טענדיג פיר רבנו, בייא דעם אלמאכטיגען ער זאל דיעזען צדיק

בעצאהלען פאר זיינע גוטעס, וועלכע ער האט פיר זייא געטאהן ? הונדערטער מענשען, וועלכע איך וויים, און פיעללייכט זיינען אזעלכע געווען טויזענדער, וועלכע האבען פון זיין אייגענע האנד אדער דורך זיינע פארטרויטע מענשען בעקומען יעדערער צווא איינינע הונדערט רובל הילפע, און וויא איך שטעל פון יעדער זאכע נור איינע אדער צווייא ביישפיעלע, וועל איך נור ערצעהלען, וואס ס'האט פאר מיר געזאגט איין אלטער בעוואוסטער רב, א גאון מפורסם, נאכהער וויא זיין שטאדט, אין וועלכע ער איז א רב געווען האט זיך צוריק אב-געבויט נאך איהר גרויסען בראנד, און וויא איך בין געזעסען און געשפראכען מיט איהם, האט ער זיך געשטעלט און אויסגעשריען: א! וויא וואונדערליך איז דער קאוונער רב זאל געזונד זיין, וויא וואונדערליך זיינען זיינע מעשים טובים! — וואס וואלט איך געטהאן אין מיינע אלטע יאהרען מיט מיין פאמיליע ווען ניט ער וואלט מיר זא וויא איין מלאך מושיע רעטטונג און שטיטצע געשיקט? ! אחוץ מיט דיא בעזאנדערע 600 רובל, וועלכע ער האט מיר בעזאנדער בדרך כבוד געשיקט, אויסער דיא איינינע טויזענד רובל, וועלכע ער האט דורך מיין האנד פיר דער שטאט געשיקט, האט ער דאך גע-רעטעט צווא דער עלטער מיין קערפער און זעלע. איך האב שוין, ג"ו צווא דאנקען פון דאס נייע — בעטגעוואנט און, להבדיל, ספרים און אונ אלע נאטהווענדיגע זאכען אהן וועלכע מען קאן איין מינוט אויך ניט לעבען; איך האב אויך פיר זיך דיא שטאדט צוריק אבגעבויט דורך זיינע שטיטצע. און אזויא אויפהויבענדיג זיינע אויגען צום הימעל האט ער אויסגעשריען; רבונו של עולם! גיב איהם לאנגע יאהרען, ער זאל זוכה זיין צווא ערהאלטען נאך פיעל טויזענדער אחינו בני ישראל און בעגיטיגען זייא אין געלד און אין לעבען, ובזכות זה זאל ער זוכה זיין צודערלעבען, זעהען — משיח צדקנו

אין יאהר תרל"ב איז קראנק געווארען זיין זאהן הרב הגדול ר' חיים ז"ל אויף חלי-רע. ער וואר געפעהרליך. רבנו מיט אלע זיינע מקורבים זיינען געווען אין בית המדרש מתפלל זיין. וויא מען האט האט איהם בענאכריכטעט, דאס עס איז דא האפענונג ער זאל בלייבען לעבען, זאגט רבנו: איך האב אין מיין תפלה געזאגט; רבונו של עולם! דוא ווייסט דאך, דאס שוין זא פיעל יאהרען אלס איך האבע זא פיעל תשובות געשריעבען וועגען עגונות, שוחטים, חזנים, וועלכע מען האט זייא געוואלט פערבאטין פון זייערע לעבענסמיטטעלן און איך האב יעדען מאל בייא יעדען ארט געבלענדט מיינע אויגען און אנגעווענדעט מיינע לעצטע מיינע קראפטען זוכענדיג איין היתר און א זכות מתיר צווא זיין, יעדערן אין זיין לעבענסמיטעל צווא אויפהאלטען, ע

מיט זיין ווייב און קינדער — געפין דאך אויך א זכות פיר מיין זאהן אפאטער פון ווייב און קינדער ער זאל לעבען בלייבען.

א מורה הוראה אין א שטאדט נעבען קאוונא, האט כשר געמאכט פלייש פון אקאלב, וועלכע מען האט געשלאכטעט עהדער זיא איז אלט געוועזען אכט טאג. דיא לומדים האבען געמאכט א גרויס רעש און געבראכט דיא שאלה אין קאוונא פאר רבנו ערשט דאן, ווען נור איינגע פונט פלייש איז פון דער קאלב געבליעבען. רבנו האט זיין גאנצען מח מיט אלע קרעפטען אוועק געלעגט אויף דער שאלה, ביז זיינע הויזלייטע האבען איהם געפראגט: רבי, ווארום בעמיהט איהר זיך זא פיעל אויף א שאלה פון איינגע פונט פלייש? איזט עס דען א שאלה פון אנ׳עגונה? ער האט געאנטווארטעט: איהר פערשטעהט ניט, דאס דיא שאלה איז אויך זא וויכטיג וויא א היתר פון אנ׳עגונה: — דער מורה הוראה איז נעבעך היינט אויך אין אנ׳אונגליק וויא אנ׳עגונה, — אב איך וועל ניט געפינען קיין היתר אויף דיא פלייש, וועלכע ער האט כשר געמאכט, פערלירט ער זיין ברויט מיט זיין עהרע — נאמען און דיא שאנדע בלייבט אויך אויף זיינע קינדער. — רבנו האט באלד געפונען א צופאל פון א פאסענדען דין אין גמרא צוא פערגלייכען דיזען מורה הוראה מיט אנ׳עגונה. זייא זיינען ערשטוינט געווארען הערענדיג.

פיעל מאל האט געטראפען, דאס רבנו האט געשיקט געלד אבגעברענטע אדער פעראונגליקליכטע פון אנדערע זארטען, וועלכע האבען גאר ניט געפארדערט פון איהם הילפע און האבען זאגאר ניט געדענקט פון בעקומען הילפע, און וויא זיין שטיצע איז זייא אין האנד געקומען, האבען זייא מיט וואונדער אנגעקוקט וויא עס וואלט זייא פון הימעל הערַאבגעפאלען.

פיר פילע ניט היזיגע ארמע לייט, צ. ב. סאלדאטען און דאס גלייכען פלעגט מען צוא שיקען געלד בריעף אויף זיין אדרעססא. איינגע מאל איז געקומען אין ארמער האלב געלאהמטער יוד פרעגען אב ס׳איז ניט אנגעקומען פיר איהם א פאספארט צוא רבנו. רבנו פלעגט ניט קענען צוא זעהען וויא ער קומט מיט זיינע לעצטע כחות און שטייגט אויף דיא טרעפע. אין א געוויסען טאג אז פיר דעם האלב געלאהמטען יודען א פאספארט אנגעקומען. געוואהנליך פלעגט אזעלכע זאכען א געוויסער הויז-מענש צוא זיך נעהמען אום איבערצוגעבען זייא דיא מענשען צוא וועלכע זייא געהערען. ווען זייא קומען עס פאדערן. דיזען פאספארט אבער וויא רבנו האט דערזעהען, האט ער געבעטען דעם הויז-מענש ער זאל איהם אין האנד איבער־געבען. — „וואצו ברויכט איהר איהם רבי?״ — פרעגט איהם דער

הויז-מאן. — איך ברויך איהם ביא זיך האבען, אנטווארטעט רבנו. אונ האט אזויא רעדענדיג דעם פאספארט צוא זיך אין טאשע געלעגט, אונ האט געזאגט צוא זיין בעגלייטער פון שפאציערגאנג: לאמיר זיך דורך געהן! דער בעגלייטער האט געוואלט געהן אין דער וועג וואו ער פלעגט אלע טאג געהען, וואו עס איז גוט דיא לופט, אבער רבנו זאגט: איך וויל הייטע געהן דארט אין יענער שטראססע. בעוואונדערט איז ער מיט איהם מיטגעגאנגען אין איין פערדומפפענער גאס אונ צוא געגאנגען צוא אנ'ארעמער אכסניא. עס איז געווארען דארטין א גערודער, א געפילדער פון אלע בעלי-עגלות אונ נאך פיעל לייטע אונ דיא גאנצע גאס איז אויפגערעגט געווארען, זעהענדיג וויא רבנו איז אין דער אכסניא העריין אונ האט דעם ארעמען, האלב-געלאהמטען מאן זיין פאספארט איבערגעגעבען. דער בעגלייטער אונ נאך מענשען האבען איהם געפראגט: רבי, וואצו האט איהר זעלבסט געברויכט צוא געהען אין אנ'ארט ווען אייך איז שווער צוא אטהמען? (דאס וואר דער לעצטער ווינטער, ווען ער איז שוין געווען, זאגאר אומגעהענדיג, געפעהרליך קראנק), רבנו האט אבער געאנטווארטעט: ווען קאן דאס מיר טרעפען זא אמצוה צוא טאהן? — צוריק האט ער שוין געהען ניט געקאנט אונ האט געמוזט פאהרען נאך הויזע.

אלע הויזיגע לייט האבען געפונען אין רבנו דיא מדה פון יעקב אבינו ע"ה, וועלכער האט זיך בעמיהט העריבער צוא געהן דעם טייך „יבוק" אנ'איבעריגען מאל נור צוא ליעב קליינע קריגעלאך וואס ער האט פערגעסען, אזויא איז אויך טהייער געווען ביא רבנו דיא קלענסטע זאך וואס איז קיין האלבען פעניג ניט ווערטה, דיא ליידיגע זייטען פון דיא בריעף וועלכע זיינען צוא איהם געקומען פלעגט ער אברייסען אונ בענוצען אויף צוא פערצייכנען קליינינקייטען, זא אויך האט ער געהאט צווייא זארטען פאפיר, גוטע אונ פשוט'ע, גוטע אויף בריעף צוא געעהרטע לייטע; אונ צוא זא אנ'ענין, צוא וועלכען מען ברויכט ניט קיין גוטע פאפיער, וויא בריעפע צוא זיינע קינדער אדער אנדערע, וועלכע עס ארט ניט, ווען דער בריעף צוא זייא איז אויף איינפאכע פאפיר געשריעבען, פלעגט ער שרייבען אויף דיא פשוט'ע, אונ האט זיך אפט בעמיהט איינצובייגען זיך צוא דעם אונטערשטען שובלאד פון פולט אדער פון קאמאד זוכען גראדע דיא פראסטע, זאגאר ווען דיא גוטע איז פאר זיין האנד געלעגען, זא פיעל האט ער געשפארט, אונ נאך אלעם דיזעס, ווער וואלט גלויבען, ווען מיר וואלטען ניט געזעהען מיט אונזערע אויגען, דאס דיעזער העכסט שפארזאמער מאן, וועלכער האט זאגאר א $1/4$ פעניג געשפארט, ווען מען קאן נור אויסקומען אהן דעם, — דאס דיעזער שפארזאמער

זאל זיין א העכסט פערשווענדערער אויף צדקה אונ וואהלטהאט, אונ
זאל זיך אויפפיהרען זא רייך, זא פרייגעביג פיר אלע מענשען וועלכע
האבען פיר איהם דאס קלענסטע געטהאן! וויא איין העכסט רייכער
אדעל מאן וואר זיין האנד אפען צוא בעצאהלען אלעמען, וועלכע האבען
פיר איהם געארבייטעט אין אלע זיינע בעדירפניסע — פוהרלייטע מיט
וועמען ער איז געפאהרען, אין האטעלין וואו ער האט לאזירט,
פיר דיענער, פיר מצות באקען, פיר דיא קלענסטע מיה מיט וועלכע
ער האט א מענשען בעמיהט, פלעגט ער שעהן אונ רייך בעצאהלען,
אונ נאך מעהר איז געוועזען צוא בעוואונדערן זיין מדת חסידות,
דאס, זאגאר ער האט דאך בעצאהלט רייך איבער גענוג, דאך
פלעגט ער יענעם מיט זיינע גוטע רייד אונ פרייליכען פנים זעהר
פיעל בעדאנקען אונ ווינשען גוטעס, זא וויא דיא לייטע וואלטען דעם
גרויסען חסד מיט איהם געטהון אומזאנסט. צ. ב. זייענדיג אין וועג
האט ער לאזירט אירגענד וואו, אדער ער איז געפאהרען מיט א פוהרמאן,
אונ זאגאר ער האט גוט אונ רייך בעצאהלט דעם ווירטה פון האטעל
אונ דעם פוהרמאן פאר זיין פוהר, האט ער נאך אימער ניט אויפגעהערט
צוא זיין דאנקבאר זייא, זא וויא זייא וואלטען מיט איהם א גרויסען
חסד געטהון דאמיט וואס דער האט איהם אין זיין האטעל געלאזט
לאזירען, אונ יענער וואס ער האט איהם געפיהרט פאר זיינע גוטע
געלד. ער פלעגט אפט מיט זיינע פיעלע דאנקען אונ גוטעס ווינשען,
אנדערע אין אירטהום בריינגען צוא גלויבען, דאס זייא האבען
איהם ווירקליך גרויסע טובות געטהאן, אונ זייא קומט ער זאל זייא
אין דער טהאט אבדיענען מיט גוטעס, אונ זעהר אפט האט געטראפען,
דאס אזעלכע לייטע זיינען צוא איהם געקומען מיט זעהר שווערע
אונפאסענדע ביטעס, אונ ער פלעגט גאר ניט אויפגערעגט ווערען
אונ האט אלעס אויף זיך געטראגען. וויא פיעל מאל האב איך
שוין ניט געקאנט דולדען אונ האב געזאגט: „רבי, איהר האט
דאך גענוג בעצאהלט דיזען מאן, נוא, וואס פיר א רעכט האט ער
איך צוא בעמיהען אונ בעלעסטיגען הייטע?" — אבער ער פלעגט
גאר רוהיג אנטווארטען: „איך האבע דאך בייא איהם גענאכטעט —
ער וואר מיין ווירטה" .... אונ דאס גלייכען דער פוהרמאן, אונ זא
ווייטער א. ז. וו.

אונ ווער איז אים שטאנדע אוים צוא ערצעהלען זיין פיעל צדקה
געבען, געהיים אונ עפענטליך, פיר געפאלענע בעלי בתים, רייזענדע
לומדים א. ז. וו. פינף רובלדיגע, צעהן רובלדיגע נדבות אונ נאך
גרעסערע נדבות, דאס מעהרסט אין געהיים — נור וואס האבען מיר
צוא רעדען? — זיין ענדע איז א גוטער עדות, דען פון אלע זיינע

פיעלע

פיעלע איינקינפטען, פון דיא גרויסע שכירות וואס דיא עדלע שמאט קאוונא האט איהם געגעבען, אונ פון זיינע ספרים וועלכע האבען איהם פיעל איינגעבראכט אונ דאס גלייכען — האט ער גאר ניכטס איבערגעלאסען פיר זיינע קינדער, דען ער האט, וויא מיר האבען ערצאהלט, אלעס וואס איז איהם פערבליעבען פון זיין פערברויך אויף הויז הוצאות, פערברויכט אויף פערשיעדענע צדקות. — אוי, דיא אויגען פליסען טהרערען ווען מען בעטראכט זיינע פיעל גוטעס אונ וואהלטהאטען וואס ער האט געטאהן! אונ דאס הערץ ווערט צעריסען אויסשרייענדיג: וואו איז דער צדיק?! דער חסיד! דער ענו! — וועה איז אונז, מיר האבען איהם פערלארען!

9

זיין גלייכער פערשטאנד.

זיין גלייכען אונ טיעפען פערשטאנד ברויכען מיר אפילו ניט צוא בעשרייבען, דען זיינע טהייערע ספרים צייגען עס גענוג פאר דער גאנצער וועלט לומדים, מיר ווילען נור בעקאנט מאכען, דאס נאך אין זיין יוגענד וואר ער שוין בעוואוסט מיט זיין טיעפען אונ גלייכען פערשטאנד אונ זיינע גלייכע איינפאלען צוא דרינגען פון א גמרא אדער א תוספות א ריכטיגע אונ וויכטיגע בעשיידונג פון פון איין אונערקלערטען דין צ. ב. באלד וויא דער גאון ר׳ בנימין דיסקין ז״ל איז אנגעקומען אין גראדנא וואר נאך דאן רבנו גאר א יונגער מאן, בעפאר ער האט נאך בעקומען דיא ערשטע רבנות אין זאבעלין, ער איז גראדע דאן מיט א צופאל געקומען אין גראדנא, אונ האט בעזוכט דיא גרויסע לומדים, וועלכע ער האט געפונען פיהרענדיג צווישען זיך, וועגען דעם ערשט אנגעקומענעם גאון ר׳ בנימין ז״ל, אזא געשפרעך וואס האט בעוויזען, דאס זייא קאנען איהם נאך גאר ניט. מאנכע פון זייא האבען זיך גאר אפען אויסגעדריקט מיט א שפאס, זאגענדיג: אונזער רב, וויא עס ווייזט אויס, איז זעהר געניט אין דיא דינים פון קדיש יתום. דיעזער שפאס האט געשטאמט פון דיעזער געשיכטע: צווייא מענשען האבען פאר איהם א דין תורה געהאט, אונ ער האטביידען מחיב געווען א שבועה, אויף דער שאלה — ווער איז מחויב צום ערשטען צוא שווערען האט הרב הגאון ר׳ בנימין זצ״ל געאנטווארטעט: זייא זאלען ווארפען גורל. — אונ וויל ביא קדיש ווארפען דיא אבלים גורל צווישען זיך

(תולדת הרי״א)

דארום האבען זייא געמאכט דעם שפאס, זאגענדיג: אונזער רב איז געניט אין דיא דינים פון קדיש, ד. ה. אין אזעלכע דינים וואס יעדערער, ווער עס איז נור ניט קיין עם הארץ, איז אים שטאנדע צוא וויסען פון דרך החיים סדור. אבער וויא רבנו האט דערהערט דיעזען שפאס פון דעם פבק, האט ער א געשרייא געגעבען אויף דיא לומדים: ווארום שפאטעט איהר? — דאס איז דאך א דייטליכער דין אין ט"ז יורה דעה אין דעם דין פון אותו ואת בנו! — דיעזע נייע ערקלערונג איז אין דיא שפעטערע יאהרען געקומען געדרוקט אין דעם ספר „שבות יעקב„, זא וויא אויך רבנו האט דיעזען דין גוט ערקלערט אין זיין ספר „נחל יצחק" צווייטער טהייל, דער דין איז נאך דאן אבער אונבעוואוסט געוועזען, נור ר' בנימין, וויא געהעריג איז פיר א גאון וויא ער, איז מיט זיין שארפען שכל צוגעפאלען צוא דיזעם ט"ז, רבנו אבער וואר דאך דאן נאך א יונגער מאן פון 18 יאהר אונ האט גיעמאלס אין זא א דין געדענקט, ווייל עס איז איהם נאך גיעמאלס פארגעקומען, נור אין דער מינוט וואס ער האט דערהערט ר' בנימין'ס פסק, האט באלד זיין פערשטאנד שנעל וויא א בליטץ געטראפען דעם גרונד פון דעם פסק אין ט"ז אין דעם דין פון „אותו ואת בנו„ וואס ער האט גלייך צוא געפאסט צוא דיעזער פראגע, דארום איז דיא גאנצע געזעלשאפט לומדים ערשטוינט געווארען פון דעם יונגען מאן, וועלכער איז פול מיט פערשטאנד אונ געשמאק פון אנ'אלטען געזעצטען גאון — אונ זיין נאמען האט פערקלונגען גאנץ גראדנא.

דרוקענדיג זיין ערשטען בעריהמטען ספר „באר יצחק" אין קעניגס-בערג, אין יאהר תרי"ח, האבען איהם דארט בעזוכט דיא גרויסע בעריהמטע לייטע, הגאון הצדיק ר' ישראל סאלאנטער ז"ל אונ דער בעוואוסטער גאון ר' יעקב צבי מעקלענבורג ז"ל, קעניגסבערגער רב. וויא זייא זיצען אונ ריידען צוזאמען אין תורה, איז הערייין הרב הגביר ר' הענאך אייזענשטאדט זצ"ל, פון מינסק, אונ געזאגט: רבותי! איך האבע אייך צוא פרעגען א שאלה: — נעבען אונז אין א שטעדטעל איז דא א פרויא וועלכע דארף חליצה נעהמען פון א געטויפטען שוואגער, ער איז א לוטהעראנער פריעסטער, אונ וויל איהר חליצה געבען אנדערס ניט וויא מיט דעם תנאי אז רבנים זאלען איהם אויפווייזען א קוועלע פון תלמוד זעלבסט, ניט פון קיין פוסקים, דאס א געטויפטער איז אויך מחויב חליצה צוא געבען, אלזא, בעראטהעט זיך, רבותי, פיעלייכט וועט אייך געלונגען צוא געפינען א בעוויז פון גמרא, אום צוא בעפרייען דיא אונגליקליכע עגונה, וועלכע העגגט אב פון דיעזען געטויפטען. — בעפאר דיא גאונים האבען נאך גענומען טראכטען, האט רבנו שוין געאנט-

ווארטעט

װארטעט: יא, איך האב א בעװייז פון א גמרא! — דער בעװייז איז א װאונדערליכער איינפאל געװעזן, פון װעלכען די גאונים זיינען נתפעל געװארען, הערענדיג װיא גיך און גלייך ער האט געפונען דעם בעװייז פון דער גמרא, און זייא האבען אויך איינגעשטימט, דאנקענדיג און לויבענדיג איהם פאר זיין טיעפע חכמה און גאונות.

יא.

תורת חכם מקור חיים.

מיר רעכנען פיר איבריג צוא ערקלערען װיא גרויס, װיא ערהאבען זיינען די חדושי תורה פון רבנו, די גאנצע װעלט לומדים האלטען זעהר טהייער זיינע בעריהמטע גרויסע ספרים, װעלכע מען האט אנערקאנט פיר װיכטיג און ריכטיג אין הוראה, צוא פסק'נען פון זייא דינים, זייא זיינען גערעכענט פיר די טהייערע תשובות אונטער די פוסקים אחרונים, מיר װילען נור אויפמערקזאם מאכען אויף דעם װאס מיר האבען אבען געשריעבען, אין דעם נאמען פון גרויסע מבינים, דאס רבנו האט בייא אונז א נייע עפאכע געשאפט אין לערנען. מיר האבען שוין דא בעװיזען, לויט אונזער מעגליכקייט און אונזער פערשטאנד, די אלע װאונדערליכע אייגענשאפטען און פעהיגקייטען און די כוחות הנפש פון רבנו — זיין שטארקען זכרון, זיין גלייכען און טיעפען פערשטאנד, זיין אונבעשרייבליכע ליעבע צוא דער תורה, און, צוא די אלע אייגענשאפטען און פעהיגקייטען, זיין אוננאטירליכע פלייסיגקייט, ד. ה. זיין התמדה אין לערנען, טאג און נאכט, פשוט, װיא די תורה האט געבאטען „בשכבך ובקומך ובלכתך בדרך" — ליגענדיג זיך, אויפשטעהענדיג און אין װעג געהענדיג, — און נאך מעהר: זאגאר שפרעכענדיג מיט מענשען און אין מיטען בעשעפטיגונג אין די װיכטיגסטע װעלט ענינים — אויך דאן האט זיין הייליגער מח געדענקט, געקלערט, געשטריטען אין תורה, און װיא נאך, אז צוא די אלע זאכען װאר װאונדערבאר זיין גלייכער צופאל צוא א סברה פון א גמרא, א רמב"ם, א רש"י אדער א תוספות, און דאס גלייכען צוא א סברא פון א פוסק — הערויס צוא געהמען א בעװייז און בעשיידונג פון א שװערען, אונבעװאוסטען דין; דאצוא נאך אויך די הצלחה װאס רבנו האט געהאט אין זיין לערנען תורה לשמה, ד. ה. לערנען תורה צוליעב פערשטעהן איהר און װיסען צוא היטען צוא טהון נאך איהר

איהר בעפעהל. דורך זא איין ערהאבענעם הייליגען זארט לערנען איז מען זוכה לדברים הרבה, צוא פיעלע ערהאבענע זאכען, וועלכע מען איז ניט אין שטאנד צוא בעקומען דורך איין אנדער זארט לערנען, וויא עס זאגט אונז דיא ברייתא „שנו חכמים" — אויסער דיא אלע ערהאבענע זאכען האט דער וואס לערנט תורה לשמה סיעתא דשמיא, ד. ה. הילפע פון דעם הימעלישען צוא דערגעהן דעם אמת אין דער תורה צוא געפינען דיאווירקליכקייט פון יעדער דין, נוא, מיט זא א געניט־קייט אונ קלארקייט אין דער גאנצער תורה, אין תלמוד בבלי מיט רש"י, תוספות אונ ירושלמי אין אלע פוסקים ראשונים אונ אחרונים, מיט אלע תשובות — איז דאך קיין וואונדער ניט, דאס זייגע ספרים האבען זא אגרויסען רעש געמאכט צווישען דיא גאנצע וועלט לומדים, וועלכע זיינען ענטציקט געווארען פון זיינע טיעפע אונ גלייכע חדושים, נור נאך מעהר פון אלעס איז צוא בעטראכטען דעם גראסען איינפלוס אונ דיא ווירקונג וואס האבען געמאכט זיינע ספרים אויף דיא וועלט-לומדים, קליין אונ גרויס. מיר מוסען דאצוא בעקאנט מאכען, דאס אין לערנען תורה איז דא צוויא ארטען אדער 2 טהיילען — איין טהייל איז צוא פערשטעהען דיא טיעפקייט, דיא וואונדערליכע פאללע, וועלכע זיינען פערבארגען אין יעדערווארט פון דער תורה — מען ברויכט זייא צוא זוכען אין דעם תלמוד וואס איז וויא דער ים טיעף אונ אונענדליך, דען אין יעדער אונפערשטענדליכען ארט, ווען מען זוכט נור אין איהם, געפינט מען טהייערע פערל אונ בריליאנטען, פיעלע, זעהר פיעלע מפרשים, ערקלערער פון דיא גרעסטע גאונים זיינען דיא וואס האבען גאר וועניג שייכות צום דין, דען דאס אליין, צוא פערשטעהן דיא תורה אונ ערלייכטען אין איהרע אונפערשטענדיגע ערטער, איזט אויך א גרויסע מצוה פון תלמוד תורה. דער צווייטער טהייל איז וויכטיגער, דאס איזט דיא ערקלערונג פון תלמוד אונ פון דיא ראשונים (ד. ה. דיא פארצייטיגע גרויסע לייט וועלכע זיינען געווען פאר דיא פערפאסער פון שלחן ערוך) וואס האט א שייכות צום דין. — אין ערשטען טהייל זעהט מען דעם כבוד פון דער תורה, איהר טיעפזיניגקייט, דורך דיא גרויסע לומדים מיט זייער שכל אונ זייער שארפזיניגקייט, אונ אין צווייטען טהייל ווערט על פי רוב בעוויזען נור גלייכקייט פון סברות צוא צוגלייכען דיזען דין צוא יענעם, וועלכער איז גענוג ערקלערט אונ בעוואוסט. אין דיעזען ארט זיינען אלע טהייערע ספרים פון דיא גרעסטע רבנים גאונים אין יעדער דור, זייערע ספרים זיינען בערידהמט אונ ערהאבען, דאך האבען זיך דיא וועלט לומדים ניט בעשעפטיגט מיט קלערען א דין, ווייל זייער געוואהנהייט איז גענייגט צום ערשטען ארט לערנען, צוא פערשטיין צ. ב. אין תוספות, א

מהרש״א, ווייל ווען לומדים פלעגען צוזאמען קומען, פלעגט מען זיך נור מפלפל זיין אין א פשט פון א גמרא, א רש״י, א תוספות און און א מהרש״א, אבער וועגען איין ערקלערונג פון א דין, האבען זייא גאר זעלטען זיך בעשעפטיגט, ווייל עס געהערט צום צווייטען זארט, וועלכער איז שייך צוא רבנים גאונים, — רבנו אבער אין זיינע ספרים האט פעראייניגט ביידע זארטען לערנען, אין זיינע חדושי תורה איז דא דיא שארפזיניגקייט צוזאמען מיט דיא גלייכקייט פון סברות אין דין, ווייל מיט זיין ברייטען פערשטאנד און גענויט-קייט אין דיא גלייכע און וואהרע סברות פון דיא ראשונים, און מיט זיינע וואונדערליכע קלארקייט אין אלע ספרים פון דיא אחרונים, האט ער מיט זיין טיפען און גלייכען שכל געפלאכטען און פעראייניגט אנגענעמעס מיט נוטצליכעס צוזאמען. — אויסער דעם האט ער געמאכט א וואונדער אויף אלע לומדים מיט זיין גלייכען געשמאקען גוסט, און מיט זיינע ארדנונגען פון זיינע חדושי תורה אין זיינע אלע ספרים. יעדער ערקלערונג פון א נייעם דין אין יעדער אינהאלט ווערט בייא איהם אויסגעברייטעט און הערוים גערעדט אין אלע פעלע מיט א וואונדערליכען געראדען און גרינגען לשון. — צוא ליעב דיא אלע זאכען איז אלע לומדים געפעלען געווארען דער גוסט תורה, פיעלע מחברים זיינען שוין מיט זייערע נייע ווערקע אין זיין שריט געגאנגען און זיין גוסט אנגענומען, ווען לומדים קומען צוזאמען איז מען זיך שוין ניט מפלפל מעהר, וויא געוועהן, מען רעדט און מען קלערט נור וויא וואלט זיין דער דין ווען דער פשט אין תוספות וועט זיין אזויא, און וויא וועט זיין דער דין ווען מיר וועלען דעם תוספות אויף אנאנדער ארט לערנען.

זא וויא אין זיינע טהייערע וויכטיגע ספרים, האט זיך רבנו אויך אויפגעפיהרט שפרעכענדיג אין תורה מונדליך מיט גרויסע לומדים, מיט ערהאבענע אורחים גאונים, זאגאר ער מיט זיין ברייטען פערשטאנד און זיין גלייכען און טיעפען שכל, האט דאך געקאנט זיך מפלפל זיין אין פערשיעדענע פלפולים, פון וועלכע מען וואלט ענטציקט געווארען הערענדיג, אבער רבנו האט זיך ניט מפלפל געוועהן אחוץ אין דאס וואס געהערט צום דין. און פון איהם האבען זיך געלערנט פיעל רבנים, אז מען קאןווירקליך זאגען, דאס רבנו האט א נייע עפאכע אין לערנען אין דיזען קאנט געמאכט. — מיר האבען שוין לאנג גערעדט פון זיין זיטע ענוה, און דאך מוסען מיר נאך אויפמערקזאם מאכען, דאס בייא זיין גרויסקייט פון תורה האט מען נאך מעהר געזעהן זיין ענוה, וויא ער איז זיך בעגאנגען מיט דיא לייטע, וועלכע האבען זיך מפלפל געוועזן מיט איהם אין דין, זא וויא מינדליך, זא אויך אין

בריעף, רבנו האט אימער זיך בענאנגען מיט סבלנות און ענוה, וועלכע מבינים קאנען עס הערויסזעהן פון זיינע ספרים, צ. ב. יענער שרייבט איהם תורה און בענוצט זיך אין זיינע אייגענע תורה ד. ה. זיינע אייגענע רייד, מיט פרעמדע וויכטיגע קושיות און תירוצים גענומען פון ספרים, וועלכע ער רעכענט, דאס רבנו וועט ניט בעמערקען אז דאס איז ניט זיינע אייגענע, וואס ער טהועט צוא ליעב צוויא זאכען, ערשטענס, זיך צוא בעפוטצען צוואר מיט פרעמדע צירונג און צוא ווייזען זיך פיר א גרויסען למדן, צווייטענס, אום צוא בעזיעגען, פיעלייכט, אין לומדות דעם וועלט-גאון — רבנו, און טאקי ווייזען איהם דאס זיינע געבידע אין תורה זיינען ניט פעסט, און דאך רבנו, זאגאר ער ווייס יענעמס גנבות פון ספרים, און זיינע מיינונגען, דאך פלעגט ער יענעם אנטווארטען גלייכגילטיג און ערנסט, יענעם ניט מבייש געוועזן און פלעגט איהם שרייבען דאס זיין קושיא האט שוין לאנג געפרעגט הגאון ר' עקיבא איגר זצ"ל אדער מיט דעם לשון; זייא שרייבען ריכטיג, און אזויא שרייבט טאקי אויך דער משנה למלך הלכות מטמא משכב ומושב, וויא מיר האבען געזאגט — ניט זאגענדיג: דוא האסט גענומען פון ר' עקיבא איגר אדער פון משנה למלך.

מיר זעלבסט איז פארגעקומען צוא זעהן וויא אנ'אורח איז צוא רבנו געקומען און האט זיך אנגעגעבען פיר א גרויסען מאן אין לערנען. ער האט פערווארפען מיט פעק חדושי תורה, און וויא בעוואפענט מיט אייגענע קושיות, האט ער געשטריטען מיט רבנו, און האט זיך געציעלט צוא געבען תירוצים אויף דיא שווערע קושיות פון רבנו אין זיינע ספרים, אבער רבנו האט מיר שטילערהייט פערטרויט דעם סוד, דאס אלע קושיות צוזאמען מיט אלע תירוצים האט דער אורח גענומען פון זיין "באר יצחק", מיינענדיג, דאס רבנו האט פערגעסען וואס ער זעלבסט האט אין זיין ספר געשריעבען, און דער אורח האט ניט איין אייגענעם חדוש געזאגט, און דאך האט רבנו זיך געמאכט ניט וויסענדיג און ניט פערשטעהענדיג, און האט איהם געוויזען א פנים וויא ער הערט פון איהם גרויסע, אייגענע חדושי תורה. ער האט איהם געלאדען אויף מיטאג, און האט איהם ניט געגעבען קיין שום אנ'צוהערענעס, דאס ער ווייס פון וואנען ער האט עס גענאשט, זא נאך ערלויבט פון רבנו זעהער פיעל צוא פערלאנגען, און ער איז זיך אבגעפאהרען זעהר צופריעדען, וויא האך געעהרט און געשעטצט בייא רבנו. —

בעטראכטענדיג מיט עהרענפורכט דיא גראסע ווירקונג און דעם גרויסען איינפלוס, וועלכע רבנו האט געמאכט אויף דער גאנצער

 ווערלט

וועלט אחינו בני ישראל, געפינען מיר פיר נאטהיג אויפמערקזאם צוא מאכען אויף איין גרויסען אירטהום פון פיעלע געגען רבנו אין דעם כחא דהיתרא ד. ה. דער פעסטער מוטה וואס ער האט ביא זיך געהאט צוא בעווענען ביא זיך זיין דעה אין א דין, צום היתר. — אמת רבנו איז געוועז גוט בארעמהערציג אונ יעדערן געשוינט, אויף יעדערן רחמנות געהאט אונ געציטערט אויף איין ארעמאנס א פרוטה; ער וואר אבער דאצוא אויך א שרעקליכער, וואונדערבארער גאון מיט א געזונדטען אונ פעסטען גלייכען שכל, מיט א טיעפען אונ ברייטען פערשטאנד, דורך וועלכע ער האט ווירקליך דעם רעכט געהאט צוא בעווענען מיט זיין דעה צווישען דיא מחלוקות פון דיא פוסקים אין א דין, צוא דעם וואס איז מתיר אדער מכשיר, ד. ה. ער ערקלערט פיר כשר. דארום איז דער מיינונג, דאס רבנו וייל ער איז געוועז א גוטהערציגער, א רחמן, דארום האט ער געשטעלט זיין דעה צוא בעווענען דיא זייטע צוא מתיר זיין אונ כשר מאכען, דאס איז אבער זעהער פאלש אונ דאצוא שלעכט אונ פערדארבען. — לויט דיעזען מיינונג איז חלילה דיא תורה הקדושה אבהענגיג פון דעם רצון פון איהרע לערנער — ניט דיא לערנער פון איהר. — איז דער מורה הוראה א גוטהערציגער ארחמן — האט ער רחמנות אונ זאגט „כשר“ אדער מותר, אונ אויב פערקעהרט — זאגט ער: „טריפה“ אדער מען טאר ניט. דיא וואס מיינען צוא בעריהמען דיא גוטהערציגקייט פון רבנו אין דיעזען מיינונג, בעליידיגען איהם! — אמת — דיא אורזאכע איז דיא זעלבע, אבער דורך אנ'אנדער וועג געפיהרט; אלזא מוס מען עטוואס משנה זיין דעם נוסח אונ זאגען וויא פאלגענד: — וייל רבנו איז געוועז א גוטער מזג, איין בארמהערציגער אונ האט געציטערט אויף איין ארמענס א פרוטה — דארום האט ער אנגעווענדעט אלע זיינע קרעפטען צוא בענוטצען זיין כחא דהיתרא. מיר מוסען עס גוט ערקלערען, צ. ב. עס זיינען דא גבירים וועלכע זייער רייכטהום איז אין הייזער, אין גיטער אונ אין גאלדענע כלים אין ציערונג, אונ שמוק — אבער זייער געשעפט איז ניט אויסגעברייטעט וייל געלד אונ מזומן האבען זייא ניכט פיעל אין זייער האנד, דארום איז ביא זייא ניט גרויס דער פערקעהר פון סוחרים, מען קומט זייא ניט פארלעגען נייע פערשידענע עסקים, זאנאר זייער רייכטהום איז זעהר פיעל אונ גרויס אונ מען עהרט אונ שעטצט זייא פיר גרויסע גבירים אדירים, וייל זייער קאפיטאל אבער אין מזומן איז ניט גרויס אונ ניט גענוג צוא בענוטצען אויף פיעלע פערשידענע געשעפטען, געפינען זיך אויך קיינע פארלעגער ניט, דאס רוב האבען אזעלכע גבירים ביא זיך ניט דעם מוטה פון

ריזיקי פון סוחרים, אונ פירכטען זיך צוא לעגען זייער געלד אין האנדעל, ווייל מען איז ניט זיכער פון פערליערען דיא געלד, אונ דאס איז דיא אורזאכע וואס זייא האבען זייער געלד פערטהון, ד. ה. פערזיכערט אין גיטער אין הייזער אונ דאס גלייכען. עס גיבט אבער אויך זא א גביר, וועלכער אויסער זיינע הייזער אונ גיטער איז ער א גרויסער סוחר, א בעוואוסטער קאפיטאליסט אין בארעס געלד, זעהר בעזעסען אונ פעסט אין זיין דעה צוא בענוטצען זיין געלד אין אלערלייא געשעפטען אהן פירכטע פאר שאדען, וועמען עס קומט אויף זיינע געדאנקען אדער צוא דער האנד א נייער געשעפט נור עס פעהלט איהם אויס געלד — קומט צוא דיזען גרויסען קאפיטא-ליסט איהם פארצולעגען דעם געשעפט, ווייל איהם איז וועגען געלד ניעמאלס קיין אבהאלטונג אונ איז אויך א העלד צוא ריזיקירען. גלייך צוא דעם איז אויך פערהאנדען צווייערלייא גדולי ישראל, ס'איז פאראן גרויסע גאונים אין תורה: זייא זיינען זאגאר אין שטאנד צוא ערקלערען דיא גרעסטע שוועריגקייטען אין דער תורה, זייא ברייגען אויף בריליאנטען אוים דיא טיעפעניש פון ים התלמוד אונ בעפוטצען דיא תורה מיט בלומען אונ מיט ראזען — אבער אין הוראה פון איסור והיתר פירכטען זייא צוא זאגען א ברייטע דעה, אין דיעזער קלאסע גרויסע לייט גיבט אזעלכע, וועלכע ווילען גאר קיין רבנות ניט אנעהמען, מאנכע נעהמען זאגאר יא אן רבנות, אבער ווען זייא קומט פאר א שווערע שאלה מאכען זייא זיך א רוים, זאגענדיג, דאס אנ'אנדערער זאל ערקלערען דיא פראגע, עס איז דא זעהר גרויסע גאונים, זאלען לעבען, וועלכע טרייסלען זיך פשוט אב פון שאלות עגונות — זייא שיקען אב צוא דיא איינגע, אדער צוא דעם איינעם געוויסען גאון הדור צוא וועמען עס געהערט, דיעזער קלאס רבנים גאונים זיינען וויא דער ערשטער פון דיא גבירים — אין גיטער; רבנו איז אבער געוועזען א גביר — א קאפיטאליסט, אין בארעם, וועלכער אויסער זיין גרויסער רייכטהום אין גיטער פון דער תורה — איז נאך געוועזען דער גרויסער קאפיטאליסט אין הוראה, צוא יעדער שווערער שאלה איז ער געוועזען אין שטאנד מוטהיג צוא בענוטצען זיין שארפזיניגקייט אונ געניטקייט. — אין זיין וואונדערליכען זכרון מיט זיין בריטען פערשטאנד איז געלעגען מזומן דער גאנצער קאפיטאל תורה וואס ער האט געלערענט אונ אלעס וואס ער האט אויפגעטהאן אין זיין לעבען אין אלערלייא סארטען תורה, דאצו איז ער אויך געוועזען פון יוגענד ביז זיין לעצטער מינוט א זעלטענער טיכטיגער גייסט-ארבייטער מיט'ן מח, וועלכער האט ניט גערוהט זאגאר אין זעקונדע, דענקען אונ קלערען זיינען געוועזען זיין בעסטער

פערגניגען פיר וועלכע ער האט אימער גערן געאפפערט זיינע קרעפטען
מיט זיינע בעסטע צייטען, אונ דאמיט האט ער געשטארקט זיין מוטה
אונ נייע קרעפטען בעקומען, אונ ווייל ער איז פון נאטור געוועזען
א גוטהערציגער, א רחמן אונ מיטלייד געהאט מיט יעדענס קומער,
מיט יענעמס פערלעגענהייט, אימער ערבארמט זיך אויף יודישע
געלד אונ וויא נאך בייא א פערלעגענהייט אן וועלכען יענעמס
לעבען איז אבהענגיג צ. ב. בייא א שאלה פון אן עגונה — דארום
נור האט געווירקט זיין גוטהערציגקייט אויף איהם זיך צוא נעהמען
מיט זיין גאנצען רייכטהום פון זיינע קענטניסע אין דער תורה אונ
צוא בעשעפטיגען זיך אין אלע שווערסטע שאלות, וועלכע ערמידען
דעם כח אונ מח, אונ אזויא וויא איהם האבען אנגעגריפען פרעמדע
שמערצען זא וויא זייא וואלטען איהם זעלבסט געשמערצט, אונ
דיא ליידען האבען איהם נייע קרעפטען געגעבען צוא שטרייטען
פיר דיא אלע פרעמדע קערפערליכע ליידען, ביז ער האט ערפונדען
הילפס-מיטעלען, אזויא אויך אין רעליגיעזישע שווערקייטען האט ער
זיך גענומען מיט זיינע אלע זעלע קרעפטען צוא געפינען א וועג
וויא צוא פסקענען דיא שאלות פון וועלכע אנדערע גאונים גדולים
האבען זיך ארויסגעמאכט אונ ניט געוואלט ריזיקירען זייער קאפיטאל
תורה אין אזעלכע שווערע שאלות, אונ ווייל ער איז שוין געוואהנט
געוועזען צוא ארבייטען מיט'ן שכל, אונ דיעזע היילינע ארבייט וואר
זיין בעסטער אונ העכסטער פערגניגען, אונ ער האט צוליעב דעם
זאגאר ניט געגעסען אונ ניט געשלאפען אין דער צייט, דארום
האט ער געקאנט אין אלעם זיעגען, אונ הערויס ברייננען דעם דין
צוא זיין וואהרהייט.

אלזא, וויא געזאגט איז, האט איהם זיין גוטהערציגקייט געבראכט
אנצונעהמען אלע שווערע וויכטיגע שאלות צוא ערקלערען זייא אין דער
וואהרהייט אונ ווייל ער האט זיך גענומען זייא צוא ערקלערען, האט
זיך שוין נאטירליך בעוויזען זיין ריזען פערשטאנד, זיין געניאלע
קראפט, צוא בעוועגען אונ צוא וויסען דיא דעות פון דיא פוסקים
כשר צוא מאכען אונ מתיר צוא זיין, אב ס'איז נור מעגליך געוועזען
לויט דיא רעגעלן פון הוראה, אבער ניט ער האט בענוטצט זיינע
תורה-קרעפטען צוא דעם וואונש פון זיין גוט הערץ, אלע זיינע
הערומיגע לייט וויסען גוט פון דיא פראקטישע פעלע, וויא פאלש
דער מיינונג איז, דאס רבנו האט חלילה פערגרינגערט עטוואס נור
אויס זיין בארמהערציגקייט; דען אויסער דעם וואס אין זיינע ספרים
זעהען מיר וויא פיעל מאל אז וואו עס איז איהם אויסגעקומען לויט
זיין דעת התורה — מחמיר צוא זיין, האט ער ניט געשוינט אויך

גרויסע גאונים, וועלכע האבען מתיר געווען אונ האט, פערקעהרט, בעשטימט, אז עס איז אסור. אויסער דעם פלעגט מען זעהען, פשוט מעשים בכל יום, טעגליכע טהאטען, וויא ער פלעגט גראדע זאגען טרפה, אדער אסור אויף א זעלכע שאלות, וואס קלענערע רבנים האבען געמיינט מתיר צוא זיין, נור זייא האבען עס ניט געוואלט געהמען אויף זיך וואו רבנו איז געוועזען ניט ווייט פון זייא. אונ דיא ווארהייט זאגענדיג — נור איין ענין, וועלכען ער האט איהם בעטראכטעט אונ האט ניט געפונען קיין שפור צום גאנג פון א היתר, האט ער וועגען איהם מעהר ניט גערעדט אונ ניט געדענקט פון איהם; אבער אזויא אנ׳ענין, אין וועלכען ער האט געפונען א פונק האפנונג פון מעגליכקייט צוא א היתר, צוואר אנדערע האבען זיך אבגעטרייסעלט פון זא א שווערען ענין, — דא האט ער שוין וואונדערליך העלדיש געשטריטען מיט זיין גאונישען מאכט אונ קרעפטען צוא געפינען א גרונד אין גמרא אונ אין פוסקים צום היתר, אונ איז הערוים בעוואפענט מיט סברות אונ דעות פון ראשונים אונ אחרונים אונ מכריע געווען צום היתר.

אונגעפעהר מיט 10 יאהר צוריק איז געקוממען צוא רבנו אנ׳עגונה, איהר מאן א זאלדאט, איז דערטרונקען געווארען, אונ זיא האט אבער צוא איהר בעפרייאונג קיינע געהעריגע בעווייזונגען געהאט. רבנו האט דעם ענין גוט בעטראכט פון אלע זייטען אונ פון טיעפען גוטען הערץ האט ער איהר זיפצענד געאנטווארטעט, דאס ער האט קיין שפור פון קיין וועג אונ קיין ראטה וויא איהר צוא בעפרייען פון איהר עוויגע פערבונדענהייט. אומזאנסט זיינען געוועזען איהרע פיעלע טהרערען אונ זיפצען — זיינע פיעלע רחמנות אונ גוטהערציגקייט האבען איהר גאר ניט געקאנט העלפען. דען ניט מיט גוטהערציגקייט אונ רחמנות קאן, אפילו אזא גאון אונ צדיק, בעפרייען אנ׳עגונה ווען ער האט קיינע מיטעלן ניט פון דער תורה דאצו. דיעזע פינסטערע עגונה האט בייא זיך בעשלאסען ניט אבצוטרעטען זאגאר ווען מען וועט איהר טרייבען. דיא רבנית, וויא אויך אלע בעדיענער, זיינען געוועזען זעהר גוט צוא איהר אונ האבען איהר חלילה ניט פערשעמט מיט קיין זאך אונ זיא האט זיך אויך בעקעסטיגט אויף רבנו׳ס טיש. רבנו האט פיעל מאל זיפצענדיג אונ פשוט מיט טהרערען געזאגט: „וואס זאל איך איהר, נעבאך, טהון? — איך האבע פיר איהר קיין היתר ניט!" — זיא איז אבער אונגעפעהר א האלב יאהר געזעסען בייא איהם אונ ער האט זיך אלין בעקלאגט וועגען דער אונגליקליכער, פיר וועלכער ער האט קיין וועג וויא איהר צוא בעפרייען — ביז עס איז צום גליק געקוממען אין פאלקאוניקס קאנצעליאריע א געוויסע נאכריכט

דָאס מֶען הָאט גֶעפוּנֶען אַ דֶערְטְרוּנְקֶענֶם יוּדִישֶׁען זָאלְדַאט פוּן דֶעם פָּאלְק, אוּנ מֶען הָאט אוֹיף אִיהם גֶעפוּנֶען אַ צֵייכֶען (אֲפִילוּ נוּר נִיט קֵיין גֶעוִויסֶען) פוּן וֶועלְכֶען מֶען הָאט אִין פָּאלְק גֶעוואוּסְט אוּנ זַיין ווייב דִיא עֲגוּנָה הָאט פוּן דֶעם סִימָן נָאךְ פָּאר הֶער גֶעזָאגְט. דֶער צֵייכֶען וַואר אָבֶּער בַּייא זָא אַנְ'עֶנְיָן נִיט קֵיין וִויכְטִיגֶער אוּנ רבנו הָאט דֵייטְלִיךְ גֶעזָאגְט, דָאס עֶר ווייס נִיט אוֹיבּ דֶער צֵייכֶען אִיז גֶענוּג צוּא אִיהר בֶּעפְרַייאוּנְג — דָאךְ וַואר רבנו עֶנְטְצִיקְט פוּן פְרֵיידֶע, זָא וִויא דִיא הִימְמֶעלְן הָאבֶּען זִיךְ פִיר אִיהם גֶעעֶפֶענְט דוּרךְ דִיא נַאכְרִיכְט, אוּנ דַאן הָאט עֶר טָאג אוּנ נַאכְט, גֶעדֶענְקְט, גֶעקְלֶערְט, גֶעזוּכְט, אוּנ הָאט בֶּעמִיהֶעט אוּנ בֶּענוּטְצְט פֶערְשִׁיעדֶענֶע מֶענְשֶׁען, וֶועלְכֶע זָאלֶען אִיהם קָאנֶען אִיבֶּער גֶעבֶּען רִיכְטִיגֶע נַאכְרִיכְטֶען פוּן קַאנְצֶעלְיַארְיֶע וֶועגֶען דֶעם דֶערְטְרוּנְקֶענֶעם סָאלְדַאט מִיטְ'ן צֵייכֶען — וִויא אוּנ וֶוען מֶען הָאט אִיהם גֶעפוּנֶען אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט, דִיא רִיכְטִיגֶע יְדִיעָה פוּן דֶעם צֵייכֶען, וִויא סְ'אִיז גֶעקוּמֶען אוּנ עֶרְקָאנְט גֶעוָוארֶן פִיר אַ גֶעוִויסֶען צֵייכֶען אִין קַאנְצֶעלְיַארְיֶע. דַאן וַואר רבנו אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אִין דֶער זַאכֶע, זָא וִויא עֶר וָואלְט גָאר קֵיין אַנְדֶער וואוּנְשׁ אִין דֶער וֶועלְט נִיט גֶעהַאט אוֹיסֶער דֶעם וואוּנְשׁ צוּא גֶעפִינֶען אַ וֶועג וִויא דִיא עֲגוּנָה צוּא בֶּעפְרַייֶען. פִיעלֶע טֶעג אוּנ נֶעכְט הָאט עֶר צוּא דֶער צַייט נִיט גֶעגֶעסֶען אוּנ גֶעשְׁלָאפֶען, אוּנ הָאט גֶעשְׁטְרִיטֶען מִיט אַלֶע אַרְטֶען סְבָרוֹת אוּנ הָאט גֶעזִיעגְט צוּא בֶּעקוּמֶען דוּרךְ זַיינֶע סְבָרוֹת הִילְפֶע אוּנ בֶּעוֶועיזוּנְגֶען פוּן רִאשׁוֹנִים אוּנ אַחֲרוֹנִים צוּשְׁטִימֶענְדֶע צוּא זַיין דֵעה אוּנ זַיין כּחָא דְהֶתֵּירָא — אוּנ הָאט דִיא עֲגוּנָה מַתִּיר גֶעוֶועֶן. — מִיר גֶעדֶענְקֶען נָאךְ וִויא אִין אַ קוּרְצֶע צַייט נַאכְהֶער אִיז דִיא פְרוֹיא אַבֶּערְמַאלְס גֶעקוּמֶען צוּא רבנו אָבֶּער שׁוֹין מִיט אַנְ'אַנְדֶער בַּקָּשָׁה — עֶר זָאל אִיהר בֶּענְשֶׁען אוּנ וִוינְשֶׁען מַזָּל טוֹב מִיט דֶעם מַאן וָואס זִיא הָאט גֶענוּמֶען.

אִין נַאוואהרוּדאק זַייעֶנְדִיק הָאט רבנו אוֹיךְ מַתִּיר גֶעוֶועֶן אַנְ-עֲגוּנָה, וָואס אִיהר מַאן אִיז דֶערְטְרוּנְקֶען גֶעוָוארֶען. זֶעלְבְּסְט פֶערְשְׁטֶענְדְלִיךְ, דָאס פוּן דֶער צַייט וָואס עֶר אִיז דֶערְטְרוּנְקֶען גֶעוָוארֶען בִּיז דֶעם הֶיתֵּר פוּן רבנו אִיז אִיבֶּער גֶעלָאפֶען אַ לַאנְגֶע צַייט, אָבֶּער גְרַאדֶע וִויא דֶער הֶיתֵּר אִיז אַרוֹיס פוּן רבנו, הָאט מֶען צוּם גְרוֹיסֶען בֶּעוואוּנְדֶערוּנְג אוֹיף מָארְגֶען דֶעם דֶערְטְרוּנְקֶענֶעם גֶעפוּנֶען נָאךְ אִין זַיינֶע קְלֵיידֶער, אוּנ אִין זַיין בּוּזֶען-טַאשֶׁע הָאט מֶען גֶעפוּנֶען אַ בּוּנְד שְׁלִיסְלֶען פוּן זַיינֶע קַאסְטֶענֶס, וֶועלְכֶע זַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע הָאבֶּען זֵייא עֶרְקָאנְט — אוּנ עֶס וַואר צוּם וואוּנְדֶער!

אִין שׁוּקִיאַן, קָאוּנֶער גוּבֶּערְנְיֶע, אִיז אַ מַאן פֶערְפַאלֶען גֶעוָוארֶען. נָאךְ דִיא גְבִיּוֹת עֵדוּת. ד. ה. נָאךְ דִיא אַלֶע צֵייגוּנְג אוּנ בֶּעוֶוייזוּנְג

וועלכע דיא פאמיליע פון דער עגונה האבען געמאכט וויא געהעריג און געבראכט צוא רבנו, האט ער גוט געקלערט און געדענקט און האט דער עגונה א היתר געגעבען און איהר בעפרייט. דער שוקיאנער רב אבער, זייענדיג אין קאוונא, האט זיך געפרובט דיספוטירען מיט רבנו און געוואלט מבטל זיין דיא יסודות פון דעם היתר, דען ער האט געצווייפעלט אין דיא צייגונגען און בעווייזונגען וועלכע דיא פאמיליע פון דער עגונה האבען געמאכט און געבראכט; און ער האט זיך אויך געפרובט צוא צערשלאגען דיא גרונד-סברות, אויף וועלכע רבנו האט געגרינדעט דעם גאנצען היתר, רבנו אבער האט איהם געאנטווארטעט מילד און זאנפט: דיא שאלה פון דער עגונה איז פון מיר הערויס מיט א היתר און דארום וויל איך שוין מעהר' וועגען איהר ניט קלערען — אלזא, ביטע איך אייך, מיר זאלען שפרעכען פון אנדערע זאכען — ניט דאפאן. — וויא דער שוקיאנער רב איז צוא הויזע געקומען, איז דאן גראדע פארגעקומען פאר דיא פאליציי א נאטווענדיגע אונטערזוכונג, וועלכע עס האט זיך געפאדערט צוא א שטרענגען משפט, און זיא האט געפונען פיר נאטהיג, לויט דיא געזעטצע, אויפצוגראבען איינינע ארטער, צווישען וועלכע מען האט אין איינעם געפונען א מענשענקערפער, דיא גאנצע שטאדט האט בעוואונדערט, וויא דיא גאנצע פאמיליע פון דעם ער-מארדעטען האבען אין איהם ערקאנט זייער פערלארענעם פריינד, אן זיין קליידונג און סימנים דורך וועלכע ער וואר געצייכענט און זייא האבען דאס בעוויזען מיט אותות ומופתים אין וועלכע מען האט ניט געקאנט צווייפלען דאס ער איז דער מאן פון דער עגונה, וועלכער רבנו האט זיין היתר געגעבען און איהר ערלויבט צוא נעהמען א מאן! —

יא, אויף רבנו קאן מען זאגען: „תורת אמת היתה בפיהו" — אין זיין מונד וואר דיא ריינע וואהרהייט פון דער תורה, און אלע מאל וואס ער האט געזאגט — „כשר", „מותר", האט ער געזאגט נור מיט זיין קראפט פון דער תורה און האט כשר געמאכט און מתיר געוועזן נור לויט דיא וואהרהייט פון דער תורה — ניט איבער זיין רחמנות און גוטהערציגקייט האט ער חלילה פערביינען דעם דין צוא פער-גרינגערן איהם.

וויא מיר האבען געבראכט איינינע ביישפיעלען צוא בעווייזען, דאס פיעל מאל האבען צופעלע אונד געלעגענהייטען, וויא געשיקטע פון הימעל, בעוויזען, דאס רבנו האט מתיר געמאכט מיט דער ריינער וואהרהייט פון דער תורה — אזויא אויך קאנען מיר בריינגען ביישפיעלע, וויא צופעלע און געלעגענהייטען האבען אויך געוויזען

דיא ריכטיגקייט אין דער אנדער זייטע: וויא מיט דער ריינער וואהרהייט פון דער תורה האט ער, פערקעהרט, אבגעהאלטען פון א היתר, זאגאר ווען דער רעכנונג פון אלעמען איז געוועזען, דאס מען קאן, אונ מען דארף מתיר זיין. פון פיעלע ספורים אבער וועלען מיר ערצעהלען נור איינעם: היער אין קאוונא וואר א יונגער מאן פון א הויכע פאמיליע, אנ׳איידאם פון א האכגעשעטצטען מאן, וועלכער האט געלעבט מיט זיין ארדענטליכער פרויא זעהר א פריד־ליכען פאמיליען־לעבען. געשעפטס־האלב פלעגט ער אלע יאהר פארען נאך לייפציג. אויך אין דעם יאהר תרל״ד אין חודש אלול האט ער דיעזעלבע רייזע געמאכט אונ האט מיט גענומען 2000 רובל, פון בערלין האט ער צוא זיין פרויא זעהר א פריינדליכען בריעף געשיקט אונ געבעטען זיא זאל איהם נאך געלד שיקען לויט דיא פארדערונג פון געשעפט. זיא האט איהם, געוועהנליך, געשיקט, אבער צייט ער האט דיא געלד בעקומען איז ער וויא אין טיעפען ים הערייץ, דיא פרויא מיט איהר פאטער האבען אויף איהם נאכגעפרעגט, פארהער דורך בריעפע, נאכהער זיינען זייא זעלבסט געפאהרען זוכען איהם. דורך דיא הילפע פון דיא פאליציי אין בערלין, האבען זייא איהם געזוכט אין אלע ערטער וואו מען קאן דענקען, דאס צוליעב געלד אדער אנדערע שעדליכע זאכען, זאל א מענש דארט אין א נעטץ פאלען, דיא פאליצייא האט געלאזט אויפגראבען איינינע געפונענע ערמארדעטע פון דער לעצטער צייט אונ צוא צייגען פאר דיא אונגליקליכע, פאטער אונ טאכטער, פיעלייכט וועלען זייא צווישע זייא ערקאנען זייער פערפאלענעם וועלכען זייא זוכען, אבער — אומ־זאנסט! אויך נאך דיא פיעלע מודעות אין פערשידענע יודישע אונ רוססישע צייטונגען האט זיך קיינער געפונען ווער עס זאל פון איהם א שפור דערגעהן. דיא פאמיליע פון דער עגונה האבען אנדערש ניט גערעכענט, דאס מען האט איהם ערמארדעט אין פערדאכטע ערטער אין ברלין, צוא ליעב זיין געלד וואס ער האט ביי זיך געהאט אונ מיט דעם רעכנונג האט דאך אויך דיא פאליצייא זייא געהאלפען אונטערזוכונגען צוא מאכען, אונ ווער רעדט נאכדעם אלס ס׳איז שוין פאראיבער 7 יאהר צייט ער האט זיך געשיידעט העכסט פריעדליך אונ ליעבליך פון זיין געליעבטער פרויא, אלזא נאך אלעם דיעזעם, פעהלט דאך מעהר ניט וויא רבנו מיט זיין גרויסען קראפט אין תורה זאל זיך נעהמען דאצוא, אונ ערפינדען א היתר פיר דער אונגליקליכער עגונה. איהר גאנצע פאמיליע האבען איהם פערטויבט טאג אונ נאכט מיט זייערע ביטעס, אונ האבען איהם זיין רוהע געשטערט, אבער רבנו, וויא גוט, וויא בארמהערציג ער וואר,

 אונ

און וויא ער האט איהר פאמיליע געשעטצט, דאך האט ער גאר ניט געוואלט דענקען דאפאן, ער האט זייא ענטזאגט און ניט גע-אנטווארטעט. וויא פערוואונדערט אבער זיינען דיא גאנצע שטאדט געווארען, וויא צום ענדע 7 יאהר פון איהר מאנס פערפאלען ווערען, איז געקומען פון איהם א בריעף, אין וועלכען ער איז זיך מתודה, דאס ער האט איהר גענארט, ער האט פון איהר מיט פאלשהייט צוא גענומען איהר געלד און פערדרייזט נאך שפאניען וואו עס איזט קיין שפור פון קיין יודע ניטא, דארט האט ער געלעבט א פרייען, א שענדליכען לעבען, און האט פערגעסען אן גאט און אן לייטען, ביז ער האט זיין געלד מיט זיין געזונד פערלארען און דאן האט איהם שוין זיין געוויסענס ביסע געצוואונגען צוא שרייבען איהר, דאס ער קומט צוריק, און ער איז טאקי געקומען און בעפרייט איהר מיט א גט וויא געהעריג איזט, דאן האט דיא גאנצע פאמיליע פון דער עגונה געזעהען דיא גערעכטיגקייט פון רבנו און האבען שוין אויך גוט פערשטאנען, דאס ער בענוטצט ניט זיין כחא דהיתרא, ניט וויא דער וואהרער דין פון דער תורה.

יב.

זיינע בעזאנדערע אויפפיהרונג.

פיעלעס, פיעלעס האבען מיר געקאנט ערצאהלען פון זיינע אויפפיהרונגען, זיינע זיטטען אונד זיינע אבהיטונגען, אונד פון זיינע פערבארגענע וועגען צוא גאט און צו לייטען; נור מיר האבען דאך שאן לאנג געזאגט, דאס זיינע אלע מעשים און מנהגים זיינען געוועזען געריכטעט פונקטליך נאך דער תורה, ביז ער איז געווארען זעלבסט א לעבענדיגער שולחן ערוך, אלזא בלייבט אונז דאך שוין ניט וואס צו ערצאהלען — דען איזט עס מאגליך אויס צו רעכנען אלע דינים פון שולחן ערוך, מיט אלע מדות חסידות פון אלע מוסר ספרים, דיא אלע וועלכע זיינען געוועזען בייא איהם אין מונד און אין הערץ, און הערויס געבראכט צום טהאט מיט אלע זיינע גליעדער? — דארום מוסען מיר זיך בענוגענען מיט נור איינע ביישפיעלען פון זיינע אויפפיהרונגען, וועלכע זיינען זעהר מערקווירדיג:

א) ווען ער האט אבגעהיט א זאך, וועלכע על פי דין ברויכט מען עס ניט צו היטען, וואס עס איז נור אמדת חסידות, און ער האט בעמערקט אין איינעם וואס זעהט וויא ער היט עס, און ער

האט פערשטאנען, דאס ער וויל זיך פון איהם לערנען, מיינענדיג, דאס מסתמא איז דער דין אזוי אונ מען מוס עס היטען — דאן פלעגט ער גלייך יענעם זאגען מיט ווייכע גוטע רייד, דאס מען איז דאס ניט מחויב על פי דין, אונ פלעגט זיך פאר יענעם וויא פעראנטפערן למאי ער היט עס. ער פלעגט איינינע מאל וויעדערהאלען זיין התנצלות, אום ניט צוא בעשווערען דעם אנדערן מיט איבעריגע זהירות, וועלכע מען איז ניט פערפליכטעט מצד הדין אונ אויך אום דערזעלבער זאל ניט פעראכטען דעם יעניגען וועלכער היטעט עס ניט, וויא א פערברעכער אין א דין, אונ וועט דאמיט איבערטרעטען דעם פערבאט: „לא תשנא את אחיך בלבבך“, ד. ה. האסע ניכט דיין ברודער אין דיינעם הערצען.

ב) נאך פון דער יוגענד אן פלעגט ער מאנטאג אונ דאנערשטאג ניט עסען קיין פלייש, ביז ער האט בעקומען א שוואכקייט אין דיא פיס, האט ער, אין נאוואגרודאק זייענדיג, פערלאזען דעם מנהג צו ליעב דער מצוה „ונשמרתם לנפשותיכם“.

ג) ער פלעגט מהדר זיין זיך טובל צו זיין אין מקוה ווען איהם איז נור מעגליך געווען, אפט איינינע מאל אין וואך, אפילו אין דיא אלטע שוואכע יאהרען פלעגט ער זיך אויך שטארקען אונ געהען זיך טובל זיין, אונ פלעגט זיך אימער פרייען וויא אויף א מציאה ווען איהם האט געלונגען אויס צופיהרען זיך צו טובל זיין, אבער ווייל ער וואר אהצנע לכת, פערבארגען אין דער פראמער וועג, פלעגט ער עס מאכען מיט איינ'אויסרייד, זאגענדיג: איך געה אויסמעסטען אונד אכטונג געבען אויף דער מקוה.

ד) ער פלעגט זעהר אבגעהיט זיין פון בעריהרען דיא לייב מיט דיא האנד, ווען ער האט עס אבער געמוזט, פלעגט ער איינהילען דיא האנד אין אטיכעל. אויך איז ער געווען זעהר פארזיכטיג אין נטילת ידים.

ה) ער וואר זעהר אבגעהיט אין דער קדושה פון ספרים, ניט לעגענדיג א שפעטיגערען ספר, ד. ה. וועלכער איז שפעטער פערפאסט געווארען, אויף אנ'אלטערין אונ אהייליגערען, צ. ב. ש. — א ספר פון כתובים (תהלים, משלי, איוב, דניאל, עזרא, נחמיה, חמש מגלות אונ דבה"י) אויף א ספר פון נביאים, אונ נביאים — אויף א חומש. אונ זא אויך פוסקים אונ תשובות — אויף א גמרא. אונ האטש זיין טיש איז דאך אימער געווען פאל מיט אלערלייא ספרים, דאך פלעגט ער זעהר פארזיכטיג זיין אונ פלעגט אימער לעגען דיא ספרים וויא געהאריג איז — עס זאלען ניט ליעגען עליונים למטה, דיא וואס געהארען אבען צו זיין, זאלען ניט זיין אונטען.

ו) ער האט אנגעווענדעט זיינע אלע קרעפטען, מען זאל ניט אנדערש טאן וויא דער מנהג איז — צו שטעלען אחופה ניט אנדערש וויא אונטערן פרייען הימעל, אין קיין ארט האט ער זיך ניט געלאזט איבערעדען מסדר קדושין צו זיין אינטער אחופה, וועלכע מען האט ניט אונטען פרייען הימעל געשטעלט, נור, וויל זיין שטייגער איז געווען צוא זוכען דעם שלום, אונ, אום דיא חתן, כלה זאלען ניט מיינען, וויל ער האט ניט געוואלט מסדר קדושין זיין, דאס זייער פערבינדונג איז ניט רעליגיאזיש געהייליגט, אונ דיא קדושין זייגען פיעלייכט גאר פסול, אונ דורך זא איין אירטהום וועלען זייא זייער פערבינדונג ניט האלטען הייליג כדת משה וישראל — דארום פלעגט ער אויף מארגען נאך זא אחופה פאהרען ווינשען דיא יונגע פאאר מזל טוב אונ בענשען זיי פריינדליך, אויך ערקלארען זיי מיט גוטע קלוגע רייד, דאס זייא ברויכען הייליג צוזאמען לעבען כדת משה וישראל וויא זייערע קדושין זייגען.

ז) אלע נאכט פלעגט ער היטען צו זאגען מיט א זיסע שטימע איינינע קאפיטלען תהלים, אויך האט ער זיך געמאכט א חוק צוא זאגען טאגליך א יום „חק לישראל" אונ אין דיא לעצטע יאהרען האבען מיר איהם געזעהען לערנענדיג שטילערהייט „זהר" אונ אנדערע ספרי קבלה.

ח) ער האט זיך געהיט אין יעדער ארט וואו ער פלעגט זיין, מיט צו האלטען דעם מנהג פון יענעם ארט, סיי לקולא סיי לחומרא, אונ האט פערביינען זיין דעה מיט זיין רצון פאר דעם מנהג פון יעדער ארט, צום בייספיעל: אין ניעשוויז אונ אין נאוואגרודאק איז מען זיך נוהג מקיל צו זיין ביי אנ׳ענין פון ספק טריפה (ווענען וועלכע ס׳איז דא פערשיעדענע דעות אין יו"ד — אנדערע פסק׳נען כשר אונ אנדערע — טריפה), דארום אין ניעשוויז אונ אין נאוואגרודאק זייענדיג האט ער אויך ניט געאנדערט דעם מנהג. אבער וויא ער איז אנ־געקומען אין קאוונא, וואו מען איז זיך ניט נוהג מיקל צו זיין אין דער חומרא פון ספק טריפה — האט ער די חומרא אויך ניט געאנדערט. — אין סדר תקיעות דמעומד איז רבנו געווען זעהר צופריעדען וויא מען איז זיך נוהג אין קאוונא, אונ פערקעהרט, פון דעם סדר התקיעות נאך דעם מנהג פון דער ערשטער שטאדט פון זיינע רבנות, איז ער זעהר אונגד צופריעדען געווען, דאך האט ער אויך דארט ניט געוואלט משנה מן המנהג זיין.

מיט דיעזע ספרים זיינע האט ער בעשאנקען דיא וועלט: "באר יצחק" געדרוקט נאך אין נאוואהרודאק זייענדיג אין יאהר תרי"ח, „נחל יצחק", ערשטער טהייל, — אין קאוונא זייענדיג, שנת תרל"ב,

„נחל יצחק“, צווייטער טהייל, שנת תרמ״ד, „עין יצחק“, ערשטער טהייל, שנת תרמ״ט, „עין יצחק“, צווייטער טהייל שנת תרנ״ה.

ביא דעם דרוקען זיינע ספרים האט רבנו איינינע מאל ערצעהלט דעם ספור: זייענדיג נאך אין נאוואהרידאק, ווען ער האט געברויכט צוא דרוקען זיין ערשטען בעריהמטען ספר „באר יצחק“, וועלכען ער וואר געצוואונגען צוא דרוקען אין קעניגסבערג אונ עס האט דארום געפאדערט א דאפעלטע הוצאה, האט ער געשיקט רופען א בעקאנטען גביר אונ געפרעגט איהם זיין ראטה, וויא צוא העלפען זיך וועגען דיא דרוק-קאסטען, דער גביר אבער האט איהם אבגעהאלטען פון דעם דרוקען אין גאנצען, פערפיהרענדיג זא א געשפרעך: א רב ווען ער דרוקט א ספר פערלירט ער 3 זאכען, נעמליך: דער ספר איז איהם ממעט את השם, פערקלענערט דער נאמען, דען פאר-הער קלינגט זיין נאמען פאר א גרויסען גאון — דער ספר אבער ווייזט, אז זיינע לומדות איז גאר ניט וויא מען האט גערעכענט; ער איז ממעט את הכבוד, ער פערקלענערט דעם כבוד, ווייל ער איז דאך געדריקט מיט זיין ספר הערום צוא שנארען מבית לבית, פון הויז צוא הויז. אויך איז ער ממעט את הממון, ער מאכט וועניגער דיא געלד — ער לייגט צוא אייגענע געלד, אונ בעלעסטיגט נאך אנדערע אויך אין געלד זאכען. — וויא רבנו האט עס ערהערט, האט ער מיט גרויס פריידע געזאגט: „אם כן אפוא, אב יא זא, בין איך שוין דאך זיכער, דאס דער דרוקען מיין ספר איז ניט צוא ליעב א גרויסען נאמען, ניט צוליעב כבוד, אונ ניט צוליעב געלד, צוליעב אייגען נוטץ — נור טאקי לשם התורה — נוא, יעצט, רבונו של עולם, העלף זשע דוא מיר איך זאל אויספיהרען דעם דרוקען מיין ספר, וועלכען איך וויל אויף דער וועלט ברייגען נור לכבוד דיין תורה! — נוא, מיר ברויכען געוויס ניט צוא ערצעהלען, דאס אין דער טהאט וואר פערקעהרט וויא דער גביר האט דעם רעכנונג געמאכט — דער ספר „באר יצחק“ האט איהם דיא אלע 3 זאכען פערגרעסערט אונ פערבעסערט, איהם האבען דיא גאנצע וועלט לומדים געפאדערט אונ אויסגעהאפט, ביז רבנו ז״ל האט זעלבסט פאר איהם געצאהלט 3 רובל ווען ער פלעגט איהם בעקומען צוא קויפען, אונ דורך דעם ספר איז אויף איהם מקוים געווארען — ארך ימים — בימינה, בשמאלה — עושר וכבוד

יג.

זרע צדיק.

צווישען דיא זאכען וועלכע זיינען שיין פיר צדיקים אונ שיין פיר דער וועלט, רעכנען אונזערע היילינע חכמים אין אבות פרק ו׳ — קינדער, דארום געפינען מיר פאסענד פיר דעם צדיק אונ פיר דער וועלט אויפצונעהמען אין דער ביאגראפיע פון דעם צדיק רבנו אויך זיינע קינדער, זאגאר מיר האבען זיך געמאכט פיר א געזעטץ, ניט צוא ערמאנען היער דיא לעבעדיגע גרויסע לייט, וועלכע האבען א טהייל גענומען אין רבנו׳ס גרויסע ווערקע — זיינע קינדער אבער מוסען אנ׳אויסנאהם מאכען, וויא געזאגט איזט, אונ העכער שטעהען פון אונזער געזעטץ.

אין זאבעלין איז געבארען בנו הרב ר׳ חיים ז״ל, א גדול אין תורה אונ מדות טובות, ער וואר אנ׳איידעם פון דעם געוויסען, בעריהמטען גאון ר׳ יוסל׳ע סלוצקער, ר׳ חיים וואלאזינערס א תלמיד. דיעזער ר׳ חיים האט געהאט נאטירליכע אהנליכקייט צום פאטערס זיטליכקייט, אונ האט אויך בענוטצט דיא געלעגענהייט צוא לערנען זיך פון זיין בעריהמטען שוויגערפאטער, הגאון ר׳ יוסל׳ע זצ״ל. ר׳ חיים האט ניט געוואלט ערנעהרען זיך פון רבנות, נור נאכהער וויא איהם איז זיין געשעפט ניט גוט געגאנגען האט ער זיך שוין געלאזט איבערעדען אונ געווארען א מורה הוראה אין קאוונא, אבער ניט לאנג האבען זיך זיין פאמיליע וויא אויך דיא גאנצע שטאדט מיט איהם געפרייט, דען ער איז ניט עלטער פון 40 יאהר שוין צוא זיין עוויגע רוהע געגאנגען, צום גרויסען טרויער פון זיינע עלטערן אונ פאמיליע אונ פון דער גאנצער שטאדט.

איין איינציגע טאכטער האט רבנו געהאט, וועלכע מען האט מיט זיין מוטערס נאמען גערופען — רחל, דיא רחל וואר געבארען אין בארעזא, זעהר א פרומע, א קלוגע אונ געלערנטע אין איינינע שפראכע, זיא וואר דיא פרויא פון הנגיד הנכבד ר׳ הירש סעלצאווסקי, וועלכער וואר אין דיא לעצטע יאהרען בייא רבנו וויא זיין רעכטער האנד, צוא פיהרען דיא ארדנונגען פון דער טהייערסטער אונ העכסטע-געשעטצטער צדקה, צוא ערהעבען דיא תורה אן וועלכער דער לעבען פון רבנו וואר געבונדען — אונ רבנו האט איהם זעהר געליעבט. אויך מיט דער טאכטער האט זיך רבנו ניט לאנג געפרייט — זיא איז פון א שווערע דויערינע קראנקהייט יונג פון דער וועלט געגאנגען ביום ד׳ מנחם אב התרל״ו תנצב״ה!

דער ביא מוזען מיר אויך ערמאנען 2 פון זיינע עייניקעל, וויל דיא 2 האבען זיך ערצאגען ביא איהם וויא זיינע אייגענע קינדער אונ ער האט זייא אויך חתונה געמאכט — איינער איז ר' יוסל'ע בן הרב הגדול ר' חיים זצ"ל רבנו'ס זאהן. דער ר' יוסל'ע וואר אנ'עלוי אונ דאצוא זעהר פלייסיג, ביז ער האט זוכה געוועזען, דאס זיין גראספאטער, רבנו, האט מיט איהם א טעגליכען שיעור געלערענט, ער איז איהם זעהר געהארכזאם געוועזען, אונ וואר ביא רבנו ביז ער האט איהם צוא דער חופה געפיהרט. אויך דיא עניקעל, זיין איינציגע טאכטערס טאכטער, וועלכע האט זיך ערצאגען וויא א טאכטער ביא איהם אין שטוב, א העכסט געבילדעטע פרויא מרת זלאטה, דיא פרויא פון המופלג המהולל ר' אליהו טאבעלאווסקי. — זיא וואר זיין טראסט נאך איהר מוטער ע"ה, ער האט איהר צוא דער חופה געפיהרט, אונ, אויסער וואס ער האט בעקעסטיגט אויף זיין טיש דעם זוג, האט ער אויך אין דעם משך פון קעסט געלערנט מיט איהר מאן א שיעור גמרא אונ פוסקים, וויל ער האט איהם זעהר געליעבט.

אין ניעשוויז איז געבארען געווארען זיין זאן, וועלכער איז אויף לאנגע יאהרען, דער פערטרעטער פון פאטערס רבנות אין קאוונא, הרב הגאון הגדול המפורסם ר' צבי הירש ראבינאוויטץ, זאל געזונד זיין, וועלכער איז אין לערנען גוט בעוואוסט פון זיינע תשובות, וועלכע זיינען געדרוקט אין „עין יצחק", ערשטער טהייל, וועלכע רבנו האט געדרוקט אין יאהר תרמ"ד. אין זיינע דיעזע תשובות האט ער בעוויזען, דאס דיא פרוכט איזט ניט וייט פון בוים, אונ וויא ער וואר א וויכטיגער תלמיד חכם דעם פאטערס אין תורה, זא וואר ער אויך זיין קלוגער בעל עצה אין אלע גרויסע טהאטען, וואס ער האט געטאהן פיר זיין פאלק אונ זיין תורה, אין דיא אלע נסיעות, וועלכע רבנו האט געמאכט קיין פעטערסבורג וואר ער מיט איהם אונ וואר וויא זיין רעכטע האנד, אונ איז שוין געוועזען אין פ"ב אייניגע מאל אהן זיין פאטער אונ געשטאנען צווישען דיא גרעסטע פארנעהמסטע לייטע, אונ וואר געשעטצט אונ געאכטעט וויא א חכם הכולל, אין יאהר תרנ"ד (1894) האט מען איהם אנ'ער־קאנט פיר א דעפוטירטען אלס רב אין דער ראבינער קאמיסיע, וועלכע דיא רעגירונג האט גערופען אויף בעפעהל דעם מיניסטערס דעם אינערן, אונ דיא רעגירונג האט איהם אנ'ערקאנט אונ געמאכט פיר א פרעדסיעדאטעל (פארזיטצענדער) אויף דער קאמיסיע, פיעלע שטעדטע האבען איהם שוין לאנג אויפגעפאדערט ער זאל אננעהמען זייערע רבנות, אונ דארום נאך בעפאר מען האט היער זיך

 ערוואוסט

ערוואוסט, דאס ס'איז פערהאנדען א צוואה פון רבנו, אין וועלכער צווישען אלע זיינע ביטעס אונ בעפהלע, בעטעט ער אויך ביי דער שטאדט, דאס זיין דיעזער זאהן זאל זיין שטעלע בעטרעטען — האט דיא גאנצע שטאדט פה אחד, מיט איין שטימע, אויסגעוואהלט איהם, אונ וויא דיא גאנצע שטאדט האבען זיך פערזאמעלט דעם 7-טען טאג פון טרויער אויף רבנו, אונטערשרייבען זיך אויפ'ן כתב רבנות, וועלכער וואר שוין געגרייט פון דריטען טאג כ"ה אדר, האט מען געעפענט דיא צוואה פיר דער גאנצער געמיינדע, אונ וויא ערפרייט זיינען זייא אלע געווארען, זעהענדיג דאס זייא האבען צו־געטראפען דעם רצון פון רבנו, אונ דיא צוואה מיט'ן כתב רבנות זיינען צוזאמען געלעזען געווארען. —

אין נאוואהרודאק איז געבארען געווארען זיין זאהן הגביר הנכבד ר' בנימין ראבינאוויטץ נ"י! א געעהרטער אונ געשעטצטער אין שטאדט פון אלע זארטען מענשען, ער איז אנ'איידאם פון הרב הגביר הצדיק ר' אליהו בער זצ"ל פון מעמעל, וועלכער איז בעוואוסט מיט זיין תורה, מצוות ומעשים טובים, צוא השי"ת אונ צוא לייטען, ער איז פון דיא יחידי סגולה, וואס האט געאפפערט זיינע קרעפטען אונ צייטען פיר אלע וויכטיגע צדקות פון רבים, זיינע לעטצטע צוואנציג יאהר האט ער געהייליגט אין תורה ועבודה טאג אונ נאכט, ביז ער האט צוא גאט איבערגעגעבען זיין נשמה בטהרה ופרישות בחג המצות תרנ"ה, אין סטאוויסק, לאמזער גוב., תנצב"ה!

ערב ר"ח שבט שנת תרמ"ב איז רבנו געבליעבען אנ'אבל נאך זיין טהייערער ערשטער פרויא, דיא מוטער פון זיינע טהייערע קינדער, דיא צדקנית וועלכע האט איהם געהאלפען מיטליידען דיא גאנצע צייט, אין וועלכער ער האט מקים געוועזען דיא תורה אין ארמוטה אין מאנגעל, אונ האט אויך זוכה געוועזען צוא געניסען דעם כבוד אונ פערגניגען נאכהער אלס זיין נאמען וואר שוין גרויס, ווען ער וואר שוין אין קאוונער רבנות, דער רבי פון זיין פאלק אונ פיהרער פון זיין נאציאן, הרבנית מרת שרה רייזל זצ"ל. — אין יאהר תרמ"ג האט רבנו גענומען דיא געשעטצטע פרויא פון העכסטען יודישען אדעל, וועלכע וואר פאר'הער א שוויגער טאכטער פון ווארשאווער רב הגאון הגדול המפורסם ר' חיים דאווידזאהן זצ"ל. דיא ארדענטליכע פרוי האט אבגעהיט רבנו וויא איהר אויגאפפעל, טאג אונ נאכט האט זיא זיך געקליגט וויא איהם צוא פלעגען אונד שטארקען אונ פון פערדרוס צוא פערהיטען, רבנו האט פיעל מאל געזאגט, דאס דיעזע טהייערע פרויא שטיצט איהם זיין לעבען, אונזער שטאדט האט געוואוסט וויא צוא שעטצען איהר דאפיר אונ דאנקבאר זיין. — דער

זכות פון רבנו זאל בּיישטעהען זיינע אלע זעהנע אונ ענִיקעל אונ זיין גאנצער פאמיליע, אויך דיעזע טהייערע וויטווע מיט אלע איהרע קינדער — זייא אלע זאלען געזעגנעט זיין אימער אונ עוויג!

ד.

בּדור צדיק.

נאך אונזער בעטראכטען, לויט אונזער בעגריף, דיא זעלע־קרעפטען אין תורה אונ מדות טובות, מיט דיא אלע אויפפיהרונגען פון רבנו, מוזען מיר זיך צוריק קעהרען צוא שילדערן זיין ביאגראפיהע פון דער צייט פון זיין אנקומען פון ניעשוויז קיין נאוואגרודאק, דען דאן האט זיך בּייא איהם א נייע צייט אנגעפאנגען, אין וועלכער ער האט פון זיין גרויסער גאונישער וועלט שוין אנגעפאנגען, זיך צוא מישען, צוא געהמען אנטהייל, אויך אין דער לאגע אונ לעבענס בעדערפניסע פון אחינו בני ישראל, צווישען דיא אלטע גרעסטע לייט פון יענעם דור, וויא ער האט שוין דאן געוויזען זיינע ווירקונג אויף דער פערזאמלונג אין מינסק אין דיא יאהרען תרי״ב — תרי״ג (1852-53). מיר מוסען אבער דאצוא פארשטעלען א ריכטיגע היסטארישע בילד פון יענער צייט, ווייל דיא טהאטען פון דיא גרויסע וויכטיגע מענער זיינען פערבונדען מיט דיא אלע בעגעבענהייט פון דער צייט.

ביז דעם יאהר תרכ״ג (1863), וואס דאן האט דער גוטער זעליגער קייזער, אלכסנדר דער צווייטער, בעפרייט צוויא אונ צוואנציג מיליאן מענשען פון זייער שקלאפעריי. — ביז יענער צייט זיינען געוועזען גערעכענט דיא בויערן בּייא זייערע העררען דיא דוואריאנעס פיר עוויגע שקלאפען אונ וויא וואהרע פיהע, זייא האבען געארבייט מיט זייא וויא מיט עזלען, פאר דיא קלענסטע, לייכטסטע זאכען פלעגען דיא דוואריאנעס אהן דין ומשפט זייערע קנעכט מיט דיא פורכטבארסטע לייבשטראפע בעשטראפען, ציכטיגען מיט אלערליי ציכטיגונג. דיא בויערן האבען מיט זייער שווייס אונ גאל זייערע העררענס ערדע געארבייטעט, אונ אנשטאדט ברויט פון דער ערד וואס זייא האבען בעארבייטעט, פלעגט זייא דער הער צוואווארפען וויא פיהע דיא אבפאל פון דיא קארן מיט דיא שטראה צוזאמען אונ דאפאן פלעגען דיא בויערן מאכען ברויט, וואס בעסערע גיבט מען פיר הינד, מען האט זייא אויך געקויפט אונ פערקויפט, וויא פיהע. אין אלגעמיין האט נאך דאן געהערשט לייבשטראף, פון וועלכע

נור דער אדעל וואר אויסגעשלאססען, קיין געשווארענע ריכטער זיינען נאך דאן ניט געוועזען, דיא גאנצע וועלט איז דאן זעהר ניעדעריג געשטאנען, אין זא אנ'ארט, וועלכען א היינטיגער מענש קאן זיך גאר ניט פארשטעלען, דיא לעבענס-וועגען זיינען נאך אונגעבאהנט געוועזען, טעלעגראפען אונד אייזענבאהנען זיינען נאך אויך ניט געריכטעט געוועזען אין לאנד, דער ערשטער אייזענבאהן אין דעם געגענד פון ווארשא נאך פעטערסבורג וואר איינגעריכטעט אין יאהר תר"ך (1860), אונ דער טעלעגראף — אין יאהר תרט"ו (1855), אויך וואר נאך ניט קיין באנקען, אונ דער מסחר האט זיך געפיהרט אין קליינעם פארמאט, דער פער-ברויך פון ווארע וואר זעהר וועניג, דען 20 מיליאן בויערן האבען דאן נאך ניט געברויכט קיין מענשליכע קליידונג אונ וואהנונג, אונ אלע פערגניגען פון לוקסוס, וועלכע דיא געוואהנהייט האט זייא פיר געטהיג געמאכט. — דער לאהן פון אנ'ארבייטער וואר אויך זא וועניג, ביז דיא גאנצע קלאססע ארבייטער אונ בעלי מלאכות האבען אויך ניט געקאנט לעבען א בעסערען לעבען פון דיא בויערן, דער ארמוטה האט זעהר ערניעדערט דאס געמיינע פאלק, גליקליך געלעבט האט נור דער אדעל, (דוואריאנסטווא) וועלכער איז אין א בעזאנדערען העכערען שטאנד פון אלעמען געשטאנען, זייא האבען געהערשט אויף זייערע קנעכט — אויף זייער קערפער אונ אויף זייער ערד, זייא האבען קיין לייבשטראפע ניעמאלס בעקאמען; האבען געהאט בעזאנ-דערע רעכטע אונ זיינען געוועזען בעפרייעט פון מיליטערדיענסט.

מען קאן לייכט פערשטעהן, וויא שלעכט וואר דאן בעזאנדערס דער שטאנד פון יודען. חאטש זייא זיינען געוועזען אימער טרייע קנעכט צוא דיא רעגיערונג, וויא יודישער נאטור עוויג איזט, זיינען זייא אויך געוועזען געצוואונגען צוא ליידען דיא בעהערשונג פון דעם פאלנישען אדעל, דאס רוב שטעדט אונ דערפער, אין וועלכע יודען האבען געוואהנט, האבען געהערט צוא דעם אדעל, דיא גוטסבעזיטצער, וואס האבען געהערשט אויף אלע וועלכע זיטצען אויף זייער ערד, זייא פלעגען נעהמען א צאהלונג פון הייזער אונ פון סחורה, פלעגען פערדינגען אויף ארענדע שענקען אונ פראפענאציעס, אין כלל דער יודישער לעבען איז געהאנגען אן זייער ווילדען ווילען, זייא פלעגען זיך הערייו מישען אין אלע יודישע אויפפיהרונגען, קערפערליכע אונ גייסטליכע, אונ האבען זיך גענומען דיא דעה אויף אלעם, דען אין ליטא, רייסען אונ זאמוט זיינען געוועזען אפילו אין אלע פריסוטסטוועס געריכטסבעהערדע דאס מעהרסטע פאלנישע טשינאווניקעס, וועלכע האבען אויך געשפראכען פאלניש, נור דיא ביכער זיינען געוועזען אין רוסישע שריפט אונ שפראכע. — אונ זייא האבען געוואלט מיט

געוואלד איינפלאנצען דעם פאלנישען גייסט אונ געפיהל ביא יודען, דען יודען האבען פון זייא קיינע נוטצען געקאנט האבען, ווייל דיא פאלנישע גאנצע בעהערשונג וואר דאך בעשרענקט, דען זייא זעלבסט זיינען דאך אויך געשטאנען אונטער דעם שוטץ אונ ווילען פון דער וואהרער רוססישער רעגירונג. ווענען יודען האבען געוואלט אונ געמוזט דיענען נאך זייער פפליכט. דיא פאלנישע הערשער האבען נור אויף יודען געווירקט זייא איינג צוא מאכען דעם לעבען אונ ניט צולאזען דעם רוססישען גייסט צוא זייא, צוליעב וואס יודען זיינען געבליעבען ביא דער זשארגאנישער שפראכע, דען רוססיש צוא לערנען האבען זייא קיין מעגליכקייט געהאט, געדריקט זיינענדיג אונטער דיא פאלען; אונ זייא אליין האבען דעם יודען פערראכטעט אונ ניט גע-פאדערט פון איהם, ער זאל זיך לערנען דיא פאלנישע שפראכע גאר ווייל דיא דארף לייטע אונ אויך פיעלע שטאדט לייטע האבען דאך געבראוכט צוא האנדלען מיט דיא פאלען האבען דאריבער פיעלע פון זייא פערשטאנען צוא שפרעכען, אונ אנדערע אויך צוא שרייבען פאלניש.

זייער שנאה צוא יודען האט זיך נאך מעהר פערגרעסערט נאך דער פאלנישער מרידה אין יאהר 1831 (תקצ"ב), דען יודען, וויא זייער טרייע צוא זייערע מאנארכען אונ הערשער פון עוויג האבען זיך אויך דאן אויסגעצייכענט אין טרייהייט צוא דער ממשלה וועלכער זייא האבען נעגעבען נאכריכטען פון אלעם וואס דיא ממשלה האט נעטהיג געהאט צוא וויסען פון דיא פערבארגענע פאלנישע פערברעכער געגען איהר. זעלבסט פערשטענדליך, דאס דיא, ווענען עס האט אנגעריהרט, האבען געזוכט וויא נקמה צוא נעהמען פון יודען, זייא האבען דיא צייט ערווארטעט אונ זייער וואונש ערייכט, דען באלד אין איינינע יאהר ארום האבען זייא צוריק בעקומען שטעלען ביא דער רעגירונג אין פערשידענע אמטע; זייערע מארשאלען זיינען געווען זעהר געעהרט ביא דיא גרויסע רוסישע בעאמטע פון הויכען שטאנד, זא דאס זייא איז זעהר לייכט געווען צוא בעליידיגען אונ בעטאדלען יודען פאר דיא רעגירונג מיט פאלשע דאנאסען. אין זייערע רייד וועגען יודען האט דיא רעגירונג געגלויבט וויא אין ריכטיגע עדות, ווייל ווער קאן נאך האבען אזא ריכטיגען מיינונג וועגען יודען וויא דיא, אויף וועמעס ערד זייא זיטצען אלס פעכטער, שענקער, מילנער. דיא הויכע רעגירונג האט דאך אויך געקוקט אויף יודען לויט דעם געגעבענעם מיינונג פון איהרע פאלנישע טשינאווניקעס לויט זייערע אנטווארטען אונ נאכריכטען וועלכע זייא האבען געגעבען האט זיא געמאכט איהר איינענע מיינונג וועגען דיא יודען אונ דארום

איז הערויס דער בעפעהל פון דיא רעגיערונג אין יאהר תר"ד (1844), וועלכער האט פערבאטען יודען אין דערפער צוא זיצען. דאך האבען דיא פאלען נאך ניט אויפגעהערט צוא פערפאלגען אונ בעטאדלען יודען מיט אלערלייא פאלשע בלבולים, ביז ס'איז הערויס דער בעפעהל צוא פערבאטען יודען צוא וואהנען 50 וויארסט ווייט פון דיא גרענעצען, וואס ס'האט פיעלע צרות געבראכט אויף יודען אין יענער צייט, דאן איז געוועזן דיא רייזע נאך אמעריקא, אפריקא א. ד. ג. נאך אונבעוואוסט אונ אונמעגליך, דען עס וואר נאך דאן קיין אייזענבאהנען, אונ דארום איז גאר קיין מיטעל געוועזן פיר דיא הערויסגעשיקטע*).

דאצוא איז נאך אין יאהר תרי"א (1851) הערויס דער בעפעהל פון דיא „ראזריאדען“ (אבטהיילונגען), ד. ה. אלע יודען פון לאנד זאלען איינגעטהיילט ווערען אין 3 טהיילען אדער ראנגען: 1) קויפלייטע, גילדען; 2) בעלי בתים אונ 3) בעלי מלאכות. דייעניגע אבער, וועלכע מען קאן ניט בעשטימען צוא איינע פון דיא 3 אב-טהיילונגען זיינען אלס ליידיג-געהער אונ בראדיאגעס גערעכענט אונד אום זייא זאלען זיך אונ קיינעם קיין שלעכטעס שאפען, זייענדיג אהן א שום געשעפט אונ ארבייט, זאל זייא דיא מלוכה נעהמען צור דיענסט פיר לאהן.

דעם בעפעהל, וואס דיא רעגיערונג האט גערעכענט אלס טובה פיר אונזער פאלק, האבען יודען אבער נאך זייער אינערען אונד אויסערען שטאנד גערעכענט פיר זעהר שווער אונ פיר אונ-מעגליך מקים צוא זיין אונ האבען זיך דארום פערזאמעלט אין דיא בתי מדרשים מיט פאסטען אונ מיט געוויין צוא בעטען עס זאל דורך דיא גוטהערציגקייט פון דיא האהע רעגיערונג פערענדערט ווערען דער בעפעהל צוא גוטען.

אום צוא געבען אונזערע לעזער א ווירקליכען בעגריף מיט וואס פיר איין אויג דאס פאלק האט געקוקט אויף דעם געזעטץ פון דיא „ראזריאדען“ געפינען מיר פאר אינטערעסאנט צוא ערצעהלען א וואהרע געשיכטע וואס האט אין יענער צייט פאסירט מיט הרב הגאון, הצדיק המפורסם, החכם הכולל, הגביר מו"ה אליהו לעווינזאהן זצ"ל, וועלכער איז בעקאנט מיט דעם נאמען ר' אליהונ'קע קראטינגער וועלכע ער זעלבסט האט מיר ערצעהלט.

אין

*) ווער עס וויל נור א בעגריף האבען פון דער יודישער לאגע אין יענער צייט קאן עס געפינען אין „הארח“ (ווילנא, 1855) אין דעם מאמר „סוף דבר“, וועלכען מען האט דאן געשריבען צום צדיק השר משה מאנטעפיארי ז"ל, קאמענדיג קיין ווילנא.

אין יאהר תרי"א (1851) האט זיך הגאון ר' אליהו'נקע אונטער וועגענס אין זאמוטער געגענד געטראפען אין אנ'אכסניא מיט פיעל אורחים, צווישען וועלכע ס'איז אויך געוועזן אנ'עלעגאנטער הערר מדור החדש, וועלכער האט דעם ר' אליהו'נקען גוט געקאנט, ער האט געהייסען ה' וו"ש. דיעזער האט בעמערקט, דאס ר' אליהו'נקע אינטערעסירט זיך אונ איז זעהר בעקימערט פון דעם געזעטץ פון דיא ראזריאדען, אלזא האט זיך ה' וו"ש לוסטיג געמאכט אונ וויא מיט אנ'ערנסטען מינע בייא אלע אורחים געפרעגט: וואס מאכען דא יודען אזעלכע ליארעם? — וואס וויינט מען, וואס פאסט מען?! — איז דען ניט רעכט מען זאל אויסראמען דיא ליידיג געהער אונ איבערגעבען זייא לעבודת המלך?!

— איהר זייט גערעכט, ליעבער ה' וו"ש, — אנטווארטעט ר' אליהו'נקע, „אבער, רבותי," האט ער פארטגעזעצט, ווענדענדיג זיך צוא דיא אורחים, איך וועל אייך ערצעהלען, א געשיכטע וואס מיט מיר האט פאסירט, אונ וועלכע וועט אלס איין דייט-ליכער אנטווארט דיענען פיר ה' וו-ש: מיט איינע יאהר צוריק איז מיין מאטעריאלישער שטאנד זעהר שוואך געוועזן, אלזא האט מיין שוויגערפאטער מיר געזאגט: הער אוים! — דוא ביזט דאך געדריקט אונ יעצט איז אין קאוונא דיא טארגעס אויף דיא האספיטעלער (בתי החולים), דער געשעפט איז געוואהנליך בייא אונזער פריינד הגביר הנכבד ר' בעריל אלשוואנגער, אונ בעת דיא טארגעס ווערט צוטהיילט א געוויסע סומא געלד פיר דיא איבריגע פאדריאציקעס (ליעפעראנטען) אום זייא זאלען צוא לאזען צוא דעם עסק, לכן גיב איך דיר א זאלאג אונ פאהר נאך קאוונא — דוא וועסט געוויס אויך קריגען א פיינעם חלק וויא דיא איבריגע פאדריאציקעס. — מיר איז דיא זאכע אפילו זעהר ניט אנגעשטאנען; אבער ענטזאגען דעם שוויגערפאטער איז מיר נאך שווערער געוועזן, לכן בין איך נאך קאוונא געפאהרען. — איך קום צוא אונזער פריינד ה' אלשוואנגער ז"ל, ער נעהמט מיר זעהר פריינדליך אן אונ פרעגט, וואס איז דער ציעל פון מיין נסיעה? — איך האב איהם ערצעהלט, „הער אוים, אלי" זאגט ער צוא מיר, „דער עסק איז ניט פיר דיר — פאהר צוריק נאך הויזע! — דיר וועל איך א פעניג ניט געבען!" — זעלבסט פערשטענדליך דאס איך האב צוא מיין נסיעה נאך צוגעלייגט הוצאות. — אויף מארגען נאך מיין קומען אין קאוונא איז נודע געווארען, דאס ס'איז געקומען א יונגער מאן א מלשין, צוזאמען מיט א טשינאווניק צוא ברעכען דעם טארג. מען האט געשיקט צוא איהם פערמיטלער אונ מיט פיעל מיה איז מען מיט איהם פיר שעגע עטליכע הונדערט רובל

דורכגעקומען. אין איינגע טעג ארום איז ערוואוסט געווארען, דאס דער משינאוניק האט גאר קיין שייכות געהאט צוא דעם מלשין — דער מלשין איז גאר געוועזן א קבצן, נור ער איז געקומען אין יאנאווע (א שטאדט נעבען קאוונא) אונ האט דארט אויפגעווארט ביז עס וועט איהם אויסקומען צוא פאהרען אין איין פוהר מיט א משינאוניק (דען דאן איז נאך קיין אייזענבאהן געוועזן), דער צופאל איז איהם פארגעקומען, אונ אין וועג האט ער זיך צוגעמאכט צום משינאוניק אונ האט איהם אין א האטעל הערייגעפיהרט, צופאהרענדיג צום האטעל האט ער אפילו ניט געהאט צוא בעצאהלען דעם איזוואשציק, נור ער האט געמאכט קוראזש אונ געהייסען דעם בעל אכסניא בעצאהלען, אונ אזויא האט ער אלעס געבארגט ביין בעל אכסניא, וועלכער האט ניט ערקאנט זיינע פאקוסען אונ האט באמת געמיינט דאס ער איז א שותף מיט'ן משינאוניק מיט וועלכען ער איז געקומען דעם טארג צוברעכען, וויא ער האט ערצעהלט אונ פאר אלעמען אויסגעקלונגען. מעהר וויא דעם פאקום האט ער אין זאלאג ניט געהאט, נור דאך האט ער בעקומען דיא מטבע, אונ איך, וויא איך האב שוין געזאגט, בין געפאהרען צוריק מיט ליידיגען, אונ דער משינאוניק האט גאר פון קיין זאך ניט געוואוסט! —

„אליזא", זאגט ר' אליהו'נקע, רבותי, דוכט זיך, דאס (ווייזט מיט'ן פינגער אויף ה' וו—ש) אזא יונגער מאן א שארלאטאן איז דאך פון דיא אמת'ע ליידיג-געהער, וועלכע זיינען געמיינט אין דעם געזעטץ פון דיא ראזריאדען; נוא ווען מען וואלט טאקי אזעלכע (ער ווייזט אויף איהם) שארלאטאנעס איבערגעגעבען לעבודת המלך וואלט איך אויך זאגען, אז דאס איז גאר קיין גזרה ניט; אבער ליידער, געלד פון טארג ניט מען ניט אלי' קראטינגער, נור דעם ליידאק — אונ לעבודת המלך וועט מען פערשיקען — אלי' קראטינגער, איז דאך דאס טאקי א גזרה אויף וועלכער מען דארף פאסטען!" — אונזער הערר וו"ש איז העכסט אויפגערעגט געווארען, דיא פובליקע האט זיך שטארק בעוואונדערט, ווארום האט עס איהם זא אויפגערעגט; אבער דער ערצעהלער וויא אויך דער העלד פון ספור — הערר וו"ש האבען ביידע געוואוסט, דאס דער יונגער מאן, וועלכער האט אין קאוונא דעם פאקום געמאכט מיט דעם משינאוניק אונ דאס געלד אויסגענארט — איז דאס הערר וו"ש זעלבסט געוועזן....

טו.

צמח צדיק.

אין יענער קריטישער צייט האבען דיא גרויסע וויכטיגע לייט פון אונז איינגעזעהען, וויא נאטהיג ס'איז מען זאל צופאללען צוא זיין האהע מאיעסטעט, דער קייזער ניקאלאי דער ערשטער, מיט רחמים ותחנונים, זיך צוא פערטהיידיגען פון אלע פאלשע מסירות, מיט וועלכע אונזערע פיינדע, דער פאלנישער אדעל, האבען אונז בערעדט אונ פערליימדעט ביי דער רעגיערונג, אבער, אום צוא ברייגגען דעם ערהאבענעם וואונש מכוח אל הפועל, האט געפאדערט פילע קאסטען, למשל, צוא רייזען אונ צוא מאכען אסיפות (פערזאמלונגען) אום צוא בעראטהען זיך אונ פלענער צוא זוכען וויא אנצופאנגען צוא טהון דיא זאכע, אויסקלייבען וויכטיגע מענשען, וועלכע פאסען אונ האבען פעהיגקייט מיט פערשטאנד פאר א מאנארך צוא שטעהן. איניגע מאל האבען זיך דיא גרעסטע אונ וויכטיגסטע פון אחינו בני ישראל פערזאמעלט אויף אסיפות אין מינסק אונ אין באברויסק. רבנו וואר נאך דאן, נאך זיינע יאהרען, ניט גערעכענט צווישען דיא אלטע רבנים; דאך האט מען איהם אנגעזעהען אונ געשעטצט וויא א זקן החכמה, וויא אין תורה, זא אויך אין וועלטליכע זאכען, וועלכער קאן גרויסע נוטצען בריינגען מיט'ן שכל אונ מיט זיין מיה, אונ ער האט א גרויסען טהייל גענומען אין דעם וויכטיגען ענין. ער איז געקומען קיין מינסק, וואו אלע גדולים אונ חכמים האבען איהם עמפפאנגען מיט'ן גרעסטען כבוד, דען אויסער זיין ווירקונג פון זיין כבוד התורה, יראה אונ חכמה האט ער אויך מאטעריעלישע נוטצען געבראכט — צוויא טויזענד רובל (א גרויסע סוממא אין יענער צייט) אויף רייזע קאסטען אונ האט בעלעבט דיא וויכטיגע אויסגעצייכענטע לייט, וועלכע האבען זיך געאפפערט פיר יודען מיט זייערע השתדלות ביי דיא גרויסע שרי הממשלה, דיא לייטע זיינען: דער בעוואוסטער גביר הצדיק ר' יצחק זעלקינד פון מאנים-טירצען, וועלכער בעוואוסט איז מיט זיינע השתדלות אין דער מסטיס-לאווער בעוואוסטער געשיכטע; הגביר הצדיק ר' שמריהו לוריא ז"ל אונ הגאון החכם ר' יעקב בריט זצ"ל פון ווילנא — איבערהויפט דער וויכטיגער אונ טיכטיגער מאן ר' ליפא זעלצער ז"ל פון וויטעבסק, וועלכע זיינען געפאהרען קיין האמלע, וואו ס'האט דאן ערשיינט דער קייזער ניקאלאי דער ערשטער צום האכצייט פון דיא קינדער פון זיין בעליעבטען פריינד, דער גראף פאשקעוויץ, דער בעזיטצער פון

האמלע

האמלע אונ דער קנאז וואראנצאוו אבצוהיטען די גוטע שעה צוא ערלאנגען דעם קייזער די ביטע, וועלכע מען האט געשריעבען אויף דעם ראטה אונ בעשטימונג פון דער געעהרטער פערזאמלונג, פיר זייער פאלק, וויא מיר געפינען אין ר' ליפא זעלצער'ס בריעף, וועלכער איז געדרוקט אין ר' י"ב לעוויזאהנ'ס זכרונות. — אויסער דעם האט מען אין באברויסקער אסיפה אנ'ערקאנט די 2 גרויסע געעהרטע לייטע, ר' ניסן קאצענעלסאהן זצ"ל פון באברויסק, דער פאטער פון הרב הצדיק ר' ביינוש קאצענעלסאן פון קיוב, אונ ר' פייוועל פריעדלאנד פאן דווינסק, זייא זאלען פאהרען קיין פ"ב, רעדען אונ ביטען דערלאנגען אין נאמען פון דאס פאלק. דער הימלישער פאטער האט זייער רייזע בעגליקט. אונ מיט דעם חסד פון הקיסר ניקאלאי האט מען ביי 3 נאבארין בעפרייט יודען פון צוא געבען סאלדאטען, אנשטאדט וואס מען האט אין די פאריגע 3 נאבארין פון זייא מעהר וויא פון אלעמען גענומען, מען האט אויך אבגעהאלטען דעם גרוש פון די 50 ווערסט.

מז.

ארח לצדיק.

וויא מיר האבען געזעהן, דאס זייט רבנו איז אנגעקומען קיין באוואגרודאק האט ער אנגעפאנגען צוא נעהמען א טהייל צווישען די עלטעסטע אונ גרעסטע לייט, אין אלעם, אין וואס דער קערפער־ליכער אונ גייסטליכער לעבען פון דאס פאלק איז אבהענגיג — אזויא זעהען מיר איהם פון דאן אונ וויטער, וויא ער וואר געפאדערט אויף אסיפות צוא הערען זיין עצה, זיין דעה, צוא שטערען קריעג אונ צאנק אונ פריעדען איינצושטעלען, מיר זעהען איהם אויך וויא ער וואר גערופען צווישען די עלטסטע העכסטע רבנים גאונים אין יענער צייט, דורכצוזעטצען אונ מאכען א פשרה וועגען דעם פרוד הדעות, וועלכער ס'איז פארגעקומען צווישען די צוויא רבנים גאונים וגדולים ר' הירש ליב ברלין ז"ל, ר' איצעלע וואלאזינערס איידאם, אונ ר' יוסף בער ז"ל, ר' חיים וואלאזינערס איידאם, וועלכע האבען ביידע געפיהרט די הייליגע וואלאזינער ישיבה, אונ וויל יעדער פון זייא וואר פערשיעדען אין גייסטליכע נייגונג, אין תורה אונ יראת שמים, דארום איז זייא געוועזען שווער צוא שטימען אין דעם ארט לערנען אונ פיהרונג פון דער ישיבה: אונ וויא די

בײדע גאונים צדיקים זײנען נור געװען ניט אײנשטימיג, זײנען שוין געװען די תלמידים העכסט װײט פון אחדות — די האבען געהאלטען פיר דעם גאון, אונ די — זײנען געװען דאגעגען, די קריעג האט זיך אלעס געשטארקט ביז מען האט געמוזט אויפפאדערן די גרעסטע גאונים פון יענעם דור אין דעם קאנט, ר׳ דוד טעביל פון מינסק בעה״מ שו״ת „בית דוד“, ר׳ יוסף בעהמער, ר׳ יוסילע סלוצקער, אונ דער בעװאוסטער װילנער מגיד ר׳ װעלװעלע, זכר כל הצדיקים לברכה, אונ רבנו, װעלכער װאר דאן דער אינגסטער פון זײ אלעמען, צו מאכען אנ׳ענדע פון די קריעג. צו רבנו איז געפאהרען הרב הגאון הצדיק ר׳ הירשע ליב זצ״ל פון װאלאזין קײן נאװאגרודאק בעטען איהם ער זאל פאהרען אין װאלאזין, זיצען אין דער פשרה צװישען יענע אלטע רבנים גאונים. די עהרעפורכט מיט װעלכע די ישיבה לײט האבען עמפפאנגען די רבנים קאן זיך נור פארשטעלען דער, װעלכער האט געזעהען דעם כבוד התורה אין פאריגעם דור. די ישיבה לײט זײנען דאן געװען אויסגעצײכענטע לומדים פון װעלכע עס זײנען מיט דער צײט אויסגעװאקסען גרויסע רבנים גאונים; זײ אלע האבען געשארפט דעם שכל אונ זיך פארבערײטעט בײן שעור צו קעמפפען אין פלפול מיט דעם, װעלכען מען װעט מכבד זײן זאגען דעם שעור, דען אין װאלאזין װאר דער גרעסטער כבוד װאס מען האט געצײגט א גרויסען רב אנ׳אורח, װען מען האט איהם מכבד געװען צו זאגען א שעור פאר די ישיבה לײט, װײל דאס איז פערשטענדליך, א בעװײז, דאס ער איז בעװאוסט פיר א װאונדערליכען העלד צו שטרײטען מיט א זעלבע שארפע אונ טיעפע לומדים װיא די ישיבה לײט זײנען, נאטירליך האט מען זיך דאמית געװענדעט צו די עלטערע בעריהמטע רבנים װיא ר׳ טוביה׳לע מינסקער אונ ר׳ יוס׳לע סלוצקער ז״ל, אבער זײ בײדע האבען געאנטװארטעט: „מיר זײנען שוין אלטע לײט — ניט פיר אונז איז שוין יעצט צו קעמפפען מיט די יונגע ישיבה לײט; זײט בעסער מכבד דעם נאװאגרודקער רב — פאר איהם פאסט עס!„ — מען האט איהם מכבד געװען מיט׳ן שיעור, די ישיבה לײט האבען זיך געװאהנליך פארבערײטעט מיט פראגען פון אלע זײטיגע פערשיעדענע נײע מפרשים, װעלכע גרויסע רבנים, װיא רבנו, זעהען זײ גאר ניט אן (דען רבנים האבען פיר זיך װיכטיגערע ענינים אונ שאלות ותשובות); יעדער ישיבה מאן האט דעם בלאט גמרא, װעלכער איז בעשטימט געװען צום שיעור, פערצאמט מיט אזעלכע פראגען װעלכע לאזען דעם לערנער ניט פאראיבער געהען, אונ װיא רבנו האט נור זײן מונד געעפענט אין שעור

אנפאנג מסכת בבא בתרא, זיינען זייא איהם בעפאלען מיט שווערע פראגען, וועלכע זייא האבען נאך מיט איינינע טעג פארהער אנגעגרייט — אבער רבנו, ווייא א געשיקטער, געניטער פעלד-מארשאל אויפ'ן קריגס-פלאטץ, וועלכער קליגט זיך אבצואוועגדען דיא גאנצע קריגע צוא דער זייט פאן וועלכער ס'איז איהם בעקוועמער צוא בעזיעגען יענעם מיט אלע זיינע פעסטונגען — אזויא האט ער זיך געווענדעט מיט א שארפזיניגען ערקלערונג גאר צוא דעם פאריגען בלאט גמרא, אונ פון דארט צוא א ירושלמי, וואו ער האט גרויסע חדושים בעוויזען, פון וועלכע דיא תלמידים זיינען ערשטוינט געווארען, אונ אויס גרויס התפעלות זיינען פון זייא אלע ווילע געלאפען שלוחים ערצעהלען פאר יענע אלטע רבנים פון דיא וואונדערליכע חדושים, נאך מעהר זיינען אלע נתפעל געווארען פון זיין געדולד געגען דיא שארפזיניגע תלמידים, וועלכע האבען זיך בעמיהט צוא צערשטערען אונ צוא ווארפען זיינע סברות אום צוא בעזיעגען איהם — אונ רבנו, גאנץ רוהיג אונ געדולדיג, האט יעדענס פראגע בעאנטווארטעט, פיין אונ שטיל אויסגעגלייכט אלע קרומקייט אונ זיך געקעהרט צוריק צוא דעם ענין פון וועלכען זייא האבען איהם מיט זייערע פראגען ערווייטערט, וועלכע זיינען יעטצט בייז ענדע צערפלויגען ווייא שפרייא אונ ער וואר פון אלעמען געעהרט אונ געשעטצט אלס איינער פון דיא העכסטע גאונים. — דיא רבנים האבען דאן אויסגעגלייכט אלע סכסוכים אונ בעפעסטיגט דעם פריעדען צווישען דיא גאונים ראשי ישיבות זצ"ל.

יב.

צדיק ונשגב.

אין יאהר תר"ח האט רבנו געדרוקט זיין ערשטען ספר „באר יצחק", וועלכער האט אויפגעשטורמט דיא גאנצע וועלט לומדים, אזויא אויך האבען דיא גאנצע וועלט רבנים זיך ערפרייט מיט זיינע צווייא טהייל פון ספר „נחל יצחק". ניט מיר ברויכען צוא ריהמען זיינע ספרים, וועלכע זיינען אפען פיר אלע גרויסע לומדים — מיר ברויכען נור צוא בעמערקען, דאס זינט ס'איז געדרוקט דער „באר יצחק" אונ זיינע אנדערע ספרים, האט מען זייא ניט אויפגעהערט צוא ריהמען, אונ דאס מען האט זייא אנגענומען אין צאהל פון דיא וויכטיגסטע פוסקים אחרונים צום דין אין הוראה. דיעזעס בעשריי-

בענדיג וועלען מיר קומען צוא דער צייט וויא ער איז אנגעקומען
אין קאוונא.

אין דיא לעטצטע 50 יאהר האט זיך קאוונער געמיינדע געמאכט
א גרויסען נאמען מיט איהרע רבנות, ביז דיא אלטע שטאדט שקלאוו,
וועלכע איז בעוואוסט פיר א גרויסע רבנות, האט שוין גערעכענט
פיר אנ'עהרע צוא געהמען רבנים, וועלכע זיינען פארהער אין קאוונא
געוועזען. צום ביישפיעל, דעם גרויסען גאון מפורסם ר' יצחק אביגדור
ז"ל האט זיא גענומען פון קאוונא; דעם גרויסען גאון, צדיק מפורסם
ר' יהושע ליב דיסקין זאל לעבען האט זיא אויך גענומען נאך
זיינע קאוונער רבנות, ווייל זינט קאוונא איז געווארען א גובערניע,
איז אויסער דעם וואס זיא האט געשטיגען איז געשעפט אונ רייכטהום
איז זיא אויך געווארען איין אנשטאלט פון לומדי תורה, דען אין
דער זעלביגער צייט אין וועלכער זיא איז ערלויכטען געווארען פון
דעם כבוד הגאון הגדול הנפלא ר' לייבעלע שפירא ז"ל, וועלכער
וואר רב אין קאוונא אונ האט געפיהרט דיא געמיינדע מיט זיין
חכמה אונ יראת שמים, האט אויך געשיינט אין קאוונא דער אויס-
געצייכענטער צווישען דיא גאונים פון יענעם דור, דער בעוואוסטער
צדיק ר' ישראל סאלאנטער ז"ל, וועלכער האט זיין וואהנזיטץ אין
קאוונא געמאכט אונ האט פערפלאנצט יונגע לייט אויסגעצייכענטע
אין תורה — אין דער בעריהמטסטער ר' הירשיל נאוויאזערס קלויז,
דער בעסטער אנשטאלט פיר פיעלע יונגע לייט, ווייל דער צדיק
ר' ישראל ז"ל האט איינגעפיהרט מען זאל זייא טראגען עסען אין
קלויז, אום זייא זאלען ניט ברויכען צוא געהען עסען ביי דיא
מנדבים אין הויז, וואמיט אנשטענדיגע יונגע לייט פלעגען זיך פינדען
פערשעמט, אונ נאכהער וואר שוין איינגעפיהרט אין אלע קלויזען
צוא טראגען עסען דיא יונגע לייט פון וועלכע ס'איז מיט דער צייט
אויסגעוואקסען גרויסע רבנים וועלט-גאונים. אלזא האט שוין קאוונא
דאס רעכט ביי זיך געפונען, אבצוזוכען א רב איינעם פון דיא
גרעסטע, אונ וויא דער גאון ר' יהושע ליב דיסקין האט קאוונער
רבנות פערלאזען, האט זיך קאוונא געווענדעט צוא רבנו, וועלכער
איז צופריעדען געוועזען צוא ווערען דארט רב (בשנת תרכ"ד).
קאוונא האט צוא איהם געשיקט 2 געעהרטע לייט, ר' יעקב מאיר
מרגליות אונ ר' מאיר בערקאוויץ ז"ל. וויא מע' האט זיך אין
נאוואגרודאק דערוואוסט, דאס דיא לייטע זיינען געקומען אבצונעהמען
זייער ציערונג, דעם רב, האט זיך דער פובליקום אויפגערעגט אונ
האבען געוואלט דיא לייטע פשוט שלאגען ביז זייא זאלען שוין אויך
זיך זעלבסט ניט קאנען קיין קאוונא ברייננען, ניט נור זייער רב

ניט גענומען. מיט פיעל מיה האט זייא געלונגען צוא ענטלויפען קוים מיט'ן לעבען. — אבער ניט מיט געוואלט אונ קראפט איז נאוואגרודאק געוועזן אין שטאנד איבערצוטרעטען רבנו'ס דעה — ער האט שוין איינמאל בעשטימט צוא ווערען קאוונער רב, ווייל דיא השגחה האט איהם געוואלט מזכה זיין, איהם איבערצוגעבען דיא אויפזיכט אויף אונזער פאלק אין יענער אינטערעסאנטע צייט אין קערפערליכען אונ גייסטליכען בעשטאנד — איהם צוא מאכען פאר א רב אונ פיהרער פון זיין פאלק.

מיט פיעל עהרע אונ פארכט האבען איהם עמפפאנגען קאוונער געמיינדע, וועלכע האט פערשטאנען וויא איהם צוא עהרען אונ שעטצען. אלער האנד מענשען, לומדי תורה, געבילדעטע, גבירים, אונ דיא גאנצע אינטעליגענצע האבען אין איהם איינגעפונדען — איין ערהאבענעם ניטצליכען רב פיר אללעמען, אונ דארום וואר ער געעהרט אונ געשעטצט פון אלעמען.

3 יאהר בעפאר רבנו איז אנגעקומען קיין קאוונא, האט געטראפען אין דער שטעדטעל שאוולאן, קאוונער גובערניע, א נעלילת דם, פון א קריסטליכער מעדכען וועלכע איז פערפאלען געווארען מיט 3 מאנאטען צוריק אונ 2 טעג פאר פסח האט מען איהר געפונען טאדט אונטערן אייז נעבען א פענסטער פון א קריסטליכע הויז, אונ מען האט באלד א קלאנג געמאכט, דאס יודען האבען איהר געטוידט, ווייל זייא האבען געברויכט קריסטליכע בלוט צוא זייערע מצות. דיא געשיכטע איז געדרוקט אין צייטונג „המגיד“ אין № 15 פון 1861 יאהר. לויט דיא ערנסטע, ענערגישע חקירה ודרישה וואס מען האט געמאכט דורך דעם שטרענגען בעפעהל פון ווילנער גענעראל-גובערנאטאר נאזימאוו, וועלכער האט געשיקט דעם העררן טאלסטאי, אונ דעם העררן ל. לעוואנדע דיא זאכע צוא ערפארשען, האט זיך הערויס געוויזען דער אמת, דאס יודען זיינען ריין פון דעם שענדליכען בלבול, אבער דיא יודענפיינדע, איבערהויפט דער פאלנישער בעזיטצער פון שאוולאן, האבען זא פיעל אונ לאנג געשטריקט זייערע פאלשע צייגונגען, ביז זייא האבען דיא זאכע פערדרעהט כדי צוא פערשטארקען דעם חשד אונ אלס זיא האט זיך שוין געצויגען איינינע יאהר האבען זייא בעהויפטעט צוא ערווייטערן דיא סלידסטוויא ביז פסקאוו, וואו ס'איז געזעסען א קאמיסיא וועגען דעם. זעהענדיג, וויא דיא יודענפיינדע ווענדען אן זייערע קרעפטען צוא בעשולדיגען שאוולאנער יודען אונ בעשמוטצען דיא גאנצע פאלק מיט דעם בלוט-פלעק, האבען אלע געזאגט, דאס עס פעהלט נור, רבנו זאל זיך צוא דער זאך נעהמען, ער האט

זיך דאפאן ניט ענטזאגט און האט געמאכט אסיפות פון די געעהרטע שטאדט לייט, מען זאל גוט אכטונג געבען און פערהיטען, דאס די פיינדע זאלען די זאכע פון דעם אמת ניט ערווייטערן, ביז ער האט זוכה געווען צו זעהען ווי ס'איז געקומען בעזרת ד' אנ'ענדע צו דעם שענדליכען בלבול, דורך די ריינע וואהרהייט וועלכע די רעגיערונג האט ערפונדען צום יודישען גליק אין די יאהרען תרכ"ה, תרכ"ו, (1865-66)

אין יאהר תרכ"ו-כ"ז איז געווען א סכסוך ביי די פיהרער פון מירער ישיבה. מען האט זיך געווענדעט צו רבנו, ער זאל מאכען א פשרה צווישען די תלמידי חכמים. אויך דער ווארשאווער רב, וועלכער אויסער זיינע גאונות ווער נאך אויך א בעוואוסטער חכם הכולל, וועלכער וואר דאן אויך אנגעבעטען צו זאגען זיין דעה וועגען דער פשרה צווישען די ביידע צדדים — אויך דער ר' בערוש מייזליש ז"ל האט זיך וועגען דעם געווענדעט מיט 2 בריעף צו רבנו, פון די בריעף קאן מען פערשטעהען, ווי נאך אין יענער צייט האט זא א גאון און חכם ערקאנט די וויכטיגקייט פון רבנו מיט זיין תורה און מיט זיין קלוגער עצה; דען אויסער דעם וואס ער איז איינשטימיג געווען צו דער דעה פון רבנו וועגען דעם סכסוך, האט ער נאך אויך געפראגט ביי רבנו אנ'עצה וועגען א זאך וואס האט אין ווארשוי געטראפען דורך איינעם וואס האט פון זיין אידאם א גט פיר זיין טאכטער הערויסגענומען דורך נארעריי. — רבנו האט זיך ניט אומזאנסט בעמיהעט וועגען דער הייליגער מירער ישיבה דען ער האט דעם פריעדען דארט בעפעסטיגט.

אים יאהר תרכ"ז (1867) האט אין אסט-פרייסען אויסגעפעהלט געטריידע, און דארום האט זיא געליעפערט אלע געטריידע, פון ליטע און זאמוט. אנפאנגס האט מען זיך זעהר געפרייט אויף דעם לעבהאפטען פון דעם געטריידע געשעפט, ווייל די פעלדער האבען געגעבען גוטע האפנונג אויף אנ'איבערפלוס פון געטריידע אין יענעם יאהר. אבער בעפאר די תבואה איז געווארען צייטיג, האט זיך ווי א מבול פון הימעל געעפענט און איבער 2 מאנאטען האט גערעגענט אהנע אויפהער, מען האט ניט געקאנט העראב נעהמען פון פעלד די תבואות און אויך די היא און פיטער פיר פיהע, די ביסיל תבואה, וועלכע מען האט מיט גרויס שוויריגקייט פון פעלד אין שייער הערייגעבראכט, וואר אויך פייכט, דאס מען האט עס ניט געקאנט געברויכען אויף זריעה אויפ'ן יאהר תרכ"ח (1868), דאך איז נאך געווען האפנונג איינצוזעען זאמער

תבואה מיט דיא ביסיל זריעה וועלכע פיעלע ערדבעזיטצער האבען נאך געהאט פון אלטע תבואה: אבער אנשטאדט דיא פיעלע רעגען אין יענעם יאהר איז אין זאמער תרכ"ח (1868) גאר קיין רעגען געוועזען — מען האט זאגאר קיין זאמער תבואה ניט געקאנט זייען ביז גאט האט זיך ערבארימט געבענדיג רעגען צום ענדע יענעם זאמער אונ מען האט פארזייט אויפ'ן יאהר תרכ"ט (1868). זא איז געווארען א גרויסער הונגער אין לאנד, איבערהויפט אין ליטא, רייסין אונ זאמוט, אונגעפעהר דריטהאלבען יאהר האט מען אין דיא געגענדען געגעסען כמעט נור פון דיא געטריידע וועלכע מען האט געליעפערט פון האלאנד אונ אמעריקא, ווייל אין רוסלאנד וואר נאך דאן קיין באהנען אויסגעברייטעט, מען זאל קאנען פון דיא געראטענע קאנטען ליעפערן תבואה אהער, נור הירז האט מען געליעפערט מיט'ן באהן פון דיא ניט גאנץ ווייטיגע קאנטען פון רוסלאנד, אונ דאמיט האבען זיך ערנעהרט פיעלע טויזענדער הונגריגע ארמע וואס זיינען געבליעבען אהנע קארן, ווייטצן, גערשטען, קארטאפעל אונ ערבזען. א שוידער געדהט אונז פאראיבער פארשטעלענדיג פאר דעם צוקינפטיגען דור דעם הונגער מיט זיינע אלע פורכטבארע פארבען, מיט דיא אלע אונגליקען אונ צופעלע, וועלכע קומען געוועהנליך צוזאמען מיט'ן הונגער. — אונ דאך האט אין יענער שרעקליכער צייט אויסגעהאלטען דער רעגעל: עס גיעבט קיינע שלעכטעס אהנע גוטעס; דען דיא קללה פון הונגער האט געבראכט א ברכה צוא אונזער פאלק — וועלכע האט אויסער קערפערליכע הילפע אויך גייסטליכע פאלקס-געפיהלע מיט געבראכט. ערניעדריגט אונ פערשלאפען וויא דער טאד, וואר דאן דער פאלקס-גייסט, ביז דער אלגעמיינער נאטה האט ערוועקט ביי דעם גאנצען פאלק דעם געפיהל, צוא זארגען פיר אלע איהרע ליידענדע ברידער, צוא שטיטצען זייא מיט אלע מעגליכקייט, צייגענד דאמיט, דאס אלע איהרע, זאגאר ווייטיגע אונגליקליכע ברידער זיינען איהרע מיט-גליעדער, וועמענס שמערצען עס בעריהרען איהר לעבען.

יא, נאך אין יאהר ת"ר (1840) האט זיך ערוועקט דער פאלקס געפיהל ביי אונזערע ברידער וועלכע וואהנען אין אויסלאנד, אונ השר הצדיק ר' משה מאנטעפיארי ז"ל פון ענגלאנד, צוזאמען מיט דעם בעריהמטען חכם השר קרעמיע ז"ל פון פראנקרייך, אונ מיט זייא דער בעריהמטער חכם מונק ז"ל. האבען זיך מתנדב געווען צוא מאכען א רייזע, זייענדיג געשטיטצט מיט עצות פון אונזערע גרעסטע לייט — אין דיא ערטער, וואו אונזערע אונגליקליכע ליידענדע ברידער האבען געפאדערט רעטונג פון צוואנג אונ טויט, איבער דעם שענד-

ליכען בלוט בלבול, אונ דורך זייא האט דער שומר ישראל זיין הילפע געשיקט, זא אויך האט זיך מאנטעפיארע ז"ל מתנדב געווען אין יאהר תר"ו (1846) צוא מאכען א רייזע נאך רוססלאנד, אונ האט דיא זכיה געהאט צוא שטעהען פאר דעם קייזער ניקאלאי דער ערשטער אונ שפרעכען לטובת היהודים, זא איז ער אויך נאכהער געווען אין רומעניא אונ אין מאראקקא, זא אויך איז נאכהער קרעמיא ז"ל געפאהרען קיין רומעניען לטובת היהודים, וויא עס איז אלעמען בעוואוסט, אבער דער עדלער פאלקס-געפיהל איז נור מערקענד געווען — בייא דיא העכסטע אדעל פון פאלק, ניט בייא אלעמען — ביז דיא הונגער יאהרען האבען ערוועקט דעם אלגעמיינעם פאלקס-געפיהל בייא דעם גאנצען פאלק, צוא געהען אין דער זעלבער אויס-געטראטענער וועג פון דעם גרויסען אדעל.

אין מעמעל, אין פרייסען זיינען דאן געשעפטס-האלב געזעסען זעהר וויכטיגע לייט, איבערהויפט הגאון, חכם וצדיק ר' אלי' לעווינזאהן ז"ל, ער מיט זיינע מיט-גליעדער: העררן יולום הירש, ר' אלי' בער דער מחותן פון רבנו, ר' ראובן שלעז אונ נאך אזעלכע בעריהמטע מענער — אונ זייא האבען געגרינדעט א קאמיטעט וואוהין צוא שיקען נדבות פיר אונזערע הונגעריגע ברידער. שרייבער אונ סעקרעטאר אין דיעזען קאמיטעט וואר דער וויכטיגער אונ טיכטיגער ראבינער, דאקטאר רילף. — דיעזער געעהרטער קאמיטעט האט פערזאמעלט אונ צוטהיילט ביז 170,000 רובל לערך, פיר הונגעריגע מאחינו בני ישראל וועלכע אין ליטא אונ זאמוט זיינען. — וואונדערבאר איז געווען צוא זעהען, וויא דער נאציאנאל גייסט האט זיך ערוועקט בייא דעם גאנצען פאלק, וויא מען האט הערויסגעזעהן פון דיא נדבות אונ פון דעם אויפפלאמענדען מיטלייד געפיהל וועלכער האט זיך הערוים געוויזען זאגאר בייא דיא ארמע, צ. ב. איין יודישע קעכין האט צוגעשיקט אין קאמיטעט איינינע פפעניג, וועלכע זיא האט אבגעשפארט פון איהרע געוואהנליכע פערגניגען וויא, למשל, צוא געהען אין איהר רוהע צייט אין גארטען, הערען מוזיק א. ד. ג. — אונ דאס האט זיא געאפפערט פיר איהרע ווייטיגע אונבעקאנטע ברידער. אזעלכע זארטען נדבות זיינען פיעל פארגעקומען, וויא דער קאמיטעט פלעגט דיא נאכריכט הערוים-געבען — וויא יעדערע פון דיא זארטען נדבות, אונ — פון וואנען זייא זיינען געשיקט געווארען, כדי אנדערע זאלען אויך אויף אזעלכע נדבות אבשפארען פון זייער לוקסוס. ס'איז געוועזען וואונדערליך צוא זעהען, וויא איינער האט אבגעשפארט טעגליך פון זיין ארמען מיטטאג אונ דער צווייטער, פון זיין געוואהנליכען פערגניגען, וועלכער

איז שוין אלס נאטהווענדיג — אונ האבען עס אוועק געשיקט אין קאמיטעט. אויך דער רעדאקטאר פון צייטונג „המגיד" הרב זילבערמאנן פון ליק, אין פרייסען, האט אנ׳אויפרוף אויף נדבות געמאכט אונ געשיקט, פיעל מעגליך, פיר דיא הונגעריגע פון ליטא אונ זאמוט.

דיא נכבדים פון קאוונער געמיינדע האבען זיך, דורך רבנו, אויסגעצייכענט מיט זייער עדלען געפיהל. אונ האבען געמאכט א קאמיטעט וועלכער איז בעפעסטיגט געווארען מהממשלה, דער גובערנאטאר וואר אויך א צלען אין קאמיטעט. עס איז געוועזען גע־גרייט א טיש פיר אלע שטאדטיגע ארמע, מיט ברויט אונ געקעכטס צוא זאט, טאג טעגליך, דיא שענסטע לייט פון שטאדט פלעגען זיך בעשעפטיגען אין דיא ארדנונגען, אונ פלעגען זיך טעגליך ביטען — ווער ס׳זאל זיין ביא דעם עסען אונ קאכען. — נאך מעהר האט געטאן דער קאמיטעט, אין וועלכען רבנו וואר דער לעבענס גייסט, דאמיט וואס זייערע מיט-גליעדער האבען זיך אויפגערעדט מיט דיא גרויסע מאחינו בני ישראל אין דער גאנצער וועלט, אונ זייא ערוועקט צוא זוכען א ראמה צום ארמוטה, אונ זא האבען זייא בעקומען גייע מיטלען וויא צוא ליעפערן דיא צדקה אונ חסד פון גדולי עמנו צום קאוונער קאמיטעט, דאן האבען זיך געפונען גראס־ארטיגע נדיבים — אונ עצות אונ טהאטען, הרב הצדיק דאקטאר לעהמאן זצ״ל פון מאינץ, אונ דיא חברה כל ישראל חברים פון פאריז האבען זייער פיעל הילפע געשיקט, דאן האט שוין דער קאמיטעט געקאנט הערייגשיקען שטיטצע אין הויז פון אזעלכע הונגעריגע וועלכע געהען ניט עסען מיט דיא אלגעמיינע ארמע עפענטליך, ווען זייא זאלען זאנאר פון הונגער אין הויז שטערבען, אונ מען האט זייא געשטיטצט שטיל אונ בכבוד.

אין יענער הונגער צייט פון יאהר תרכ״ח (1869) האט רבנו, בעטראכטענדיג וויא טהייער ס׳איז דיא פסח׳דיגע מעהל פון אויס־לענדישע וויטץ (דען היזיגע איז גאר ניט געוועזען), זא דאס פיר דעם מיטעלען קלאס בעלי בתים איז אונמעגליך צוא קויפען מצה צוא גענוג; קארטאפעל איז אויך זעהר טהייער אונ גאר זעלטען געוועזען צוא בעקומען, אונ דאהער וועלען דאך געוויס אחינו בני ישראל אויך יו״ט הונגעריג זיין, — דאן וויא פיעל ער האט זיין קראפט בענוצט צוא קערפערליכע הילפע דורך דיא גרויסע נדיבים, זא אויך האט ער בענוצט זיין קראפט גייסטליך אונ האט מתיר געמאכט (מיט א בעדינג — נור אויף דעם יאהר) אלע זארטען קטניות (ערבזען בעבלאך) אונ הירז, וועלכע זיינען ביליג געוועזען אונ דאמיט האבען זיך צעהנדליגע טויזענד ארמע ערנעהרט (דיא זעלבע זאכען, מיט זא

א בעדינג האט אויך הגאון הגדול ר' יעקב מאיר פאדווא זצ"ל מתיר געמאכט אין א הונגער־יאהר אין בריסק). רבנו זעלבסט האט זאגאר א גאנץ פסח ניט פערזוכט דיא מיני קטניות, דאך אום צוא בערוהיגען דיא ארימע לייט, האט ער יענעם ערב פסח נאך האלבען טאג געהייסען מאכען פיר איהם א געריכט פון בעבלאך, אנשטאטט קארטאפעל וואס ער פלעגט אלע ערב פסח ביא טאג עסען, דעם היתר פון רבנו אויף יענעם יאהר האבען אנגענומען אלע גרויסע רבנים אין זייערע שטעדט, אויסער יענע פון דיא קאנטען וואו ס'איז ביליג געוועזען קארטאפעל ווייל מען האט זייא בעהאלטען אין דר'ערד צוא ספעקולאציע, אונ ווייל מען האט אין פיעל קאנטען בענוטצט הירז, איז דארט דיא קארטאפעל ביליג געוועזען, אונ יענע קאנטיגע רבנים מיט דיא נדיבים האבען אויפגעקליבען געלד אונ אויפגעקויפט קארטאפעל, וועלכע זייא האבען פערקויפט ביליג דיא מיטעלע בעלי בתים, זייא זאלען ניט ברויכען צוא פערשטערען שמחת יו"ט עסענדיג הירז, וועלכע ניט זייא אונ ניט זייערע עלטערן האבען עס געגעסען אום פסח.

דיא פערבינדונג פון רבנו דורך זיין וואהלטהעטיגער קארעס־פאדענציע מיט יודישע אויסלענדישע גרויסע לייט, וועלכע האבען איהם אנערקאנט אלס העכסטען דעם פאלקס, וועלכער לעבט אונ שטרעבט נור פיר זיין פאלק — דיעזע פערבינדונג האט אין איהם געווירקט אויף צוא טהון אזעלכע גרויסע זאכען, וועלכע מען האט שוין זעהר לאנג ניט געהערט פון דיא גרויסע גאונים. — ביא אונז זיינען דא (אויף לאנגע גוטע יאהר!) זעהר גרויסע רבנים, וועלכע האבען אויך זוכה געוועזען צוא א גאנץ גרויסען נאמען מיט זייער תורה אונ פרומקייט; אבער זייא האבען נימאלס געפרובט בענוטצען דעם קראפט פון זייער תורה אונ פון זייערע עהרע צוא דיא קערפערליכע בעדירפניסע פון אונזער פאלק איבער פערשיעדענע אורזאכען; אייניגע — איבער זייער איבערמעסיגע ענוה, אדער ווייל זייא פיהלען זעלבסט ניט זייער עהרע אונ טאלענט, אנדערע איבער קערפערליכע אדער גייסטליכע שוועכע — רבנו אבער, וויא גרויס זיין קראפט איז געוועזען אין תורה, וועלכער האט ביא זיך זעלבסט געפיהלט דיא מעגליכקייט צוא בענוטצען אין הוראה דיא סברות פון ראשונים אונ אחרונים אונ מכריע זיין צווישען זייערע דעות צום דין — זא אויך האט ער פערשטאנען זיין קראפט אונ געוואוסט וויא צוא בענוטצען זיין דעה וועלכע בעליעבט איז ביא אלעמען, אום צוא בעקומען הילפע פיר הילפע בעדערפטיגע. יעדער צופאל, יעדער בעקאנטשאפט מיט א מענשען, יעדע טובה וואס ער האט געטאן

(תולדות הרד"א)

באהענטע און ווייטע, יעדער נייע זאכע, וועלכע איהם איז צום האנד געקומען אין זיין לעבען, אין הוראה אדער אין וועלטליכע זאכען, — אלעס האט ער פערשטאנען צוא בענוטצען פיר דיא אונגליקליכע, ווי א וואונדערליכער ספעציאליסט אויפ'ן קלאוויר, וועלכער פער־שטעהט מיט זיינע געשיקטע פינגער און גרויסען פערשטאנד, וויא און וואו הארט אדער ווייך העררים צוא געבען דיא אלערלייא פער־שיעדענע שטימען אום צוא עררייכען זיין וואונדערליכע הארמאניע, אלזא, זא וויא רבנו איז געוועזען א גייסטליכע לעבענס־קוועלע פיר זיין פאלק אין תורה, זא איז ער אויך געוועזען א פלייצענדער שטראם פון צדקה פיר פיעל טויזענדער אונגליקליכע מאחינו בני ישראל — נשרפים און אויסוואנדערער אויס ארמוטה און אלער ארט אונגליקען, ער מיט זיין פעהיגקייט און זיין ארבייטען מיט ענערגישע איבער מענשליכע קרעפטען האט איבער געליעפערט דורך זיין האנד דיא חסדים און צדקות פון אויסלענדישע נדיבים אפשר ביז א מיליאן רובל! — ווער איז אין שטאנד אויסצורעכענען זאגאר דיא עפענ־טליכע הילפע, וועלכע ער האט עפענטליך געשיקט — ניט נור דיא פיעל פערבארגענע הילפע! — באלד נאך דיא הונגער יאהרע וואר א גרויסע שרפה אין ווידז, קאוונער גובערניע, דער געוויין פון דיא נשרפים איז געקומען פאר רבנו, און ער האט פון דעם קאמיטעט אין מעמעל בעקומען 8 טויזענד רובל און האט געשיקט קיין ווידז. זא אויך ווארען געהאלפען פיעלע אבגעברענטע אדער פערפלייצטע שטעדט דורך זיין הילפע. אין יאהר תרל"ד (1874) איז דיא שטאדט ווילקאמיר אין גאנצען אבגעברענט געווארען, האט באלד אויף מארגען רבנו הערויסגעשיקט א „קול קורא" צוא דיא גרעסטע יודישע נדיבים, געשריעבען קורץ און הערצרייסענד, מיט דיא ווערטער: „דיא גרויסע שטאדט ווילקאמיר וועלכע געבען אונז איז אין גאנצען אוועק מיט פייער — ס'איז מיר אונמעגליך צוא בעשרייבען דעם גרויסען בראך וואס איז געקומען אויף 6 טויזענד נפשות, ערבארעמט זיך הילפע צוא שיקען צום טעגליכען פערברויך און צוא זייער צוקינפטיגע לאגע — דאן, צוזאמען מיט דיא 6 טויזענד אונגליקליכע, וועלען איך זעגנען ווייטע און נאהענטע, און מיט זייא אויך, דער וואס שרייבט מיט טהרען, יצחק אלחנן חונה פה ק"ק הנ"ל". — מיט דיעזען אויפרוף האט ער נאך זיך ניט בענוגענט, דען ער האט באלד געגרינדעט א גראסארטיגען קאמיטעט אין קאוונא, און דורך זיינע השתדלות איז פערזאמעלט געווארען פאר דיא נשרפים זעכס און צוואנציג טויזענד רובל! — ער זעלבסט, צוזאמען מיט דיא געעהרטע לייט פון קאמיטעט, איז געפאהרען קיין ווילקאמיר צוטהיילען דיא געלד,

פון

פון וועלכע ס'איז אויך בעשטימט געוועזן א סוממא אויף אבצובויען דעם בית הכנסת אונ דיא בתי המדרש. — פון דאן אונ ווייטער וואר שוין רבנו אנ'אפענע קוועלע צוא העלפען אונזערע ברידער אין זייערע צרות, א הילפס-קוועלע פיר איינצעלנע אונ פיר דעם גאנצען פאלק. יודישע געמיינדעס, נאהענטע אונ ווייטיגע, ווען עס פלעגט קומען אויף זייא אנ'אונגליק פון שרפות אדער אנדערע סבות — האבען זייא שוין קיין אנדער וועג ניט געוואוסט פיר זיך — וויא צוא קעהרען זיך נור קיין קאוונא צוא רבנו, וועלכער האט ניט גערוהט אונ ניעמאלס פון זיך ניט אבגעשטויסען קיין ביטע, אונ האט עס ניט אבגעלעגט, זאנדערן באלד האט ער הילפע ערפונדען. —

דאס אלעס איז דיא ווירקונג פון דיא 3 הונגער יאהרען, אין וועלכע מען האט געזעהט מיט טהרערען אונ מען האט געשניטען צייטיגע פאלקס-געפיהלע, ווירקענדע צוא דיא פעראייניגונג פון דער פערזעטער אונ פערשפרייטער פאלק אין דער גאנצער וועלט, אונ דאס יעדערער זאל האבען מיטלייד מיט זיינע ווייטיגע ברידערס אונגליק. אין יאהר תרל"ב (1872) וויא ס'איז געוועזן אין פערסיען א הונגער, דער געשרייא פון אונזערע הונגעריגע ברידער דארטען איז אהער געקומען, האבען אונזערע היזיגע ברידער זיך פעראייניגט צוא שיקען נדבות צוזאמען מיט דיא נדבות פון אחינו בני ישראל אין פערשיעדענע לענדער, פיר פערזישע ליידענדע יודען. — זא אויך האבען אחינו בני ישראל פון אלע לענדער געשיקט פיר שטראסבורגער יודען אין יאהר תרל"א (1871) אין דער דייטשע-פראנצאזישע קריעג. אונ וויא רבנו האט געזעהט מיט טהרערען אונ דיא פריידע געהאט צוא זעהען דעם שנית פון דעם אלגעמיינעם מיטליידונגס-געפיהל, זא אויך האט ער געהאט דיא פריידע צוא זעהען וויא זיין גרויסע בעקאנטשאפט אונ פערוואנדשאפט מיט דיא העכסטע אונ גרעסטע לייט בני ישראל אין דער וועלט — דיענען איהם צוא זיין הילפס-ציעל.

וויא א קלוגער געניטער באנקיר, וועלכער פערשטעהט, זיך צוא בעגעהען מיט זיין געלד נאך דער צייט, אונ איהרע אלע פערהעלטניסע, זא האט ער אויך געוואוסט צוא בענוטצען זיינע בעקאנטשאפט, געוואוסט דעם נאטור, דעם זינן אונ דיא פערהעלטניסע פון אלע זיינע נאהענטע אונ ווייטע בעקאנטע, נאך דער צייט אונ צופאל, ניעמאלס האט ער פערפעהלט צוא שיקען א טראסט בריעף אדער א גראטולאציאן, ווער רעדט — יעדעס ענדע יאהר צוא שיקען א ברכת השנה, יעדער פייערטאג זיין ברכה צוא דיא אלע גרויסע לייט וועלכע, דורך זייערע הענד, זייער חכמה אדער בעקאנטשאפט מיט דיא גרעסטע שרים ופקידים, אדער דורך זייער

געלד האט ער געהאלפען אונ געראטירט, — וויל ער האט אימער אנטהייל גענומען אין דעם צער פון יענע לייט, אונ אין זייער פריידע, האבען זייא איהם געפונען פיר דעם בעסטען גוטען פריינד, אונ דארום האט ער געקאנט פון זייא געווינען נוטצען, פון צדקות אונ חסדים, כמעט אלע טאג, פיר יחידים אונ פיר דעם כלל. יעדעס צערבראכענעם הערץ קראנקע, אויסגעטריעבענע פון זייער היים, וועלכע האבען געברויכט צוא פאהרען וואו עס איז ווייט אדער אין אויסלאנד זוכען הילפע אונ געזונד, אדער רעטונג פון אנדערע פערשיעדענע אונטערדריקונג אונ האבען געברויכט דארטען בעקאנטשאפט צוא האבען, — דיא אלע פלעגען שוין געוואהנליך פאר'הער קיין קאוונא צוא רבנו קומען אונ פארלעגען זייער רייזע ציעל אונ רבנו פלעגט שוין זיינע געבעט בריעפע צוא יענע, וועלכע קאנען זייא בעהילפיג זיין, זייא אין האנד געבען. ער האט זיך ניעמאלס אבגעצויגען צוריק פון יענעמס ביטע, ווען ס'איז נור אין זיין מעגליכקייט געוועזען צוא ערפילען. צוא זיינע ביטע-בריעפע פלעגט ער נאך יעדערן ערקוויקען מיט זיינע גוטע רייד אונ מיט זיינע ברכות פון טיפען הערץ. אין דיעזען ארט זיינען געהאלפען געווארען דורך איהם פיעלע טויזענדער מענשען, פיעלע יודישע געמיינדעס אויפגעשטעלט געווארען, אונ הונדערטער בתי כנסיות ובתי מדרשות זיינען צוריק אויפגעבויט געווארען אין אבגע-ברענטע, פערוויסטע שטעדט, מיט איינעם ווארט — עס איז קיין צאהל צוא זיינע פיעלע טובות, וועלכע ער האט געטאהן יחידים אונ דעם גאנצען פאלק צוזאמען.

אין יאהר תרל"ה (1874) איז פארגעקומען אין ציייטונג „הלבנון" דיא געשרייא פון פיעלע וויכטיגע מענשען וועגען אתרוגים, וויא דיא גריכען אין קורפו האבען צווישען זיך געמאכט יד אחת צושטעלען א גרויסען פרייז אויף זייערע אתרוגים. א קעסטעל אתרוגים האט הערויף געשטייגט ביז 100 רובל. אין טריעסט האט געקאסט אנ'אתרוג-4 רובל, אנשטאדט וואס פאר'הער פלעגט קאסטען א קעסטעל אתרוגים — פון 10 ביז 15 רובל. אזויא שרייענדיג אויף דיא איבערטריבענע טהייערקייט, איבער דיא גריכישע בעטריגונג, איז הערויס א חשד אויך אויף דיא הכשרים, וועלכע מען גיט דארטען אויף דיא קאראפירער אתרוגים, דאס זייא זיינען פון דעם גארטען פארגו וואס אין קורפו, דען דיא גאנצע חזקה, דאס דיא אתרוגים זיינען ניט מורכבים האט נור דער גארטען "פארגו„, אבער ניט אנדערע קורפורער אתרוגים, מען האט בעוויזען, דאס דיא הכשרים געבער זיינען אונ-בעגלויבט, דארום האט רבנו מיט זיין בית דין פון דיא היזיגע רבנים מורי הוראות הערויס געגעבען אנ'איסור, דאס מען טאר ניט בענשען

אויף

אויף א קאראפירער אתרוג, ביז מען וועט זיכער זיין אז מען קאן זיך סומך זיין אויף דיא הכשרים אונ ביז קאראפירער גריכען וועלען דעם פרייז ווארפען. דער נוסח פון דעם איסור איז געדרוקט אין צייטונג „הלבנון“, יאהר תרל״ה (1875) נומער 39. רבנו האט דעם איסור מיט ענוה הערויסגעגעבען נור פיר זיין געמיינדע, אבער ס'איז זעלבסט פערשטענדליך, דאס דער איסור איז געמיינט געוועזען ניט פיר קאוונא אליין, אונ ווער עס אכטעט מיט עהרע פורכט דיא רייד פון דעם גרויסען וועלט-גאון, וועט ניט זאגען מותר וואו ער האט געזאגט אסור; דארום האבען אנגענומען דעם איסור אלע רבנים פון קאוונער גובערניע אונ אויך פיעלע רבנים פון אנדערע געגענדען האבען פערבאטען א ברכה צו מאכען אויף א קאראפירער אתרוג אונ דיא סוחרים האבען זייא פערבאטען צו בריינגען קאראפירער אתרוגים. עס האבען זיך זאגאר געפונען גרויסע רבנים, וועלכע האבען געפירכטעט, פיעלייכט וועט ניט גענוג זיין דיא אתרוגים פון אנדערע קאנטען פיר כל ישראל; אבער דער רוב רבנים האבען דעם איסור אנגענומען אונבעדינגליך, אונ רבנו האט בעפעהלט איינינע יאהר, אין צייטונג, אין זיין נאמען מפרסם צו זיין, דאס דיא אתרוגים הענדלער זאלען ניט וואגען זיך צו בריינגען קאראפירער אתרוגים קיין קאוונא, אונ אזויא איז דער איסור אנגענומען געווארען, מען האט געעפענט א פלאטץ אין דער גאנצער וועלט פיר ארץ ישראל אתרוגים, וועלכע מען האט אויך אין ערשטען יאהר פון איסור שוין געפרובט בריינגען אהער אונ געגען דיא געגנער פון איסור איז הערויס דורך איינע פון זיינע מקורבים א העפט מיט'ן נאמען „תוכחת מגולה“, אין וועלכען ס'איז גוט ערקלערט דיא אורזאכען, וועלכע שטארקען דעם איסור אונ בעפעסטיגען דיא טעמים פון רבנו. –

יח.

לתורה ולתעודה.

אין דער לעטצטער צייט האבען פיעלע וויכטיגע מענשען מאחינו בני ישראל אנגעפאנגען צו זארגען פיר דיא צוקונפט פון אונזער תורה — דעם לעבענס-גייסט פון אונזער פאלק. זעהענדיג וויא דער כבוד התורה איז הערונטער, איהרע שטיטצער ווערדען אלץ וועניגער — האבען זייא אנגעפאנגען צו זארגען, זיא זאל, חלילה, צוזאמען מיט דיא גאנצע יודישקייט ניט קומען צו זא א שטאנד, וויא אין אנדערע

לענדער, וואו דיא גאנצע יהדות האלט זיך נור אויף פערצייטיגע אנדענקונגען, אונ וואו אויך דיזע שוואכע יהדות וואלט שוין לאנג פערלאשען געווארען ווען ניט דיא תורה וואס שיינט אונ לייכטעט ביא אונז, וואו ס׳איז נאך דא, בחסד ה׳, ישיבות אונ תלמוד-תורה הייזער, אינ אין אנדערע ערטער — נאך פיעל תלמידי חכמים, בעלי בתים לומדים, גרויסע רבנים גאונים, זאלען לעבען, וואס זייער תורה שיינט אויף זייערע יהדות; דיא דת ישראל, וועלכער איז היער פעראייניגט וויא דיא ליכט שיינונג מיט דעם פלאם פייער פון דער תורה, בעלייכטעט אויך דיא דת ישראל דארט. פון אונז נעהמען זייא זעהר אפט שוחטים, סופרים ספרי תורה, תפילין ומזוזות, אונ, מאנכע מאל אויך — מורי הוראות: זייא ווענדען זיך אימער מיט וויכטיגע שאלות צוא אונזערע גרויסע רבנים. — אבער ווען מיר זאלען ניט זוכען קיין מיטלען וויא צוא ערהאלטען ביא אונז דיא תורה, וועלען דאך איהרע לערנער ווערען וועניגער פון טאג צוא טאג, ביז זיא ווירד, חלילה, פון אונז אויך פערגעסען ווערדען אונ מיר וועלען בלייבען ביא א מאגערע ארמע יהדות, וועלכע איז ניט אים שטאנדע צוא בעלעבען דאס יודישע פאלק — אונ וואס קאן זיין דיא צוקונפט פון דיא יהדות אין אנדערע לענדער, ווען היער ווירד אויך קיין תורה ניט זיין?

דיא גמרא זאגט: טויזענד קומען הערריין אין חדר, אונ נור איינער געהט הערויס גמרא צוא לערנען, דיא פראקטיקע וויזט אונז, דאס פון טויזענד גמרא-לערנער געהט איינער הערויס א מוסמך להוראה. אונ פון דיא מוסמכים פיר מורי הוראה געהען אויך נור איינינע הערויס גדולים אונ וויא וועניג פון דיא גדולים זיינען גרויסע גאונים צוא וועלכע מען ווענדעט זיך פון דער גאנצער וועלט מיט פראגען אונ וויכטיגע, טיעפע אונבעוואוסטע דינים! אונ דארום, זאגאר ס׳איז נאך דא ביא אונז תלמוד-תורה הייזער אויך ישיבות פון וועלכע עס געהען הערויס גמרא-לומדים אונ מורי הוראות, דאך דיא קוועלע צוא בעפייכטען דיא פערפלאנצונגען גאטעס, איז שוין אויס אין דיא יאהרען, קיין קוועלע איזט שוין ניט דא צום ערציהונג אונ שטיצונג, ביז יעדער גוטער לעהרלינג זאל קאנען אויס-בליהען אונ הערויסברייגען זיינע פערבארגענע פעהיגקייטען מכח אל הפועל אונ מען זאל קאנען האפען, דאס עס זאלען זיך אב-שטעלען פון זייא איינינע בני עליה — האכערהאבענע גאונים צום ציערדע פיר דאס פאלק.

אין דיא פאריגע יאהרען האבען דיא פרויען געאפפערט זייער לעבען פיר דער תורה. זא וויא דיא גמרא זאגט, דאס צוליעב דעם

זכות פון נשים צדקניות װארען אויסגעלעזט בני ישראל פון מצרים, זא קאנען מיר אויך זאגען, דאס די פארינגע פיעלע הונדערטער יאהרען האבען ביי אונז די נשים צדקניות אויסגעלייזט די תורה פון די פערגעסענהייט, די תורה װאר טהייערער פון אלע סחורה, פון געלד, פון לעבענס־מיטעל, ביי די מוטערס און טעכטער צוזאמען. יעדער מוטער האט מיט פריידע בעקעסטיגט דעם פרישען אײדאם אויף איהר טיש און אין איהר הויז, און דער אײדאם איז געזעסען און געלערנט, און אויך די טאכטער װאר צופריעדען דאמיט װאס איהר יונגער מאן האנדעלט איין אין די אײניגע קעסט־יאהרען פיעל תורה. אלע זארגען פאר די צוקונפט, אלע פערגעניגען און אלע װינשע, װארען, זא װיא ביי דער מוטער זא אויך ביי דער טאכטער, אבגעשטויסען פיר דער תורה, װעלכע דער יונגער מאן װירד זיך ערװערבען אין די קעסט־יאהרען, זאגאר די יונגע פאר האבען אין דעם פערלויף שוין אײניגע קינדער געבארען און די בעדירפניסע האבען זיך פערגרעסערט. דאצוא האט פערצייטען אויסער כבוד התורה, קיין אנדער כבוד ניט עקסעסטירט, און דער לעבענס־ארט פון דעם פאלק האט אויך געשטיצט דעם כבוד התורה און די אײדאמס פלעגען אויף זייער שװערס טיש זיין װיא פערצייטען די אוכלי המן און האבען געקאנט אהנע זארג לערנען רוהיג, דען דאס האבען אויך געװאונשען די שװיגער־עלטערן, װעלכע האבען זיך געפרייט צוא האבען שװיגער זעהנע רבנים און האבען דאמיט אויך מזכה רבים געװען, מיט זייער אויפשטעלען גדולי ישראל צװישען בני ישראל, אבער די צייט מיט איהרע ענדערונגען און פארדערונג האט אלעס געענדערט. די בעדירפניסע זיינען פיעל מעהר און מעכטיגער פון די קרעפטען, און זאגאר די װאס נעהמען פיר זייערע טעכטער גרויסע בעריהמטע לומדים זיינען אויך ניט אים שטאנדע צוא האלטען זייא אויף זייער טיש, און די בעריהמטע אײדאמס קאנען אויך ניט פיעל זאמען אין ישיבות און משמש זיין תלמידי חכמים ביז זייא זאלען אויסבילדען זייערע פעהיג־קייטען צוא װערען גדולים און גאוני הדור.

דיעזע גייסטליכע זארג װעלכע װאר דאן ביי פיעלע לייט א גרויסע פראגע צום דענקען און שפרעכען דאפאן, האט געלונגען רבנו צוא פותר זיין איהר, זא װיא איהם איז אימער געלונגען, יעדער גוטע און װיכטיגע זאכע אוים צוא פיהרען, און ברײנגען דעם טראכטען און רעדען צום טהאט ולידי מעשה. איהם איז פאר־געקומען א געלעגענהייט, דאס א בעװאוסטער גביר האט געשיקט 600 רובל צוא שטיטצען 10 גוטע יונגע לייט, װעלכע ס'איז צוא האפען זייא זאלען זיך אויסבילדען פאר גרויסע לייט אין תורה, און די

ליעבלינגס-פלאנצונגען האבען געשטארקט דעם געדאנק פון רבנו צוא פערפלאנצען א טהייערן גארטען פיר דער תורה אונ אזויא האט ער פערפלאנצט פיעלע הונדערטער יונגע לייט, וועלכע זאלען קאנען זיטצען, אונ לערנען אונבעזארגט פיר זייערע פאמיליען, וועלכע וועלען אויך געשטיטצט ווערדען אין דיא איינינגע יאהר פון זייער לערנען. רבנו האט וועגען דער היילינער זאך א העפט געלאזט דרוקען אונ אויך פערנאנדער געשיקט זיין ביטע אין א בעזאנדערען „קול קורא“, אונ וויא גרויס וואר זיין פריידע זעהענדיג, וויא פון זיינע טהייערע פלאנצונגען וואקסען אויס גרויסע פרוכט בוימער פיר דער תורה, יונגע לייט געהען הערויס מיט סמיכה פון איהם אונ פון אנדערע רבנים (ד. ה. מיט א דיפלאם צוא זיין מורי הוראות), עס גיבט פון זייא אויך גאר גדולים. — אבער דיא תורה איז דאך פון די זאכען, וועלכע מען קאן ניט בעקומען אהנע יסורים, זעלבסט פערשטענדליך, דאס תורת רבים, אונ נאך דיא גרעסטע אונ העכסטע פאך תורה, אויפצושטעלען גרויסע תלמידי חכמים וועלכע זאלען פערשפרייטען אונ ערהעבען דיא תורה צווישען דאס פאלק, — ביי זא א פאך תורה צוא ערהאלטען איז נאך דיא יסורים מעהר אונד שטארקער.

דיא גמרא זאגט: מען טאר ניט איינווארפען א שולע בעפאר עס איז קיין אנדערע ניט אויפגעשטעלט, דאס איז זאגאר א גוטע עצה פיר יעדערן, מען זאל ניט צערשטערען א הויז בעפאר מען שטעלט קיין בעסערע אונ שענערע — אונ א פשיטא שוין א היילינע שולע; דא איזט עס ניט נור אן־עצה, זאנדערן א בעפעהל פון דער גמרא, מען זאל זיך ניט וואגען צוא צערשטערען, זאגאר מען זעהט וויא עס זינקט פון אלטקייט, בעפאר מען האט נאך קיין שענערע אונ בעסערע שולע ניט אויפגעבויט. דיעזעלבע איז נאטירליך אין אלע היילינע וואהלטהאטען. ס'איז אבער אין היינטיגע צייטען פערהאנדען פיעלע פערשיעדענע שרייבער, פובליציסטען, וועלכע נעהמען זיך דיא דעה צוא רעדען וועגען יעדער וואהלטהאט פון רבים, מאנכע פון זייא, מעגליך, דאס זייער כונה איז גאנץ גוט; אבער, לייד׳ער, דאס מעהרסט פון זייא זייגען אזעלכע, וועלכע האבען ניעמאלס געפרובט ברייגגען זייערע געדאנקען צום טהאט, אונ ניט אויסרעכענענדיג אום צוא וויסען ריכטיג וויא וויט דער געדאנק איז מעגליך צוא ערפילען; וויא פיעל הינדערנישע בעגעגנעט דער דענקער אויפ׳ן וועג, וועלכע ער רעכענט גאר פאר אנלייכער, געגען זיין געדאנק, — דיעס אלעס ניט אויסרעכענענדיג, לעגען זייא פאר פראיעקטען, גיבען עצות, אונ נעהמען זיך בריטע דעות, אונ

ווען מען אנטווארטעט זייא ניט בעפאלען זייא אין דיא צייטונגען מיט טענות ותביעות — ווארום טהוט מען ניט וויא זייא ראטהען? — צווישען אזעלכע קריטיקער גיבען שוין אויך אזעלכע וואס מיינען נור צוא פערניכטען אונ צערשטערען וואס הייליג איז, אונ דער צוועק הייליגט בייא זייא אלע מיטעלן, זאגאר דיא שענדליכסטע. זייא שעמען זיך ניט אויס צוא טראכטען אלערלייא שקרים אונ בענוטצען זייא נור מבלבל צוא זיין דעם מח פון פובליקע אונ פערהאסען דיא זאך. דאס זעלבע איז געשעהן מיט דיא פערפלאנצונג פון יונגע אויסגעצייכענטע לערנער וועלכע רבנו האט פערפלאנצט. פון יאהר תר"ן אן האט מען אנגעפאנגען צוא קריטיקירען זיינע פערפלאנצונגען אין דעם תורה גארטען. צווישען דיא שרייבער זיינען געווען אזעלכע וואס זייער מיינונג איז אויסצוראטען וואס נור הייליג איז, זייא האבען מיט זייערע טענות ותביעות געקרענקט דיא אלע וועלכע עהרען אונ שעטצען דיא תורה — אבער נאך מעהר האבען זייא געקרענקט דעם צדיק רבנו, וועמעס לעבענס-גייסט וואר פערבונדען מיט דיא לערנער, וועלכע ער האט מיט מסירת-נפש ערווארבען, — ביז זייא האבען איהם געבראכט, ער זאל עפענטליך הערויסגעהען מיט זיין בעריהמטען מאמר „עלבונה של תורה„ אין צייטונג המליץ אונד אין א הוספה צום צייטונג „הצפירה“ נומר 18 שנת תר"ן.

יט.

תורה ומלמדיה.

זיינע טהאטען אונ דיא ערווינשטע פאלגען וועגען דיא מלמדים אונ דעם תלמוד.

אלס דיא נייע עפאכע (תקופה) האט אנגעפאנגען, אין וועלכע דיא רעגיערונג האט בעשלאסען יודען צוא בילדען, ד. ה. אין יאהר 1844, האט דער מיניסטער אוואראוו, וועלכער וואר שר ההשכלה, הערויס געגעבען א בעפעהל, דאס אלע יודישע מלמדים זאלען שטעהן אונטער דער אויפזיכט אונ השגחה פון מיניסטעריום דער בילדונג, צוא גלייך איז הערויס (אין יאהר 1849) א בעפעהל, דאס אלע מלמדים זיינען פערפליכטעט צוא וויסען דיא רוסישער שפראכע וויא אויך אנדערע וויסענשאפטען לויט דעם געברויך. אום דיזען ציעל צו ערלאנגען ...

 דיא

דיא מלמדים האבען געדארפט אבגעבען עקזאמען — נור איבער פער־שיעדענע הינדערניסע, מניעות אונ טעמים האט דיא רעגיערונג צוריק גענומען דיזען בעפעהל, איבערצייגענדיג זיך, דאס דאמיט וועט זיא איהר ציעל ניט ערדייכען. זיא האט דאהער דיא קאמיסיעס דאן מבטל געווען, דאגעגען האט זיא אבער אין 1856 יאהר 3 מאי בעשטימט דאס יודישע מלמדים קאנען זיך מיט דיא מלמדות בעשעפטיגען נור 20 יאהר, ביז 1875 יאהר, אבער פון דאן אן קאנען זיין מלמדים נור געשטודירטע אין ווילנער אונ זיטאמירער ראבינער־שולען, אדער וועלכע האבען געענדיגט זייער סטודיום אין דיא העכערע קלאסען אין גימנאזיען.

דיא רעגיערונג האט פון דיא מלמדים ניט געפאדערט, דאס זייא זאלען זיך דערוויילע צוא בעריימען אין לערנען, אום צוא קאנען אויסהאלטען א וועלכען עס איז עקזאמען, זיא האט פון זייא נור געפאדערט איינצוצאהלען א האלבען רובל אונ דאפיר האט מען זייא געגעבען א יעהרליכען אטעסטאט, מיט דעם בעדינג, דאס זייא זאלען האבען א סווידעטעלסטווא פון פאליציי אויף זייער גוטע אויפ־פיהרונג. נור אום דעם, עס זאל ניט נתרבה ווערען מלמדים, האט זיא נאך אין יאהר 1865 בעפאהלען צוא געבען אטעסטאטען נור דיא מלמדים, וועלכע האבען נאך פון פריהער אזעלכע אטעסטאטען, נור זייערע אלטע אטעסטאטען האט מען אומגעביטען אויף נייע, אבער קיין גאר נייע אטעסטאטען האט מען ניט געגעבען. דיזעס האבען אונזערע גדולי ישראל בעמערקט אונ האבען גענומען אין אכט דיא לאגע פון דיא מלמדים אונ זייער צוקונפט, וועהרענד זייער פראפעסיאן וועט איבערגעהען אין אנדערע הענד. צוא גלייכער צייט האבען בעמערקט הגאון ר' ישראל סאלאנטער ז"ל מיט דעם גאון ר' אליהו קראטינגער, וועלכע ווארען צוא יענער צייט דיא איינציגע פיהרער אונ עוסקים אין צרכי צבור, דעם גרויסען אונ בעריהמטען בערוף פון רבנו בייא דעם גאנצען כלל יודען, דורך זיין קראפט אין תורה, אונ זייא האבען זיך דאן איבערצייגט, דאס נור ער איינער פעראיינט (איז מאחד) אלע פערשיעדענע קלאסען בייא יודען, אונ נור ער קאן ערוועקען דיא פערשלאפענע מענער פון זייער שלאף אום צוא טהון אונ צוא ווירקען פיר דעם כלל, ד. ה. מען זאל פארלעגען פאר דיא רעגיערונג, וועלכע זוכט צוא אויסבעסערן דעם רעליגיאן אונ גלויבען אונ איהר איבערצייגען, דאס דער בעפעהל וועגען דיא מלמדים קאן צערשטערען דיא גאנצע יודישקייט ביין יונגען דור, אונ אנ־מאכען זעהר פיעל שאדען. דיזע טענות אונ זייערע ביטעס, וועלכע דיא יודישע געמיינדען האבען דערלאנגט האבען געמאכט א גרויסע

ווירקונג ביא דעם גראף טאלסטאי וועלכער וואר דאן דער שר ההשכלה. לײדער אבער האט ער געפונען התנגדות ביא די מיט-העלפער זיינע וועלכע האבען דורכאויס געאורטהיילט, דאס דער קייזערליכער בעפעהל אין 1855 יאהר קאן ניט צערשטערט ווערען איבער זייערע טענות. צום גליק האט אבער דער גראף טאלסטאי, וועלכער וואר געניגט אונ געריהרט פון זייערע טענות, אויסגעווירקט ביא די רעגיערונג, דאס דיעזער פונקט זאל דויערן נאך 2 יאהר, ד. ה. ביז 1877 יאהר מאג נאך דיא מלמדות עקסעסטירען. גראדע אין דעם זעלבען יאהר האט דיא רעגיערונג פערעפענטליכט, דאס דיא מלמדים וועלכע האבען סווידעטעלסטוואס אונ אטעסטאטען נאך פון פאר 1869 יאהר, מאגען אומוועכסלען זייערע אטעסטאטען ווייטער אויך אהן א זמן קצוב, ביז דער סוד המלכות (גאסודארסטווענ-יסאוויעט) וועט מאכען נייע ארדנונגען וועגען דיא מלמדות.

דיעזער בעפעהל, אבוואהל ער האט קיין פיעלע גליקען מיט זיך געבראכט פיר דעם כלל מלמדים, נור פיר איינצעלנע, דענאך וואר ער זעהר וויכטיג פאר דער מלמדישער פראגע, דען דורך איהם איז צערשטערט געווארען דער פונקט פון 1855 יאהר, דאס מלמדים ניט געשטודירטע קאנען עקסעסטירען נור ביז 1875 יאהר, אונ דאס גלייכען האט עס געגעבען רעכט דעם סוד המלכות נייע ארדנונגען צוא מאכען אין דיעזעם ארט, דורך וועלכע דיא שתדלנים אונ זארגער פיר יודישע אינטערעסען האבען געפונען געלעגענהייטען צוא טהון לטובת המלמדים. אין דיעזער ערהויבשטער צייט האט רבנו זיך פיעל בעמיהעט אונ זיך משתדל געוועזן ביז עס האט איהם געלונגען צוא געפינען מיטהעלפער, אויך אין דער געבילדעטער יודישער קלאסע, קלוגע, וואהרהאפטיגע אונ טהאטיגע מענער, וועלכע האבען זיך פעראייניגט מיט דיא ארטהאדאקסען צוזאמען צוא טהון אין דיעזער נאטהיגער אונ וויכטיגער פראגע, זייא האבען זעהר פיעל פערטהיידיגט אונ געשטיצט דיא מלמדות מיט דיא חדרים, קיין פעדער, איז ניט אין שטאנד פארצושטעלען דיא מיהע אונ דיא אנ-שטרענגונג פון רבנו דארין, דען זייא וואַרען גאר איבער מענשליכע קרעפטען; בעינאהע 16 יאהר האט ער זיך אלין אנגעשטרענגט צוא פעראייניגען אונ צוזאמען שליעסען דיא נייוועלטליכע מיט דיא אלט וועלטליכע מענשען, וויא אויך צוא פערשאפען שטענדיגע טהוער, עוסקים, וועלכע זאלען זיך בעשעפטיגען מיט שטענדיגע שתדלנות פיר דעם כלל. בעזאנדערס עס זאל ניט פעהלען קיין הוצאות אויף רייזעס, שרייבען א. ד. ג., צוא פערמעהרען ביטשריפטען צוא ערוועקען דייעניגע וועלכע קאנען וואס עס איז טהון פיר

דעם כלל, ער האט ניט גערוהט אונ געשטילט, ביז ער האט זוכה געוועזן צוא זעהען דאס זיין וואונש איז ערפילט געווארען דורך דעם בעפעהל פון דעם זעליגען קייזער אלכסנדר דער דריטער ז"ל, וועלכער איז הערויס אין יאהר תרנ"ג (1893), דאס ווער עס וויל זיין א מלמד דארף נור נעהמען אלע יאהר א דריי-רובלדיגען „שיין", אהן אנ'עקזאמען.

אום זיין שמחה וועגען דיזען אונערווארטעטען בעפעהל צוא פערגרעסערן איז איהם פלוצלונג אנגעקומען א נייעס אין וועלכען ער וואהר זעהר פעראינטערעסירט אונ האט, גאט זייא דאנק אויסגעפיהרט אונ עס איז מקוים געווארען דער פסוק: „והיה מעשה הצדקה שלום ועבודת הצדקה השקט ובטח", ד. ה. דער רעזולטאט פון צדקה וועט זיין שלום, אונ פון טוגענד — רוהיגקייט אונ זיכערהייט, דען אין שנת תרנ"ה (1895) איז הערויס א צירקוליאר פון שר ההשכלה, וועלכער פערוועהרט צוא לערנען אין דיא חדרים דעם תלמוד, דקדוק, שולמאן'ס אונ רומש'ס ווערקע, דער סטיל פון צירקוליאר איבערצייגט, דאס עס וואר דארין א מסירה פון יודישע מלשינים, וועלכע זוכען צוא בויען זייער גליק אויף דעם אונגליק פון אונזער אונגליקליכען רעליגיאן. דער צירקוליאר איז אנגעקומען צוא יעדעם דירעקטאר דער בילדונג, עס וואר שטרענג פערבאטען צוא לערנע דיא זעלבע למודים אונ דיא דירעקטארען האבען געמוזט אכטונג געבען מען זאל, וויא וויט מעגליך איז, ניט איבערטרעטען דעם בעפעהל. ווער קאן זיך פארשטעלען דעם צער פון רבנו דאן? ווער קאן אויסצעהלען דיא טהרערען וואס ער האט דאריבער פערגאסען? זיינע אלע ביטשריפטען אונ בריעפע צוא אונזערע גדולים, דאס זייא זאלען זיך משתדל זיין אונ טהון וועגען דעם, וואהרען געשריעבען מיט טהרערען — ער האט זייא ערוועקט, ערוואכט דאס זייא זאלען געהען, טהון, מאכען בייא דיא גדולי השרים, אויפווייזענדיג זייא, דאס אהן דעם תלמוד קאן קיין חדר ניט עקסעסטירען אונ אויך דיא אמונה געהט צום גרונד; בעזאנדערס קאן מען קיין תנ"ך ניט לערנען אהן דקדוק. זיינע הייסע רייד האבען זייער געווירקט בייא דיא גדולי ישראל — זייא האבען זיך ענערגיש גענומען צוא טהון פיר דעם תלמוד אונ אלעם. אונ, גאט צוא דאנקען, עס האט געלונגען, אויך זייער ביטשריפט צום שר ההשכלה מיט זייערע איבערצייגונגען אונ רעכטפארטיגע טענות האט געמאכט א גרויסע ווירקונג בייא דעם שר. ער האט גלייך דעם בעפעהל צוריק גערופען אונ ערלויבט צוא לערנען דעם תלמוד, דקדוק אונ נאך, זא דאס יודען האבען פון דעם נייא אבגעלעבט. דורך דיזעס טהאט איז מקוים געווארען אויף רבנו דער תלמודישער מאמר: „הלומד

תורה לשמה דבריו נשמעים" — דער וואס לערנט דיא תורה לשמה ווערען זיינע רייד געהארכט אונ געפאלגט.

אום צוא געבען א בעגריף פון זיין צער דורך דעם צירקוליאר אונ שפעטער פון דער אונגרענצבארער שמחה דורך דעם צוריק נעהמען דעם בעפעהל, וועלען מיר דא פארגעבען זיינע 2 בריעפע וועלכע ער האט געשיקט צוא אונזערע גדולי ישראל, וועלכע ווארען זיינע געהארכזאמע מיטטהוער אין דיעזע אינטערעסען אונד האבען זיך משתדל געוועזן צוא רעטען דעם תלמוד אונ זיינע לעהרע אין דיא חדרים.

א) בע"ה יום א׳ כ"ז ניסן תרנ"ז קאוונא.

כבוד ידיד בית ישראל וידי"נ ה"ה השר הנעלה וגדול ליהודים הנדיב המרומם, רב פעלים כש"ת מו"ה **יעקב פאליאקאוו**.
שלום ולכל טוב סלה.

פאר איינינע וואכען האב איך געהאט דיא עהרע פאר איהנען פארצוטרעטען וועגען דעם בעפעהל, וועלכער פערוועהרט תלמוד אין דיא חדרים צוא לערנען, מיין הערץ וויא אלע הערצער פון כלל ישראל איז צערשמעטערט אונ צערבראכען אויף שטיקלאך פון טרויער דורך דיזען בעפעהל, וועלכער ווער נאך ניט געהערט צייט הונדערטער יאהרען; זא א בעפעהל קאן חרב מאכען אונ צערטרימערן דיא פונדאמענטען פון דער תורה אונ רעליגיאן, חלילה, אויך פערלעשען דעם לעצטען פונק יודישקייט ביי'ם נייעם דור, גאט זאל רחמנות האבען.

נור דאס איינציגע טרעסטעט אונז — איהר פערזיכערונג צוא טהון אונ צוא בעטען אום דעם, וויא אויך בע"ה צוא ווירקען, אלזא ביטע איך זיע, איהרע גוטע פערשפרעכונג צוא ערפילען אונ אם שנעלסטען צוא פאהרען נאך פעטערסבורג זיך משתדל צוא זיין צוא רעטען דיא תורה הקדושה. אויף איהרע הילפע ווארטעט דער גאנצער כלל ישראל, אלזא זא וויא דיא תורה איז געגעבען גע־ווארען דורך השי"ת אליין, ניט דורך א שליח, זא אויך איז אויף אונז דער פפליכט איהנען צוא בעטען, דאס זייא זעלבסט זאלען נאך פעטערסבורג פאהרען אונ טהון, ניט דורך שלוחים אונ בריעפע, דאפיר ווירד איהרע דיעזע רוהמפאלע טהאט מיט דעם גרעסטען פראכט גלענצען אין דער יודישער געשיכטע אונ השי"ת וועט זיע געווים בעגליקען אין דיעזען מיסיאן אונ אונטערנעהמונג צוא רעטען דיא תורה הקדושה. א! וויא גרויס איז דיעזער זכות, אונ וויא שעטצבאר דיעזע מצוה!

האכאכטונגספאלל **יצחק אלחנן** החופ"ק.
(תולדת הרי"א)

ב) בע"ה דינסטאג ז' אלול תרנ"ה קאוונא.

כבוד ידיד בית ישראל וידיד נפשי השר וגדול ליהודים,
פאר ישורון והדרו, גדול העליליה ורב פעלים, נודע לשם
ולתהלה כש"ת מו"ה יעקב פאליאקאוו שליט"א.

שלום וברכה נצח, אמן!

דיא היילינע תורה ערלויבט מיר, אין דעם נאמען פון כלל ישראל וואס דיא תורת ה' איז זיין גייסט וואס בעלעבט איהם, צוא האבען דיא עהרע איהנען אונזערע דאנקבארע געפיהלע אונ הימלישע זעגען איבערצוגעבען. זייא האבען פיעל זוכה אונ מזכה געוועזען מיט איהרע רעטונג דעם תלמוד, דעם יודישען קאסטבארען איינענטהום. דער תלמוד זאגט, דאס דיא גאנצע וועלט האלט זיך אויף דורך דעם הבל פיהם (הויך) פון דיא חדר-יונגלעך. געוועהנליך, ווען עס זאלל קיין קליינע ניט זיין, ווירד דאך אויך קיין גרויסע געבען אונ ווען מען לערנט ניט אין דער יוגענד קאן מען ניט גרויסערהייט, וועהרענד מען איז בעלעסטיגט לעבענסמיטעל צוא זוכען, דאהער וואלט דורך דיעזען בעפעהל חלילה פערגעסען געווארען דיא תורה בייא יודען, אונ וויל מיר וויסען אויך, דאס דער מאטעריאלישער שטאנד (מצב החמרי) איז פערבונדען מיט דעם גייסטליכען שטאנד (מצב הרוחני) פון אונזער נאציאן, לויט וויא מיר זעהען פראקטיש, דאס דיא אלע סעקטען וועלכע האבען געוויכט פון תלמוד זיינען אין גאנצען פערניכטעט געווארען, אונ וויא דיא תלמודיסטען ז"ל זאגען: „כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית — זו תורה שבעל פה", ד. ה. דאס וואס גאט האט געזאגט: דורך דיא ווארטען האב איך מיט דיר איינע בינדניסע געמאכט — מיינט מען דעם תלמוד — נור אונזערע יודען וועלכע האבען זיך געאפפערט אונ אפפערן זיך אויך יעצט, בלייבען עוויג עקסיסטירען — דיעזעס אלעס וויסענדיג, קאן דען ווער אויסדריקען דעם גרויסען אונ עהרענפאלען טהאט מיט וועלכען השי"ת האט זייא בעגליקט? אין אזא איינע אונ קריטישע צייט זיינען זייא געוועזען א הילפס-ענגעל צוא רעטען דיא תוה"ק, וועלכע גיט אונז גייסטליכען אונ מאטעריאלישען לעבען. זייט זיינד גליקליך איבער גליקליך! וואהל איז איהנען, דאס זייא האבען זוכה געוועזען דאצו! — אונזער תלמוד זאגט: „מצוה גוררת מצוה", איין טוגענד בריינגט דיא צווייטע: איהרע אונצעהליגע גוטע טהאטען פאר דעם כלל ישראל האבען איהנען בייגעשטאנען, אין דיעזער שטעטצבארער מצוה צוא זיין דער שוטץ-ענגעל אונ ראטירער פון דער היילינער תורה, אונ דאדורך האבען זייא זיך ערווארבען

אין אונזער געשיכטע א נאמען כאחד הגדולים פון אונזערע בעריהמ־טעסטע מענער אין אלע צייטען, מיט וועלכע אונזער נאציאן שטאלצירט. — אויך דיא צוקינפטיגע דורות ביז ענדע וועלט וועלען האבען צוא ערצעהלען איהר מילדען אונ שיינען טהאט. וואהל איז איהנען, דאס זייא האבען בעפאלגט דיעזען ווערטהפאלען טהאט! — איהר לאהן פון השי"ת איז אונגרענצבאר. דער זכות פון תוה"ק וויר־ד זיא אונ איהרע נאכקאמען אויף אימער אונ עוויג בייששטעהן, איהר גלאנץ אונ פראכט זאל שיינען עוויג, זייא זאלען זוכה זיין צוא זעהען אין אונזער נאציאנאלישע פרייד אונ אין דיא ערהעבונג פון אונזער תוה"ק: דער אלמעכטיגער זאל זייא פערשרייבען בכתיבה וחתימה טובה, צום לעבען אונ צוא אלעם גוטען, אמן!

אכטונגספאלל מיט דיא גרעסטע עהרעפורכט יצחק אלחנן החופ"ק

אום זיך צוא בעפרייען פון א חשד אין שמייכעל (חנופה) אונ אום זיך ניט צוציהען קיין פאראיבעל פון וועמען עס איז, ווילען מיר ניט אויסשרייבען בעזאנדערס פון אלע וואהלטהעטיגע אונ בעריהמטע מענער, וועלכע וואַרען רבנו צוא הילפע אין זיינע אונטערנעהמונגען וועגען דיא מלמדות אונ תלמוד. דיא אלע לייטע לעבען נאך, (זאלען לעבען) וויא אויך זייערע עהרענפאלע טהאטען לטובת הכלל; מיר וועלין נור שטעלען אמאנומענט, אנ׳עוויגען אנדענקונג צוא איינעם פון זיינע בעסטע פריינדע, וועלכער איז נאך אין דעם זעלבען יאהר גע־שטארבען צוא גלייך מיט רבנו, עטוואס פריהער, אין זיין 70 טען יאהר פון זיין לעבען. דאס וואר דער בעריהמטער טוגענדהאפטער פער־נונפטיגער, רעדליכער אונ טהעטיגער מאן מו"ה בינוש קאצענעלסאהן ז"ל פון קיוב. דיעזער גראסער מאן, האט זיין אינטערעסירען זיך וועגען זיין נאציאן אונ דיא טהעטיגקייט אין צרכי צבור געערבט פון זיין געאכטעטען פאטער ז"ל. ער האט זיך קיינמאל ניט בענוגענט מיט זיינע טוגענדהאפטיגקייט פיר ארמע, אונ מיט זיינע פערשוועג־דערונג אויף אלע מעשי הצדקה, דען ער האט אימער אין אכט געהאלטען דיא נוטצען פון זיין נאציאן, ער איז געוועזען איינער פון דיא דעפוטירטע אין דיאביידע אסיפות וועלכע זיינען געוועזען אין פעטערסבורג מיט דיא ערלויבנים פון דיא רעגירונג. אלס ער האט רבנו אנערקאנט אלס פאטער פון דעם גאנצען נאציאן אונ דער פיהרער פון דאס גאנצע יודישע פאלק, האט ער זא גלייך מיט־געשטימט, איהם צוא זיין א געהילפע אין זיינע אלע טהאטען פאר דעם כלל. פון דאן אן אלס ער האט זיך פעראייניגט מיט רבנו, איז געוועזען זיין פיהרונג אונ גאנג ביא יעדען מאל, ווען ער

פלעגט פאהרען נאך פעטערסבורג וועגען דיא יודישע אלגעמיינע אינטערעסען אום פיר זיא גוטעס אויסצואווירקען, לויט זיין גרויסען טאלענט אונ פערשטאנד אין דיעזע היניזיכטען, צוריק פאהרענדיג צוא זיין אויך בייא רבנו אונ איהם פארצולעגען דיא אינטערעסען וועגען וועלכע ער איז געפאהרען נאך פעטערסבורג. ער פלעגט דאבייא אויך הערען דעם ראטה אונ מיינונג פון רבנו. ער וואר ווירקליך דיא רעכטע האנד אין דיא פערהעלטניסע פון דער מלמדישער פראגע, ער האט דארויף פערשוועדעט געלד, געזונד, צייט אונ מיהע. זיינע רייזעס וועגען דיזע אינטערעסען האט ער פאלענדעט מיט דיא גרעסטע מסירת נפש, דאס גלייכען אין דעם מבטל זיין פון דעם בעפעהל וועגען תלמוד האט ער גענומען אנ'אנטהייל צוא גלייך מיט דיא איבריגע טהייל געהמער. דיעזער זאנדערבארער מאן וועלכער האט געקאנט איינזאמלען געלד דורך זיינע גרויסע יעהר-ליכע פערדיענסטען וועהרענד ער וואהר קינדערלאז, ווייל ער האט נור איין טאכטער געהאט וועלכע איז לענגסט געשטארבען, אלזא ווארען זיינע הויזליכע אויסגאבען זעהר קליין געגען זיינע פערדיענסטען אונ הכנסה, דעננאך האט ער זיין געלד ליעבערסט צוטהיילט ארמע לייטע, געמיינע פריינד, נאטהבעדירפטיגע, אין וועלכע ער האט בעמערקט, דאס זיא זיינען ווירדיג מען זאל זיא שטיטצען. אבער בעזאנדערס האט ער פערשוועדערט געלד אויף זיינע רייזען אין פעטערסבורג אום צוא ערהאלטען דיא תורה אונ זיין נאציאן, קורץ דאס וואר אנ'אויסנאהם, אנ'אויסגעצייכענטער מאן: טהעטיג, גייסט-פאל, קלוג, גוטהערציג, זא א מאן איז זעלטען צוא געפינען אין צעהנדליגע דורות, ער וואר, איינפאך, א געשענק פון השי"ת פיר אונז יודען, ער האט איבערגעגעבען זיין גייסט, קרעפטען אונ טאלענט אין דער האנד פון רבנו צוא טהון אין אלע אינטערעסען פון דער אומה הישראלית, זייא עס גייסטליך, זייא עס מאטעריאליש לויט וויא רבנו האט געראטהען אונ געוואונשען. אין זיינע לעטצטע יאהרען האט ער געוואונשען נאך ארץ ישראל צוא פאהרען אונ דארט צוא פערבריינגען זיין רעסט יאהרען אויף תורה ועבודה,

ער וואר שוין אין שנת תרנ"ד אין ירושלים אונ האט זיך דארט איינגעארדענט אום צוריק נאך רוסלאנד צוא פאהרען אונ פון דארט אויף עוויג א רייזע צוא מאכען אין ירושלים, נור רבנו מיט נאך רבנים האבען איהם אבגעהאלטען דאפאן ביז ער וועט ענדיגען דיא גוטע טהאטען פיר דעם כלל ישראל אין רוסלאנד אונ פיר דער תורה הקדושה, זיינע אלע רייזעס אונ טהאטען האט ער מיט דיא געפעהרליכסטע אנשטרענגונג דורכגעמאכט, זיינענדיג קראנק, שוואך אונ אלט. ער

האט ניט געקוקט אויף זיין צייט אונ געלד, ער האט ניט געפאלגט דעם ראטה פון דיא ארצטע, דאס ער זאל פאהרען נאך קארלסבאד. ער איז נור דאן געפאהרען אין קארלסבאד, אלס ער האט שוין זיין לעטצטע רייזע נאך פעטערסבורג געמאכט אונ אויסגעפיהרט וואס ער האט דאן געוואונשען, דאן איז ער נאך קארלסבאד געפאהרען, פון וואנען ער האט נאך געהאט דיא זכיה צוא ברייגגען זיין הייליגע נשמה אהיים, אונ פון דארט געמאכט דיא רייזע אין א בעסערע וועלט, א ליכטיגען גן עדן זאל ער האבען! ער איז געשטארבען אין דער היים צווישען זיין פאמיליע, צוא זיין 70 טען יאהר, תנצב"ה!

דא וועלען מיר איבערזעטצען איינעם פון זיינע פיעלע בריעף צוא רבנו, דאס וועט אונז דיענען אלס מוסטער פון זיינע וואונדערבארע טהאטען אונ פאטריאטיש-געזינטע נאציאנאלישע געפיהלע, וועלכע ער האט בעזעסען. עס לויטעט פאלגענדעס:

אל כבוד אדמו"ר הגריא"ס

געסטערן בין איך געוועזען ביין שר №. ער האט מיר מודה געוועזען, דאס עס וואר אנ'אירטהום אין דעם בעפעהל געגען תלמוד אונ ער וועט עס באלד פערריכטען. אלס ער האט מיר געזאגט, דאס ער האט דיעזעס איבערגעגעבען אנ'אנדערן, האב איך געבעטען ביא איהם א פאלמאכט מיט א שריפט איבערצוגעבען דעם יעניגען, ער האט עס גלייך געטאן אונ האט מיר אויף געגעבען יענעמס אדרעסע. ער זעלבסט פערבייזט הייטע אום 2 אוהר נאך ווילנא, איך האב איהם דרינגענד געבעטען, ער זאל שרייבען סתם, דאס ער וועט פארדערן וויסענדע אונ אויפגעקלערטע מענער זיך צוא בע-ראטהען וועגען דעם — ער האט דאס אויך געשריעבען, אהנע פער-עפענטליכט צוא מאכען דיא נעמען פון דיעזע לייטע. איך האב פיעל געפראטעסטירט וועגען דיא לעהרער וואס דער תלמוד איז זייא פרעמד, וויא קאנען זייא רעליגיאנס-לעהרער זיין! — ביא יודען פערשטעהט א יונגעל פון 7 יאהר צוא לעזען ווערטער פון תלמוד אהן נקודות — אונ דיא לעהרער קאנען עס ניט, ווייל מען האט זייא עס ניט געלעהרט. ער האט מיר געאנטווארטעט, דאס דיעזע לעהרער ווערדען זיין געזעצט אויף אנדערע למודים, ניט אויף תלמוד צוא לערנען. — איך האב איהם געבעטען דיא ערלויבניס צוא קומען צוא איהם אין ווילנא, האט ער דארין ניט איינגעווילינגט, ער האט מיר דאגעגען פערשפראכען, דאס דעם תלמוד וועט מען ניט שטערען צוא לערנען, ער האט מיט מיר פיעל פערבראכט

אונ

און האט מיר געפרעגט, פיעלייכט וויל איך צו איהם וואס
שרייבען? — אויף מיינע ווארטען, דאס עס איז דאך שוין אנפאנג
זמן און מען פערוועהרט אונז צו לערנען דעם תלמוד, האט ער
מיר געאנטווארטעט, דאס ער וועט דיא זאך לאנג ניט פערהאלטען
ער וועט עס גלייך שיקען אין מיניסטעריום. — בלי ספק דאס ער
וועט אויסערוועהלען אייער זאהן, ווייל ער וואר דאך דער הויפט
אין דיא רבנישע פערזאמלונג, אלזא זאל ער זיך בעאיילען נאך
הויזע צוקומען, ער וועט איהם געוויס פאדערן צו זיך, ווייל עס
פאדערט אויסצוקלייבען תלמודיסטען וועלכע פערשטעהען און וויסען
גוט דעם תלמוד. פון מיר אייער ערגעבענסטער און האכאכטענדער
פריינד

ביינוש קאצענעלסאהן.

וויא ווייט דיעזער קאצענעלסאהן וואר בעליעבט ביא רבנו זעהען
מיר הערויס פון דעם פאלגענדעם טראסט-בריעף, וואס רבנו האט
געשריעבען צו דעם פערשטארבענעם פאמיליע:

בע"ה עש"ק י"ט כסליו, תרנ"ו, קאוונא.

המנחם ציון וירושלים ינחם את אבלי המשפחה הרמה
לבית הרה"ג ר' בנימין ביינוש קאצענעלסאן, ואלמנתו
הכבודה והשובה שת' לאי"ט, עם כל המתאבלים
עליו—ובירושלים ינוחמו!

מיין הערץ איז מיר צערבראכען אויף שטיקלאך נאך מיין
ערהאלטען דיא שרעקליכע בשורה פון איהר געמאהלס טויט, אמאן
וועלכער וואר געליעבט פון גאט און לייט, געאכטעט פון זיין פאלק;
געעדיג, וואהלטהעטיג אלס דיא ערשטע יודישע וואהלטהעטער —
וויא א דאנער-שלאג האט מיך געטראפען דיעזע טרויעריגע נאכריכט,
אויך יעצט בין איך וויא פערווירט און בעשטירצט, אהנע זיך
בערוהיגען צו קאנען פון מיין דיעזען טרויער. איך שרייב א טראסט
בריעף צו דער פאמיליע פון דעם פערשטארבענעם ז"ל, וועהרענד
איך געפין פיר מיך זעלבסט קיין טראסט. ווער ווייס נאך זא וויא
איך זיינע אלע אדעלע און גוטע טהאטען, זיין בענעהן זיך מיט
אלעמען? ווען איך דערמאן זיך אן זיינע טהייערע מדות, דא ווייגט
אין מיר מיין הערץ. — זיין ריינעס הערץ, זיינע ווארעמע, פאטריאטישע
עדלע געפיהלע; זיין טהייערע זעעלע, זיין קלארער זינן און ערהאבענער
גייסט! .... ער וואר איינער פון דיא ערשטע אין יעדער טוגענד
מיט לייב און לעבען. ווער קאן וועגען, און ווער קאן בעשרייבען
זיינע ערהאבענהייט, זיטטונג, זיינע צדקות און פערשווענדערונג אויף

אלע גוטע אונ הייליגע זאכען?! פון הימעל האט מען איהם מזכה געוועזען צוא זיין צווישען דיא הויפט-וואהלטהעטער פיר אונזער תורה אונ פאלק. ער האט דיא תורה גערעטעט פון אונגליק, זא, דאס אויף איהם איז מקוים געווארען דער פסוק: „מפי עוללים ויונקים יסדת עוז". יא, — נור אונז האט ער געלאזען לאנחות, צום טרויער אונ זייפצען, — ער זעלבסט האט שוין לאנג קונה עולמו געוועזען, אויף איהם קאן מען זאגען וואס מונבז האט געזאגט, וויא דער תלמוד ברייננט. אלס ער האט פערשוועגדערט דיא אלע אוצרות אויף צדקות, האבען זיינע פריינדע זיך בעקלאגט, זאגענדיג: דיינע עלטערן האבען געזאמעלט אוצרות, אונ דוא פערשוועגדערסט, האט ער זייא געאנטווארטעט: מיינע עלטערן האבען בעהאלטען אונטען, איך אבער האב בעהאלטען אבען; איך האב בעהאלטען א זאך, וואס ברייננט פרוכט, וויא עס שטייט: אמרו צדיק כי טוב כי פרי מעלליו יאכל, וכו׳, דאס הייסט: ריהמט דעם צדיק, עס איז גוט — דיא פרוכט פון זיינע טהאטען וועט ער עסען. דער תלמוד זאגט, בהבל פיהם של תינוקות של בית רבן העולם מתקיים — דורך דעם הויך פון דיא חדר יונגלעך ווען זייא לערנען האט דיא וועלט א קיום, זייא לערנען יעצט גאנץ פריי, אונגעשטערט דיא הייליגע תורה אונ תלמוד, מיט וועלכע זייא האלטען אויף דיא גאנצע וועלט — דיעזעס אלעס איז געשעהן דורך איהר געמאהלס גרויסע טהאטען, טויזענדער אונגליקליכע פאמיליען לעבען יעצט אונ ערנעהרען זיך פון זיינע צדקות, אויף איהם קאן מען זאגען דעם תלמוד׳ס מאמר: „כל המקים נפש אחת מישראל כאלו קים כל העולם כולו", ד. ה. ווער עס האלט אונטער איין נפש פון יודען, איז גלייך וויא ער וואלט דיא גאנצע וועלט געשטיצט. אלזא, דארף מען דען זארגען אונ טרויערן נאך אזא איינעם וועלכער האט שוין לאנג קונה עולמו געוועזען? וויא דער תלמוד זאגט: הצדיק אבד — לדורו אבד, ד. ה. דער צדיק איז פערלארען נור פיר זיין דור, דען מען בעקומט ניט אנאנדערן אזעלכען אויף זיין ארט.

נור מיט איינעם קאנען מיר זיך אלע טרעסטען, דען דיעזער טהאטפאלער מאנן, וועלכער האט אימער געארבייט פיר זיין פאלק אונ תורה איז יעצט אין דעם עוויגענם געגענווארט; ער קאן אונ וועט זיין אויך יעצט א מליץ טוב פיר אונז: ווער וויים נאך זא וויא ער דעם יאמער אונ אונגליק פון אונזער פאלק? אונ וויא אין לעבען וואר ער אימער אונזער פערטהיידיגער אין דיא העכסטע ערטער, זא וועט ער זיין אויך יעצט אונזער פערטהיידיגער פאר דעם אלמעכטיגען? אויך פיר זיע, פיר איהר פאמיליע, אונ פיר דיא

אלע וואס טרויערן נאך איהם, וועט ער דעם אלערהעכסטען אנבע־טען. — ער זאל רוהען מיט אלע צדיקים אונ וואהל־טהעטער פיר אונזער תורה אונ פאלק אין גן עדן אונ זייא אלע צוזאמען זאלען מעורר רחמים זיין אויפ'ן כלל ישראל וועלכע ווארטען אויף דעם קץ אונ ביאת המשיח, וויא עס ווינשט אונ האפט

יצחק אלחנן.

יט.

דיא טהאטען פון דעם צדיק.

אלס מיר האבען בעענדעט אונזער בעשרייבונג פון זיינע טהאטען אונ הילפע פיר דער תורה, וועלען מיר זיך יעצט ווענדען צוריק צו זיין לעבענס־געשיכטע.

אין שנת תרל"ד (1874) האבען זיך דיא נכבדים פון בריסק געווענדעט צו רבנו מיט דער ביטע, ער זאל בייא זייא רב ווערדען, ער האט זייא ניט אבגעזאגט אונ ניט צוגעזאגט, אבוואהל זייא האבען איהם זעהר שטארק געבעטען וועגען דעם. — ער האט געווארט אונ געגארט צו הערען, וואס וועט קאוונא דארויף זאגען. אלס מען האט זיך אין שטאדט דערוואוסט דאפאן, איז געווארען א ליארעם, מען האט אין אלע קלויזען אונ בתי מדרשים מעכב הקריאה געוועזען, אום מען זאל מאכען אסיפות זיך צו בעראטהען מיט וואס איהם אבצוהאלטען, אונ הערען וואס ער פערלאנגט פון זייא. אלע בע"ב פון שטאדט האבען זיך שבת צו נאכט צוזאמענגע־קליבען אונ האבען געשיקט אנפרעגען, וואס ווינשט ער אונ פער־לאנגט אום בייא זייא צו פערבלייבען? ער האט קיין הוספה ניט פערלאנגט אויסער דיעזע קלייניגקייט — דינגען פיר איהם א בית־דין שטיבעל אויף זייערע קאסטען, אום דאדורך איינצושטעלען דיא רוהע בייא איהם אין שטוב, ווייל עס פלעגט דארט פארקומען דיא דין תורה'עס מיט ליארעם אונ סקאנדאלען, מיט רעש אונ טומל. אלע האבען איינשטימיג איינגעווילינגט דאצו, וואס וואר ווירקליך אקלייניג־קייט ווערענד זייא האבען געדענקט, דאס ער וועט פון זייא זעהר פיעל פארדערן אונ פערלאנגען, אונ וואס זייא וואלטען איהם געוויס נאכגעגעבען.

אין שנת תרל"ח האט מינסק איהם געוואלט נעהמען פיר א רב פארלעגענדיג איהם פיעל מעהר שכירות אלס קאוונא צו געבען, אבער פיעלע אורזאכען וואר ער גענייגט דאצו, נור אלס קאוונא

האט זיך דאפאן ערוואוסט. האבען זייא איהם שטארק געבעטען זייא ניט צוא פערלאזען. ער האט זייער ביטע אנגענומען, דיא בע"ב פון זייער זייטע ערקונדיגענדיג זיך וויא בעדרענגט אונ געדריקט ער איז דורך דעם וואס ער האט געוואלט חתונה מאכען זיינע אנ'ענקעל א יתומה, וועלכע האט זיך בייא איהם אויפגעהאדעוועט האבען זייא איהם בדרך כבוד הערייגגעשיקט 2000 רובל, דורך וועלכע ער איז געווארען פרייער אין זיינע פערהעלטניסע.

אין שנת תרל"ט (1879) האט דיא רעגיערונג בעשטימט אונ צוזאמען גערופען אין פעטערסבורג א קאמיסיע פון רבנים. לויט דיא יודישע לאגע אונ האפנונג דאן, האבען דיא אינטעלעגענטע לייט געמיינט, דאס ווען דיא רבנים זאלען זיין פערשטענדיג אונ געלעהרטע נאך דער צייט, קאנען זייא פיעל גוטעס פון דער קאמיסיע אויס-ווירקען, דאגעגען האבען אלע געניטע אונ פערשטענדיגע געאורטהיילט דאס אין דיעזע קאמיסיע ווערדעט קיין רעדע זיין וועגען יודישע רעכטע — זייא איז איינפאך, נור צוא ענטשיידען אין רעליגיעזע אינ-טערעסען לויט יודישע געזעטצע, אין גיטין, קדושין אונ ענייני חליצה אונ נאך אזעלכע זאכען וואס זיינען אבהענגליך פון אמונה אונ גלויבען אונ דורך זייער אורטהייל וויל זיא עס ענטשיידען. דיא רעגיערונג האט ניט בעשטימט אין דער קאמיסיע נאר רבנים אליין, זאנדערן אויך ארדענטליכע קויפלייטע אונ אנדערע בראווע געבילדעטע מענער, ווער נור עס האט א בעגריף אין דיעזע אינטערעסען, וויסענדיג, דאס אין רעליגיאן האבען אלע גלייכע טהיילען, וויא רבנים זא אויך פריוואטנע לייטע, דיעזער געדאנק האט נאך מעהר פערשטארקט דעם גלויבען פון דעם פרייערען קלאס מענשען אונ זייא האבען זיך דאהער פיעל בעמיהעט, מען זאל אויסקלייבען נור אינטעלעגענטע אונ וויסענשאפטליכע מענער, עס ווארען דאריבער אויסגעקליבען: באראן הארא'ץ גינצבורג פיר פאדאליער גובערני, הרב החכם ר' מאיר לעווין ז"ל — פיר מינסקער, ד"ר אברהם אליה הרכבי — פיר ווילנער, הגביר החכם השלם לובעץ — פיר גראדנער, פראוויזאר ספיר — פיר קאוונער, אונ דער ראבינער בלומענפעלד — פיר חערסאנער אונ יעקאטערינאסלאווער גובערניעס, דיעזע אלע ווארען קלוגע אונ געבילדעטע לייטע — אבער, ליידער, קיינע תלמודישע ספעציאליסטען, וועלכע זאלען קאנען ענטשיידען אין רעליגיאזנע אינטערעסען, דאהער האבען דיא ארטהאדאקסען אונ פראם-געזאנענע יודען זיך געשראקען דאס עס זאל פון איינע זאלכע קאמיסיע ניט הערויס איינע פערלעטצונג צוא יודישען רעליגיאן, דאמיט וואס דיא רעגיערונג ווירד בעשטעטיגען זייערע אנטווארטען אויף דיא

רעליגיאזע פראגען, אזעלכע געדאנקען האבען ערשיטערט דיא הערצער פון כלל ישראל, אבער וואס האט מען געקאנט מאכען אחר המעשה ווען דיא דעפוטירטע זיינען שוין געווען בעשטעטיגט, דיא קאמיסיע געגרינדעט? — אלזא, ווער זאל דא הערויסטרעטען אויפ'ן פלאטץ? ווער זאל ווירקען אויף דיעזע אינטערעגענטע דעפוטאטען, דאס זייא זאלען זיך ניט אײלען צוא בעאנטווארטען אויף רעליגיאזע פראגען בעפאר זייא וועלען זיך בעראטהען מיט דיא רבנים, דארין? — אויך אין דעם האט מיט-געווירקט רבנו! ער האט גלייך געשיקט שטרענגע בריעפע צוא זיינע בעקאנטע דעפוטירטע, בעזאנדערס צום ד"ר אברהם אליהו הרכבי, וועלכער וואר זיינער א תלמיד און זיין שוואגערס אברהם ב"ר אלחנן'ס אנ'ענקעל. דיא בריעפע ווארען דייטליך און שארף געשריבען, דער בריעף צוא ד"ר הרכבי וואר פארגעלעזען אין דער פערזאמלונגס הויז פאר אלע דעפוטירטע, וועלכע האבען מיט-געשטימט מיט זיין פראיעקט און איינגע פון אונזערע ברידער האבען אויסגעדריקט ביא דער רעגיערונג, דאס מען זאל רופען אויך דיא תלמודישע ראבינער, דעם גאון ר' ראובן פון דווינסק, הגאון ר' ליפא פון מיר און הגאון ר' אליהו אליעזער זצ"ל פון ווילנא, וועלכע האבען געארטהיילט אויף רעליגיאזע פראגען, ווערענד קיינע זייטיגע פראגען וועגען אנדערע ענינים, אויף וועלכע מען האט געהאפט און געווארט, ווארען ניט געפראגט.

דאס איז דער בריעף צום ד"ר הרכבי:

כבוד יד"נ הרב החה"כ אוצר המדע והתושיה כש"ת

מו"ה **אברהם אליהו הרכבי** יחי'

שוין איינגע טעג וויא איך האב געהערט, דאס דיא רעגיערונג האט איהנען בעשטעטיגט אלס מיטגליעד אין דער רבנישער קאמיסיע און אלס ווילנער דעפוטירטער, מיך פרייט זעהר וואס זייא האבען ערלייבט דיעזע עהרע, דורך וועלכע זייא וועלען האבען דיא געלעגענ-הייט צוא פערטהיידיגען אונזער נאציאן און רעליגיאן. איך בין זיכער אין איהר טריייהייט צוא אונזערע אנגעלעגענהייטען אין רעליגיאן, וועלכע זיינען זעהר וויכטיג פיר דעם כלל ידען וואס ווארטען אונגעדולדיג אויפ'ן רעזולטאט; אויך זייענדיג געשטיצט אויף אונזערע איניגסטע פריינדשאפט, בין איך זיכער, דאס זייא, וויא אויך דיא איבריגע דעפוטאטען וועלען לויט זייער יושר און ארדענטליכ-קייט גענוג טהון פיר אונזער גלויבען, דען איהרע געפיהלע זייען

גענוג פערבונדליך מיט אונזער נאציאן אונ רעליגיאן — דעננאך דארפען זייא וויסען, וויא פערוויררט זיינען אונזערע יודען, וועהרענד עס גווערדען בעשטיממט אזעלכע קאמיסיעס, וויא זייא שרעקען זיך פיר דעם רעליגיאן, וועלכער ליעגט יעצט אין זייערע הענד צוא אורטהיילען לשבט או לחסד, אונ בפרט ווען קיינער פון דיא תלמודישע רבנים זיינען מיט זייא אויסגעקליבען; אלזא איז קיין וואונדער, דאס כל ישראל הארען אונ ווארטען צוא וויסען דיא געפיהלע אונ געזינונג פון דיעזע שלוחי הקהל, אום דאס זייא זאלען זיין זיכער, דאס אין רעליגיאזע פארשלעגע אונ פראיעקטען פון דער רעגיערונג וועלכע בעציהען זיך אין אפולע דינים, אין וועלכע עס פאדערן איינע שטרענגע איבערלעגונג מיט תלמודישע רבנים — אין אזעלכע אינטערעסען אונ פראגען זאלען זייא זיך בעראטהען מיט דיא גאונים אונ תלמודישע רבנים. —

דער כלל יודען דארף חלילה ניט פערדעכטיג (אין חשד) האלטען זאלכע גרויסע אונ בראווע לייטע וויא זייא זיינען, דאס זייא וועלען עטוואס טהון געגען דעם ווילען פון כלל ישראל, זייא אבער וויסען דאך וויא פיעל צרות האט דער יוד געליטען איבער זיין גלויבען, וויא פיעל מאל האט ער זיך מוסר נפש געוועזען זאגאר פיר מנהגים וועלכע מיר האבען געערבט פון אונזערע עלטערן — דאהער איז דער כלל ישראל פאל מיט זארגען, דאס פיעלייכט זוכענדיג צוא ווירקען פיר יודען אין מאטעריאלישען ארט, וועלען זייא אום דעם פערבייגען עטוואס דיא רעליגיאזע אינטערעסען, וועלכע אויפ'ן אבערפלעכליכען בליק זעהען אויס גאר קליין הירדיג, אבוואהל זייא ענטהאלטען אין זיך זייער פיעל דינים אונ וויכטיגע געזעטצע אונ ווען מען דרינגט אין זייא גוט הערייז, איבערצייגט מען זיך, דאס זייא זיינען דיא רעכטע פונדאמענטען פון דער רעליגיאנס געביידע —, אין דיעזע זאכען פארדערט דער כלל ישראל, דאס דיא דעפוטירטע זאלען איינשטיממיג זיין מיט דיא תלמודישע רבנים.

יא, אונז איז גענוג נעטהיג מאטעריאלישע רעכטע, אונ פון יעדער פרט קאן פיר אונז פיעל נוטצען הערויס קומען; דאגעגען אבער וויסען מיר פראקטיש פון אונזער געשיכטע, דאס דיא שטערער אונ היגדערניסע (מניעות) געגען אונזערע רעכטע וועלען ניט לאנג עקסעסטירען — דיא בילדונג אונ טאלעראנץ וועט זייא געוויס אבשאפען וועהרענד א רעליגיאזער ענין אדער אפילו א מנהג אז מען זאל איהם שוואכען, דאן קאן מען איהם שוין מעהר ניט ערנייערן: דאהער קאנען מיר ניט בעשולדיגען דעם כלל אין זיין אונרוהיגקייט: ער וויל זיין זיכער מיט זיינע דעפוטירטע אין זייגע גייסטליכע אונ

מאראליש'ע

פאראלישע אינטערעסען. אלזא האב איך בעשלאסען, אן איהנען, הערר ד"ר, זיך צוא ווענדען אום דעם, פארלענגנד זייא דיא געפיהלע פון דעם כלל. אונ וויא גליקליך וועל איך זיין האבענדיג איהר פערשפרעכונג, דאס זייא ווערדען אויך איהרע איבריגע מיטזיטצער אונ דעפוטירטע איבערצייגען אין מיינע ווארטען, וועלכע זיינען דיא מיינונג פון אונזער תוה"ק, אונ דער געדאנק פון דער אומה הישראלית!

ווען זייא וועלען בעהויפטען מיינע ווארטען, מאגען זייא דאך זיכער זיין, דאס זייערע טהאטען אום דעם נאציאן אונ רעליגיאן ווערדען גלענצען אין אונזער היסטאריע אלס עוויגער אנדענקונג, ניעמאלס וועט פערגעסען ווערדען זייער טהאט פאר'ן כלל, אין וועלכען זייא ווארען פעראיינט מיט דיא תלמודישע רבנים אין דיא רעליגיאזע אינטערעסען.

יעצט געפין איך פיר נעטהיג, איינינע גרינדליכע ענינים פארצולעגען, וועלכע עס קאן זיין, דאס דיא רעגיערונג וועט עס פערשלאגען, אדער זייא זעלבסט וועלען געפינען א געלעגענהייט דאס פארצושלאגען פאר דיא רעגירונג יר"ה:

1) וועגען תלמודישע רבנים וואס האבען שוין צייט איינינע יאהר פערלארען זייערע עפענטליכע בעדייטונג אונ ווערדען אויס-געקליבען אונד בעשטימט, אין געהיים, אבוואהל דיא רעגיערונג זעלבסט איז איבערצייגט, דאס נור תלמודישע רבנים זיינען דער גאנצער לעבענס-גייסט פון יודישען נאציאן, אונ ווען דיזע רבנים וואלטען געווען בעשטעטיגט פון דער רעגיערונג, דאן וואלט פיר דעם יודען אין דיא מאטעריאלישע הינזיכטען אויך זעהר גוט געווען אלזא וויא נעטהיג איז פאר דיעזער קאמיסיע זיך משתדל צוא זיין וועגען דיא בעשטעטיגונג פון תלמודישע רבנים אין זייערע עמטער בגלוי,

2) וועגען מאכלי כשר פיר יודישע סאלדאטען, ווען זייא וואלטען קאנען ווירקען דארין, דאס יעדע שטאדט זאל מעגען אונ-טערשטיטצען דיא יודישע זעלנער מיט מאכלי כשר. דיעזעס וואלט פיעל ווירקען, דאס יודען זאלען זיך ניט משתמט זיין פון מיליטער דיענסט, דורך וואס מיר זיינען בעטאדעלט בייא אלעמען אונ דורך וואס אונזערע רעכטע זיינען בערויבט.

3) וועגען מלמדים, וועלכע זיינען ווירקליך זעהר נעטהיג פיר אונזער נאציאן אין דער לעהרע פון תנ"ך אונ תלמוד, אונ ווען מען זאל זייא בעשווערען אבצוגעבען עקזאמען אונ דיא לעהרע-צייט פערקלענערן – דאן האבען מיר קיינע מלמדים. דאדורך וועט שרעקליך זיין דיא לאגע פון דיא יונגלינגע, וועלכע, ניט האבענד קיינע רע-ליגיאזע לעהרער אונ רעליגיאזע ערציהונג, ווערדען גאר ניט וויסען

פון קיין רעליגיאן אונ גלויבען. דאס וויל געוויס ניט אויך דיא רעגיערונג זעלבסט.

איך ווייס דורכאוים, דאס דיא רעגיערונג וועלכע שיטצט אונז, וויא אויך איהרע מיטהעלפער, וועלכע זיינען גענוג בראוו אונ ארדענטליך אין דיא אינטערעסען פון אונזער גלויבען, וועלען ניט זוכען צוא שאדען אונ צוא שוועכען דיא רעליגיאזע אנגעלעגענהייטען פון איהרע אונטערטהענער. אלזא שטארקט מיך דיא האפענונג, דאס אונזער וואונש וועט געלונגען דורך דיעזע עהרען-פאלע קאמיסיע, וועלכע זוכט אויסער דיא פערפאלקאמונג פון אונזערע רעכטע, אויך דיא נוטצען פון אונזער גייסטליכען גלויבען, איהם צוא שיטצען אונ שטיצען, צוא שטארקען אונ צוא קרעפטיגען, נאך אייגענען וואונש, וויא אויך נאך'ן וואונש פון כלל ישראל. דאמיט בעענדיג איך מיינע ווארטען אונ ווינשע פרידען זייא אונ אלע איהרע מיטהעלפער. דער זכות הרבים זאל זייא העלפען דארין, עוויג אונ אימער זאל שיינען אונ לייכטען זייער נאמען אונ בערוף, וועלכע וועלען זיין לברכה ולתהלה — צוא זעגען אונ לויב צווישען כלל ישראל.

אונטערצייכנע אכטונגספאלל

יצחק אלחנן.

כא.

דיא לעטצטע עפאכע (תקופה).

אין יאהר תרט"ז (1856) נאך דעם רוסיש-טירקישען שטרייט אין קרים, האט דאן דער מארגענשטערען אנגעפאנגען צוא שיינען אויך אין טירקיי אונ רומעניען, דאס הייסט אלע האבען אנגעהייבען צוא געניסען דיא פרייהייט, אונ דיא דארטיגע יודישע איינוואהנער וועלכע זיינען שטענדיג אין דונקעלהייט געוועזען פערהילט האבען אויך אנגעפאנגען צוא לייכטען דורך דיא לעבענס ליכט.

דיא ציוויליזאציע אונ טאלעראנץ (סבלנות) האבען פערשיינט דיא לאנד מיט דער תורת האדם (מענשען לעהרע), דיא בילדונג אונ וויסענשאפט האבען בעלויכטען דיא פינסטערע פערהעלטניסע צווישען איינעם מיט דעם אנדערן, אונ דיא אונגלייכהייט פון איין נאציאן מיט דעם אנדערען האט עס פערגלייכט; דיא ווייטע זיינען געווארען נאהענט, אונ דיא איינוואהנער פון עק וועלט האבען זיך פעראייניגט דורך דיא אייזענבאהנען אונ טעלעגראפען, וועלכע ווארען

איבעראל איינגעפיהרט. אויך אונזערע רוסלענדישע איינוואהנער האבען גענאסען פון דיא רייצענדע ליכטיגקייט. 20 מיליאן שקלאפען (עבדי עולם) האבען בעקומען זייער פרייהייט דורך דעם גנעדיגען אונ טוגענדען קייזער אלכסנדר דער צווייטער ז"ל, אויך דיא זכיות אונ געזעטצליכע רעכטע פון אונזערע רוסלענדישע יודען האבען זיך דאן ענטוויקעלט — דיא גימנאזיען אונ אקאדעמיעס האבען זיך פיר זייא געעפענט פריי; יעדער מייסטער אונ האנדווערקער אונ קינסטלער, זייא אויך געלעהרטע האבען בעקומען אין יאהר 1865 דיא פרייהייט צוא וואהנען אין גאנץ רוסלאנד. דיא האפנונג האט אונז דאן געשמייכעלט, דאס עס איז שוין דיא צייט געקומען אין וועלכע מיר וועלען אויך בעקומען דיא פאלקאמע רעכטע. נור פלוצלונג האבען מיר בעקומען א שרעקליכען שטויס צוריק. דען פון גערמאניען האט געוועהט א פיינדליכער גייסט — א גייסט פון אן'אלטער יודען שנאה, וועלכע וואר א געוויסע צייט פערשטעקט אונ פערהילט, זיא האט זיך ערוואכט אונ ערוועקט אונטער א נייעם נאמען. דיעזע שנאה האט זיך אויסגעברייטעט אונ איבערגעטראטען אלע גרענצע אונ יעדער מאס. דורך איהרע אונבעשריעבענע פאלשקייט האט איהר געלונגען צוא פערפיהרען געלעהרטע מענער, פירשטען אונ גייסטליכע, זא דאס מיט איהר פערדערבליכען גייסט האט זיא דורך געמארשירט עסטרייך, אונגארן, אונ פון דארט איז זיא הערייגעדרונגען אויך אין אונזער רוסלאנד, וויא בעוואוסט איז, דער שרעקליכער האס וואס דיא אנטיסעמיטישע שנאה האט איינגעפליסט בייא דעם פעבעל אויף אונז אין יאהר תרמ"א (1881) ביז יעצט, אונ אלעס וואס אויף אונז איז הערייבער פון דאן.

אונזערע יודישע אדעלייט פון פעטערסבורג האבען זיך צוא זייער צייט פיעל משתדל געוועזען אום צוא בעקומען א צוטריט צום זעליגען קייזער אלכסנדר דער דריטער ז"ל אונ האבען עס צום גליק אויסגעפיהרט אויך. זייא האבען דאן געהאט איין אודיענץ ביים קייזער, וועלכער האט זייא העפליך עמפפאנגען אונ ער האט מיט זייא גערעדט זאנפט אונ מילד, אונ האט אויסגעדריקט זיין וואונש, דאס זייא זאלען זייער ביטע אונ פערלאנג שריפטליך פאר זיין האהייט פארלעגען. מיט א דורכדרינגליכען געפיהל אונ מיט א פאטריאטיש-ענערגישען גייסט האבען אונזערע דיעזע געפיהלפאלע אונ קלוגע מענער אויסגעדריקט זייערע ווערטער פאר דעם זעליגען קייזער ז"ל, זייא זיינען הערויס פרעהליך אונ האפנונגס-פאל פון איהם. נור לייעדער דיא נאכהעריגע טרויעריגע צופעלע וועלכע זיינען נאכהער געשעהן מיט מעהר קוראזש אונ דרייסט, געגען דעם ווילען פון דיא רעגיערונג.

האט זיא שרעקליך ערציטערט, זא, דאס זייא האבען צוא ענדע מאנאט אב אויסגעריכט א גרויסע אלגעמיינע אסיפה מיט דיא ערלויבניס פון דיא רעגירונג אין פעטערסבורג, אום צוא בעראטהען זיך, וויא צוא שטילען דיא גרויזאמע שנאה, אויך איינצוארדענען אונ איינצופיהרען גוטע תקנות ביא אונזערע יודען, אום דאמיט צוא ווירקען געגען דער שנאה, אויך צוא בעטען וועגען אונז בכלל רחמים ביא דער רעגירונג. דער ערשטער פון דיעזער אסיפה וואר בערופען רבנו ר' יצחק אלחנן, וועלכער וואר דער גאנצער לעבענס גייסט פון דער אסיפה. דען דיא אלע קלוגע אונ געבילדעטע נבחרים, וועלכע ווארען פערשיעדען יעדער אין זיין ארט אונ בעשעפטיגונג אונ פיהרונג אונ געזינונג, האבען זיך אלע געפיהלט פערבינדליך צוא דיעזען גרויסען אכטבארען מאנן, וועלכער האט אלעמען געליעבט אונ וואר ביא אלעמען בע-ליעבט. דורך זיין גרויסע קראפט אין תורה אונ צדקות, דורך זיינע מעלות אונ מדות האבען איהם אללע אנערקאנט פאר א נשיא אלהים, פאר א געטליכען פירשט. וואס דורך זיין השגחה אונ השתדלות וועט השי"ת זעגנען אונ בענשען זיין פאלק יודען, אונ איינפלעסען א גוטען ראטה פיר זייא, דאהער האט זיך דאן אנגע-פאנגען א נייע אונ וויכטיגע תקופה פאר אונזער גאון, וועלכע וואר נאך וויכטיגער פאר דיא פריהעריגע צייטען פון זיין לעבען, אבוואהל זיין נאמען וואר שוין פון לאנג אן גרויס, דורך זיין תורה וויא אויך דורך זיינע פיעלע טהאטען, וואס ער האט אויפגעטהון נאך פאר דעם יאהר תרמ"א וואס מיר האבען פיעל וועניג שוין בעשריעבען צב"ש, דיא הילפע וואס ער האט געבראכט צוא דיא הונגעריגע אין דעם גרויסען יקרות, אונ דאס וואס ער האט געהאלפען פיר דיא אבגעברענטע אין פיעלע פערשיעדענע שטעדט, וועלכע זיינען אבגעברענט געווארען ביז'ן גרונד, דאך אויסער זיין גרויסען נאמען אין לערנען איז ער געוועזען בעוואוסט וועגען זיין הילפע אונ שטיטצע נור זעלטען, צייטענווייז, ווען עס האט געטראפען אין פיעלע שטעדט אונגליקען, אונ אין דיא יודישע פראגע אין אלגעמיין האט מען נאך גיט געהאט קיין בעגריף צוא בעאבאכטען וואס רבנו האט אויפגעטהון.

נור דאן אלס דיא יודישע פראגע אין יאהר תרמ"א (1881) איז געווארען אנ'אלגעמיינע, וועלכע וואר אנבעלאנגט אלע יודען אין גאנץ רוססלאנד אונ אלע האבען שוין געפיהלט אונ געוואוסט — אט דאן ווען עס' האט שוין געהאלטען ביין קריזיס אונ אלע יודען זיינען געווען אין גרעסטע פערווירונג, אהנע איין ראטה צוא געפינען אונ האבען נור געווארט אויף גאטעס הילפע, דאן האבען איהם אלע אנערקאנט פיר דעם רעכטען מיטעל-פונקט אין דעם גאנצען יודישען

נאציאָן, וועלכער פיהלט אין זיין צער אונ בעמיהט זיך פיעל אום זיין הילפע אונ וואהלשטאנד — פון דאן אן וואר ער בעטראכט אלס פאטער פון דעם גאנצען יודישען נאציאן, אן וועלכען אלע פעראונגליקטע, אלע ניעדערגעשלאגענע אונ געפלאגטע האבען זיך אנגעקלאמערט אנגעשלאסען וויא קליינע קינדער אן זייער צערטליכען פאטער. אלע סבות, אלע טרעפונג אונ נאציאנאלישע אינטערעסען איז אליין פארגעקומען פאר דעם גאון ז"ל, סייא מאטעריאליש סיי גייסטליך — אין אלעם האט ער געאורטהיילט אונ אויסגעזעצט; ער איז געוועזען דער גאנצער פערמיטלער אונ אויפזעהער אויף יודישע אנגעלעגענהייטען.

מיר וועלען דא ברינגען איינגע זאטצען פון „המליץ" № 35 כ"ז אלול תרמ"א (1881) וועגען דעם רעזולטאט פון דער גרויסער יודישער אלגעמיינער אסיפה, וועלכע וואר דען 17 אלול (30 סעפטעמבער) שנת תרמ"א, וויא פאלגענד.

באראן גינצבורג, וועלכער וואר אויסגעקליבען אלס פרעזידענט אין דיעזער גרויסער אכטונגספאללער אסיפה, האט פארגעשטעלט אין קורצע ווארטען דיא לאגע פון דער יודישער פראגע געגענווערטיג, אונ וואס מען האט אויפגעטהון ביז יעצט. נאך איינער אונטערהאנדלונג אונ איבערלעגונג אין דיא הויפט אינטערעסען האט יעדער געזאגט זיין מיינונג אונ אורטהייל, נאכהער האט מען מסכים געוועזען, זיך צוא בעראטהען וועגען 9 פערשיעדענע פונקטען צום אויסבעסערען דיא יודישע לאגע מאראליש אונ מאטעריאליש וואס עס איז ערקלערט אין דעם אבענערמאנטען „המליץ" דייטליך.

דיעזע אסיפה האט אלעם בעענדעט וויא עס דארף צוא זיין וועגען דיא 9 פונקטען, אויך זיך משתדל צוא זיין בייא דער רעגיערונג דאס זיא זאל אנערקאנען דעם יודישען גייסטליכען ראבינער אלס פערטרעטער אין אמונה זאכען אונ וואס עס איז אנהאנגליך אן רעליגיאן וכדומה.

6 וואכען זיינען דיעזע פערזאמעלטע געוועסען אין פעטערסבורג. מען האט זיך פיעל בעמיהעט אום דיא 9 פונקטען, אבער, ליידער, האט עס ניט געהאלפען. גראדע אין יענער צייט האט מען געזעטצט קאמיסיעס אונ דיא אלע 16 גובערניעס וואו יודען וואהנען, אום אונטערצוזוכען יודישע פראגע לויט צירקוליאר וואס דער מיניסטער דעם אינערן (שר הפנים) גראף איגנאטיעוו האט הערויס געגעבען, אונ אונזערע פערזאמעלטע האבען געפונען נאטהיג צוא פאהרען צוא הייזע, אום משתדל צוא זיין אין יעדער שטעלע, דאס יודען זאלען אויך זיטצען אין דיא קאמיסיעס, כדי להמליץ טוב על ישראל, וויא באלד דיא רעגיערונג האט שוין ערלויבט צוא זעטצען יודען אויך

אין דיא קאמיסיעס. עס איז אבער ניט געוועזען צוא געפינען א מענשען וואס זאל קאנען ווירקען אויף דעם גאנצען כלל יודען, אויסער רבנו, ער וואר דער מיטעל פונקט, צוא וועלכען אלע האבען געשטרעבט, אלע פערזאמעלטע האבען איינשטימיג איהם איבערגעגעבען דיא גאנצע פיהרונג אונ יעדער האט זיך פערפליכטעט מיט צוא טהון מיט איהם, יעדער לויט זיינע קענטניסע אונ פעהיגקייט. אט דאס וואר דיא גרויסע טובה פון דער רעה אונ דער ריוח פון דעם שאדען, דען אנשטאדט וואס ביז דאן האבען אונזערע גוטע ברידער געטהון פיר יודען יעדער נאך זיין גייסט אונ געפיהל, צוואר אלע זיינען אויסען געוועזען דעם טובת הכלל; אבער יעצט איז דער ערהאבענער גייסט פון רבנו געוועזען דער צענטראלער פונקט. צוא וועמען אלע האבען זיך געווענדעט, צוא איהם וואהרען געשטרעקט אלעמעס בליקען, ער איז געוועזען דער גאנצער ראטהגעבער, פראיעקטען מאכער אין אלע וואהלטהעטיגע זאכען פאר דעם כלל ישראל אונ זיינע הייליגע מיינונגען אונ געזינונגען זיינען געוועזען אנגענומען ביי אלעמען.

אונטערדעסען האט דיא אנטיסעמיטיזמוס פון דאס נייע אנגעפאנגען איהרע טייפעלשע טהאטען, דער רויש אונ טומעל וואר נאך שטארקער: נייע פארשלאגע (פראיעקטען) זיינען פאר-געקומען אונ דיא חוקים לפי שעה (ורעמעניא פראווילא) וואס מען האט הערויסגעגעבען נאכהער אין דריטען מאי, נאך בעפאר דיא קאמיסיען האבען בעענדיגט זייער זיטצונג, דאהער האבען אונזערע אדעללייט בעשלאסען נאך א מאל צוא בעטען פון דער רעגיערונג ערלויבניס א צווייטע פערזאמלונג צוא מאכען נאך פסח שנת תרמ״ב (1882) אין פעטערסבורג, וועלכע איז ערלויבט אונ ערפילט געווארען.

געוואהנליך אויך ביי דיזער פערזאמלונג איז רבנו ווייטער אויסגעקליבען געווארען אלס הויפט. אונ ניט קוקענדיג אויף זיינע שוואכע קרעפטען האט ער דאך דיא רייזע געמאכט, יעדערן פון דיא פערזאמעלטע וויזיטען געמאכט, אונ דיא גרויסע גבירים בעזאנדער בעזוכט צוא הויזע אונ האט זייא יעדער מאל ערמונטערט אונ ערוועקט צוא טהון פיר זייער אונגליקליכען נאציאן אין דער גרעסטער פעראייניגונג, וויא ווייט מעגליך איז. זייא האבען אויך בעשלאסען צוא צופאלען צוא דיא גדולי השרים .... אויסגיעסען זייערע הערצער פאר זייא אונ פארשטעלען דיא ריכטיגע לאגע פון דעם יודען. — אום דיעזען ציעל צוא ערריכען האבען זייא זיך צוטהיילט אין איינגע טהייל, יעדער טהייל זאל זיך ווענדען צוא א בעזונדערן בעאמטען (שר).

איינעם פון דיעזע טהאטען פון ועד, ביי וועלכען רבנו איז

געוועזן אין דער שפיטצע, וועלען מיר דא איבערזעטצען פון „המליץ" דעם 1882 יאהרעס, נעמליך וועגען דיא בעשולדיגונג, דאס יודען האבען א שלטון הקהל אין געהיים, וועלכע בענוטצט פערשיעדענע מיטעלן אום דיא יודען אבצוהאלטען פון אלגעמיינע פעראיינגונג מיט דיא איבריגע בירגער; אויך דאס זיא שטיטצט אהנע אויפהערונג דיעניגע וועלכע שאדען צוא דער לאנד, אונ דאהער האבען זייא דערלאנגט דעם מיניסטער דעם אינערן איינע שריפט, וועלכע האט געלויטעט פאלגענד: האפענדיג, דאס עס וועט אונז געלינגען מבטל צוא זיין דיעזע אונפערשעמטע, אונגרינדליכע בעשולדיגונג, וועלכע איז נור געבויט אויף פאסקעווילען פון פערשיעדענע פלוידערער ערלויבען זיך דיא אונטערגעצייכענטע, וועלכע זיינען בעפאל-מעכטיגט (באי כח) פון פערשיעדענע צענטראלען פון יודישע געמיינדע אין רוסלאנד, ראבינער, גייסטליכע אונ פארשטעהער (גבאים) פון הייליגע שולען אונ דאס גלייכען, זייא אויף פאלגענדעס אויפמערקזאם צוא מאכען. מיר שטעלען דעם אלמעכטיגען גאט, וועלכער וויים אלעמעס געדאנקען, פאר א צייגע (עדות), דאס עס גיבט אירגענד קיינע יודישע פאלקסטריבונאל (שלטון הקהל), ניט אפענבאר (בגלוי) אונ ניט אין געהיים, ווארום דעם יודענס לעבען אונ שטרעבען איז וייט פון אזעלכע געדאנקען אונ פון דיא אלע שלעכטע זאכען וואס מען בעשולדיגט איהם דארין. אונטערגעצייכענט ווארען 6 רבנים מיט רבנו זצ"ל בראש, ד. ה. ער, רבנו, דער ערשטער.

דיעזער טהאט איז איינער פון דיא אלע בייספיעלע, וועלכע מיר שטעלען פאר אלס פארבילד. אונ זא דאן האבען דיא איבריגע דעפוטירטע געטראפען אונ בעגליקט מיט זייערע מיסיאן אונ אונטערנעהמונג, זא דאס אין פערלויף פון א מאנאט נאך דער פערזאמלונג האט גראף טאלסטאי בעטראטען דיא שטעלע מיניסטער דעם אינערן אונ דורך איהם איז הערויס אין 10 מאי 1882 דער בעפעהל פון מיניסטער, וועלכען סענאט האט בעשלאסען אנצומעלדען דיא גובערנאטארען, דאס אויף זייא ליעגט דער שולד, ווען מען וועט ניט אבהאלטען דיא אונארדנונגען פון פעביל געגען יודען, וועלכע שטעהען אויך אונטער דעם אלגעמיינעם שוטץ פון דער רעגיערונג וויא אלערלייא גלויבענס, וועלכע אונטער איהר שוטץ זיינען אונ דאמיט איז געווארען א ענדע צוא דיא אונארדנונגען פון פעבעל. צוא גלייך האט דיא פערזאמלונג בעשלאסען, ניט צוא פארדערן פון דער רעגיערונג קיינע ערלויבניס אום איינע אלגעמיינע עמיגראציע אונ צוא זעטצען קאמיסיעס אום דעם (ועדי יציאה) אבצוהאלטען מען האט קיינעם ניט געשטערט צוא עמיגרירען. זא שטייט געשריבען אין המליץ № 19 שנת תרמ"ב (1882).

אלם

(תולדותהדוי"א)

אלס דיא פערזאמלונג וואר שוין צוא ענדע אונ אלע זיינען שוין געוועזען אין בעגריף נאך הויזע זיך צוא ווענדען, האט רבנו בלוטצלונג בעקומען דארט א טעלעגראמע פון קאוונא זעהר א טרויעריגע דאס עס איז דארטען געוועזען א גרויסע שרפה. ער האט זיך דאהער פערהאלטען דארטען נאך איניגע טעג, ביז ער האט צוזאמענגעקליבען 5000 רובל פיר דיא אבגעברענטע, ער האט זיך גלייך בעגעבען נאך קאוונא, אונ האט געגרינדעט מיט ערלויבניס פון דער רעגירונג א קאמיטעט אום צוא שטיטצען דיא פעראונגליקטע. געוואהנליך זיינען דיא טויזענדער רובל געפלויגען צור הילפע פיר קאוונא צוא ליעב רבנו, ער האט אין א קורצער צייט געשטעלט אונצעהליגע גשרפים אויף א בעשטאנד, ווערענד זייא ווארען ניט סטראהירט אין דיא קאמפאניעס פון לעבענס-אונ-פייער-פערזיכערונג, אגב האט ער בעקומען 1000 רובל פון ל. פאליאקאוו אונ פון ש. פיינבערג 1000 רובל.

אבער, ליידער, דער אנטיסעמיטישער האס, ניט האבענד שוין קיינע מיטעל וויא צוא אויסברעכען דורך סקאנדאלען וויא פריהער האט זיא זיך געפונען אנ'אנדער גאנג: זיא האט געווירקט, דאס דיא חוקים לפי העת זאלען זיין אויפ'ן שטרענגסטען ארט, לויט וויא דיא בעאמטע אין דיא קאמיסיעס האבען געוואלט, מען האט אויפגעטהון נייע בעזאנדערע געזעטצע, נאכהער איז געקומען צום גירוש פון מאסקוי; אונ רבנו האט מיט איין האנד געהאלטען יעקב אבינו'ס שילד אונ פאנצער, ד. ה. תפלה אונ תשובה, מיט וואס ער האט בעשעפטיגט אלע יודען, אונ מיט דער אנדער האט ער שטענדיג ערוועקט אונזערע פאטריאטען אונ אדעללייט, וועלכע זיינען אין שטאנד צוא טהון פיר יודען, זייא זאלען זעהען אויסצואווירקען, דאס מען זאל ערלייכטערן דיא געזעטצע. ער האט ניט אויפגעהערט צוא טהון דארין, ביז גאט האט זיך ערבארמט אונ האט געשיקט הילפע, מיט זיינע השתדלות דורך איינצעלנע געפיהלפאלע מענער, וועלכע נאך יענער צייט איז דאס געוועזען זייער גרוים. מיר וועלען דא פאר שטעלען א פארבילד. אלס דער גירוש פון דיא דערפער איז זעהר שטרענג ערפילט געווארען, האט דאן רבנו אין דער שנעלסטער איילע ערמונטערט אונזערע אדעללייט, זייא זאלען טהון וואס מען בעדארף, אונ גאט זייא דאנק, עס האט געלונגען פיעל אויף צוא טהאן דארין, דען מיט גאטעס הילף האט סענאט ערקלערט דייטליך, דאס דער גירוש פון דיא דערפער ריהרט מעהר ניט אן דעם יודען, וועלכער האט זיך בעזעטצט אין דארף נאך דעם וויא עס זיינען הערויס דיא געזעטצע פון 3-טען מאי; אבער דיא יודען וואס האבען זיך בעזעטצט פאהער אין דיא דערפער,

מאגען דארט בלייבען וואהנען, אונגעשטערט. דאדורך זיינען פיעלע יודישע געזינדען געריעטעט געווארען פון א ביטערן גלות אונ דורך זיינע השתדלות איז פערמישט געווארען אין מדת הדין אויך מיטלייד, אונ מדת הרחמים וואר צוגעזעטצט אין פיעלע שטרענגע געזעטצע צום מדת הדין אויף להבא.

דיא ביישפיעלען פון זאלכע גרויסע טהאטען זיינען זעהר פיעל, זא דאס ס'איז אונמעגליך אלע ביזאמען אויסצושרייבען, מיר וועלען דאהער נור נאך איינעם פון זייא פארשטעלען, וואס עס איז זעהר וויכטיג געוועזען פיר צעהנדליגע טויזענד יודישע געזינדען, נעמליך: דיא יודישע איינוואהנער אין דיא שטעדט וואס ליעגען 50 ווערסט וייט פון גרענעץ, האבען דורך דעם ראטה פון רבנו געלייגט פיעל מיה אום צוא ווירקען ביא דער רעגיערונג, דאס זיא זאל זייא ניט הערויס טרייבען פון דארט אום זייא זאלען זיך אנדערשוואו בעזעטצען, אונ אדאנק השי"ת, עס האט געגליקט זייער אונטערנעהמונג, אונ דער גרוש פון דיא יעניגע ערטער וואר אין יאהר תרנ"ה (1895) אבגעהאלטען.

עס איז וואהרליך בעוואוסט דעם רמב"ם'ס וואהלשפרוך: „מימי לא נצחני אלא בעל מלאכה אחת", ד. ה. אין מיין לעבען האט מיר ניעמאנד בעזיעגט אויסער דעם, וואס איז א ספעציאליסט נור אין איין זאכע. רבנו אבער איז געוועזען אין אלע היילגע ארבייט העכסט ספעציאליסט וויא דער ספעציאליסט נור אין איין זאכע, דען וויא ער איז געוועזען א בעל מלאכה אחת, ד. ה. העכסט ספעציאליסט, אין תשובות אויף שאלות אין תורה, זא אויך איז ער געוועזען א בעל מלאכה אחת, צוא אונטערווייזען אין אלע מעשים, וועלכע א יוד ברויכט צוא טהון אין לעבען, הן וואס עס בעלאנגט אין תלמוד, הן אין וועלטליכע אינטערעסען, אין יעדער הינזיכט האט ער פערשטאנען זיין זאך צוא ראטהען וויא צוא טהון, הן אין חיי שעה הן אין חיי עולם אונ האט אלזא געוואוסט וויא צוא צוציהען יעדערן אום צוא פאלגען זיין ראטה, וויא אויך דעם גאנצען כלל ישראל האט ער אן זיך געשלאסען אונ געפיהרט נאך זיין געדאנק אונ גייסט, וועלכע וואהרען גוט צום כלל יודען, ער האט אויך געמאכט אנ'אויסנאהם ביא דיא קריסטען דורך זיינע געפיהלפאלע זיטען אונ גוטהערציגקייט, אונ אבוואהל ער וואר אונבעקאנט מיט זייער שפראך, דענאך האבען זייא פערעהרט זיין נאמען אונ איהם געשעטצט אויפ'ן העכסטען ארט, זא דאס עס איז אין איהם ערפילט געווארען דער פסוק "וראו כל, וגו' כי שם ד' נקרא עליך, וגו'".

דער קאוונער גובערנאטאר העררי בארנאוו, אין דיא יאהרען

האט

1880-1 האט איהם זעהר געליעבט אונ געאכטעט. ער האט איהם איינגע מאל עמפפאנגען ביא זיך צוא הויזע מיט דער גרעסטער העפליכקייט אונ עהרע — ער האט אליין בכבודו ובעצמו געשטעלט פיר איהם א שטול.

א מאל האט דער גובערנאטאר איהם א וויזיט געמאכט נאר אונגעריכטער הייט, אהנע פאראויס אנצומעלדען איהם. ער האט זיך שמייכלענדיג פערענטוואָרטעט, דאס ער איז בכיון אזויא געקומען, אום ביצוא וואהנען זיין פיהרונג אונ בעגעהען זיך אים הויזליכען לעבען, אויף זיין לעהרע, אהנע דאס ער זאל זיך דארפען אנשטרענגען אין דיא פארבערייטונגען זיינעט וועגען. דיא גאנצע צייט וואס דיעזער עדלער מאנן וואר אין קאוונא גובערנאטאר אויך נאכהער אלס ער האט בעקומען א העכערע אמט, האט ער אלץ געצייגט צוא רבנו דיא גרעסטע עהרע אונ האכאכטונג, ער האט אויך בעשטעטיגט דעם „קול קורא" וואס רבנו האט הערויס געשיקט לטובת העניים געגען דיא בערייסערס (מפקיעי שערים).

אויך דער נאכקאמענדער גובערנאטאר, גענעראל מעלניצקי האט איהם זעהר געעהרט אונ געליעבט, זא דאס פאר זיין אבריייזען פון קאוונא האט ער איהם בעעהרט מיט זיין בילד אלס אנדענקונג אונ צוא גלייך האט איהם רבנו אויך געשאנקען זיין בילד.

דער גענעראל רייכערט, דער הויפט פון דער שטאדטיגער דומע, האט שטענדיג געזוכט צוא ערפילען דעם וואונש פון רבנו, אונ זעהר אפט פלעגט ער מיט איהם גאנץ פריינדליך פערברייגגען, אלס ער האט זיך פארבערייטעט אבצורייזען פון שטאדט איז ער מיט עהרענס אונ ליעבעס געפיהל הערויף געקומען צוא רבנו מיט איהם זיך צוא פעראבשיידען אונ זיין זעגען צוא בעקומען, דאס גלייכען פלעגט איהם דער דיוויזיאנער גענעראל עמפפאנגען מיט עהרע אלע יאהר ווען ער פלעגט קומען נעהמען פון איהם דיא ערלויבניס וועגען מאכלי כשר פיר דיא יודישע זעלנער.

בעזאנדערס איז רבנו געוועזן „א בעל מלאכה אחת" אין פרא-יעקטען וויא צוא בעגליקען יודען אונ צוא פערטהיידיגען דעם תלמוד, צום ביישפיעל: אין יאהר תרמ"ד (1834) האבען איינגע יודישע וויכטיגע מענער, נכבדים, בעקומען א צוטריט צום גראף פאהלען וואס איז געוועזן אין דער שפיטצע פון דער קאמיסיע וועגען דיא יודישע פראגע. אונטערהאלטענדיג זיך מיט איהם האט ער אויסגע-דריקט זיין מיינונג, דאס דער תלמוד איז א פערדערבליכער קוואל צוא דיא יודישע זיטען אונ מאראל געגען אנדערע נאציאנען, דיעזע מיינונגען האבען דיא נכבדים גלייך איבער געגעבען צוא רבנו

וועלכער האט גלייך געפאסט דעם געדאנק, דאס עס איז נעטהיג צוא פערפאסען א ווערק וועגען תלמודישע אינטערעססען אונ געזינונגען אין א לעבהאפטע שפראכע, אונ דיעזע ווערק זאל אנקומען צום גראף פאהלען, אום איהם דאדורך איינצופליסען א ריכטיגען בעגריף וועגען דיא וויכטיגקייט אונ נוטצליכקייט פון תלמוד. געזעדט אונ געטהון! גלייך האט ער עס פארגעלעגט זיין ידיד נאמן דעם גאון ר' שמשון רפאל הירש זצ"ל פון פראנקפורט אם מאין, וועלכער האט עס גלייך מיט דיא גרעסטע פרייד אנגענומען צוא מאכען. ער האט אום דיעזעס ציעל געמאכט אונ געשריעבען דעם ווערק אין דייטשע שפראכע אונטער דעם נאמען „איבער דיא בעציעהונג דעם תלמודם צום יודענטהום אונ צוא דער סאציאלען שטעלונג זיינער בעקענער" פאן שמשון רפאל הירש. אין דער פאררעדע פון דער פער־פאסונג זאגט ער, דאס דיעזעס האט ער פערפאסט לויט וואונש פון איינעם פון זיינע בעסטע פריינד, וועלכער וויל ניט ענטדעקען זיין נאמען. גראדע אין יענער צייט האבען זיך פערזאמעלט דיא יודישע געלעהרטע אונ ראבינער פון דייטשלאנד אין בערלין, אום זיך צוא בעראטהען וואס צוא טהון געגען דיא ווילדע אנטיסעמיטיזמוס אין דייטשלאנד. זייא האבען אלע מסכים געווען, דאס ס'איז נעטהיג צוא פערפאסען א ווערק וועלכע זאל פערטהיידיגען דעם תלמוד געגען זיינע פיינדע, אונ הערויס ווייזען זיינע וויכטיגקייט אונ רעד־ליכקייט. זייא האבען אויך פעסט איינשטימיג בעשלאסען, דאס, אום איינע זאלכע ווערק הערויסצובריינגען איז נעטהיג ביז 100,000 מארק אומקאסטען צוא לעגען דארויף. נור קוים האט ערשיינט דעם ראבינער הירש'ס ווערק אויף דער וועלט, האבען דיעזעניגע פער־זאמעלטע דעפוטירטע איהם גלייך אנגענומען פיר דעם וויכטיגסטען לויט זייער בעשלוס. באלד איז הערויס דער הערויסגעבער פון צייטונג „דיא יודישע פרעסע" מיט א וויכטיגען ארטיקעל אין וועלכען ער האט געריהמט דיא נייע פערפאסונג, ער האט דארט אויסגעדריקט פאלגענדעס: דער געעהרטער פערפאסער שרייבט, דאס ער האט עס פערפאסט אום דעם ווילען פון איינעם פון זיינע בעסטע פריינד, וועלכער וויל ניט פערעפענטליכט ווערען, אלזא בעהערען מיר זיך איהם צוא דאנקען, צוא ליעבען אונ צוא זעגנען מיט דאס בעסטע, בעפאר מיר האבען נאך געלעגענהייט איהם צוא קענען אונ צוא וויסען זיין נאמען. — זייא האבען אלזא געבענשט אונזער גאון רבנו, אהנע צוא וויסען, דאס ער איז דער זעלבער וואס וויל בעילום שמו, געוואהנליך האט דער ראבינער הירש געשיקט דיעזע פער־פאסונג מיט א בריעף פון דיא דייטשע אדעל, גראף

פאהלענס א פערוואנדטער (קרוב), עקסטרא צוא דעם נעמליכען גראף.

אונ אזויא אויך איז געוועזען רבנו א ספעציאליסט וויא אין איין זאכע, א בעל מלאכה אחת, אין זריזות, צום ביישפיעל, ר״ח אדר תרמ״ד בין איך געפאהרען מיט רבנו אויף זיין ענקעלס האכצייט. ער האט איהר בייא זיך אויפגעהאדעוועט אונ ערצויגען, פונקט וויא זיינע א טאכטער, ער האט איהר פערהייראטהעט מיט א געוויסען טהייערן אונ בעריהמטען אין תורה אונ בילדונג, ר׳ אליהו טאבאלאווסקי. דיא האכצייט איז געוועזען אין דארף „בויד“, סובאלקער גוב. געוואהנליך זיינען געוועזען געלאדען אויף דער חתונה פיעלע רבנים אום אנטהייל צוא נעהמען אין זיין שמחה. זייא זיינען שוין אלע פאסט געוועזען צוא בערייט צוא דער חופה צוא געהען, פלוצלונג האט רבנו בעקומען א וויכטיגען בריף, וואס עס האנדעלט זיך אום זיינע השתדלות פיר פיל יודען. דיעזער בריף איז אייגענטליך אנגעקומען אין קאוונא נאך זיין אברייזען נאך בויד אונ פון דארט האט מען איהם דירעקט צוא געשיקט אהין נאכהער. אלס ער האט געענדיגט לעזען דיא בריעף, האט ער צוא מיר געזאגט: „ר׳ יעקב, טובת הרבים איז בייא מיר זעהר טהייער, דער אינטערעס איז זעהר נאהאלנע, מען דארף עס שנעל אין ארדנונג ברינגען. אלזא לאמיר הערייןגעהען אירגענד וואו אין א ליידיגען צימער, אונ מיר וועלען פערפערטיגען דיא אלע נעטהיגע בריעף, וועלכע שליעסען זיך מיט דיא השתדלות לטובת הרבים — פיעלייכט וועל איך נאך זוכה זיין צוא זעהען דעם ענין אין א בעסערע לאגע אונ דאס וועט זיין א זכות פיר דיא יונגע פאר, אונ דאן וועט זיין מיין שמחה דאפעלט; אלזא לאמיר עס מאכען שנעלער, דען דער ארט איז דאך א דארף אונ ניט אלע טאג האבען מיר דא דיא פאסט — אונ ווען מיר פערזאמען היינט — וויים גאט ווען מיינע השתדלות וועט ערהייכען דעם ציעל“ מיר האבען דאהער גלייך בעענדעט דיא בריעפע, איינגעארדענט עס אונ אוועק געשיקט נאך פאר דער חופה, וועהרענד בייא אלעמען איז עס געוועזען זאנדערבאר. נאכהער איז געוועזען פאלענדעט דיא האכצייט. אין 6 וואכען הערום איז געקומען א נאכריכט, דאס דיא השתדלות האט אבגעגאלטען, פון דאן אן, בייא יעדען מאל עראינערענדיג זיך אן יענער טהאט, פלעגט ער צוא מיר זאגען מיט זיין זיסען ניגון: „ר׳ יעקב, מיין ענקעל׳ס חתונה האט בעגליקט, ב״ה!“

א צווייג פון דער אלגעמיינער יודישער פראגע איז געוועזען דיא „שאלת השחיטה“, וועלכע וואר פערבונדען מיט א גרויסען טהייל תלמיד אונ יודענטהום. דיעזע פראגע האט זיך ערוואכט אין דער לעצטער עפאכע מיט גרויס ליארעם אונ גערויש. צום גליק האבען

מיר דאן געהאט א בעריהמטען פערטהיידיגער, דעם אכטונגספאלען מאן, ד"ר. יצחק דעמבא זאל לאנג לעבען. ער האט זיך דורך דעם טהאט ערוואָרבען אנ'עוויגען רוהמפאלען נאמען צווישען יודישען און אלע נאציאנען, און האט זיין בערוף גלענצענד געמאכט אין דער יודישער היסטאריע, דען פיעלע, דערונטער, דיא אנטיסעמיטען, האבען זיך בעקלאגט, דאס דיא שחיטה איז א טיראנישע בעהאנדלונג געגען דיא בעלי חיים, און וויעדערשטעהט (מתנגדת) דיא געזעטצע פון צער בעלי חיים. דאהער, אום צוא איבערצייגען דער וועלט אין דעם געגענזאטץ (הפך) פון דיעזע בעשולדיגונג, האט רבנו געפונען פיר נעטהיג צוא ערוועקען דעם דאקטאר דעמבא דאס ער זאל אפפערן צייט און מיה, אום צוא בעווייזען, דורך זיינע פראבען און פערזוכונג אין דיעזען אינטערעס, דאס דיא גאנצע בעשולדיגונג איז אהן א גרונד. עס האט איהם צום גליק אויך געלונגען צוא בעווייזען דער גאנצער וועלט געלעהרטע אין אויסלאנד אויך אין רוסלאנד, דאס דיא יודישע שחיטה פערמינדערט נאך דיא שמערצען פון דיא טהיערע, און, לויט מעדיצינישע ערקלערונגען, איז דיא פלייש פון דיא געשלאכטעטע פיעל געזינטער צום געניס און שפייז אלס פון אויף אנ'אנדער ארט ערשלאגענע טהיערע. עס איז זעלבסט פערשטענדליך, דאס אלע רייזע קאסטען און אנדערע אויסגאבען וואס האט דאצוא געפאדערט, האט רבנו בעזארגט, אויך דיא אסיפה וואס וואר אין קאוונא חודש אייר שנת תרנ"ג (1893) איז געוועזן דורך איהם. דאקטאר דעמבא וואר פון איהם העכסט געליעבט און געאכטעט ביז זיין ענדע לעבען, דאס ווייס דיא גאנצע וועלט, בעזאנדערס אונזערע שטאדט-לייט, אלזא וועל איך דאס פערקירצען, אב אפילו עס פאדערט צוא רעדען דארין זעהר פיעל.

אין דיא ווירקליכקייט איז טאקי שוועער פארצוגעבען א געוויסען בעגריף פון זיינע גרויסע, אונבעגרענצטע רוהמפאלע טהאטען וואס ער האט אויפגעטהון אין דער נייער און לעצטער עפאכע פון זיין לעבען, פון שנת תרמ"א (1881) ביז דעם לעצטען טאג פון זיין טוגענדהאפטען לעבען. אין דיעזער עפאכע האט ער אויסגעטהון אזעלכע טהאטען, וואס איז ניט געהערט געווארען פון קיין וואהלטהעטער, שטיפטער און שטיטצער, אין יעדער צייט, אין דיעזער עפאכע האבען איהם אלע יודען אין דער גאנצער וועלט בעטראכטעט אלס איין איינציגען פאטער און רב, און צוא איהם איז יעדער בליק געווען געווענדעט. דיא יודישע פראגע האט זיך דאן זעהר פערדרעהט און פערווירט; פיר דעם פערשטאנד פון דיא קליגסטע, איז אונמעגליך געוועזן ראטה און מיטלען צוא געפינען געגען דיעזער

פראגע. — אין זעהר פערדרענגטע צייטען, אין וועלכע דיא ליידען אונ אנגסטען, פיין אונ שמערצען פערמעהרען זיך פון יעדער מינוט, אונ דיא גרעסטע קלעגליכסטע אונגליקען שטרעמען פון אלע זייטען אונ עקען, אונ זעהענדיג, דאס עס געהמט גאר קיין ענדע אונ ניעמאנד וויל אויפ'ן פלאטץ הערויסטרעטען, אום מיט זייא צוזאמען צוא טהון פיר דעם כלל — דאן פערליערען דיא גרעסטע גייסט־העלדען זייער מוטה אונ געהען הערונטער פון פלאטץ, אבער דאגעגען רבנו וואר גאר אנדערס. וואס מעהר דיא צרות אונ ענג־שאפטען האבען אונזער נאציאן פערדרענגט, אונ וואס מעהר דיא טויזענדער אונגליקליכע פלעגען בעאונרוהיגען מיט זייער יאמער אונ געוויין זיין וייכען אונ עדלען גייסט — האט ער נאך מעהר מוטה אונ דרייסט בעקומען, אום צוא ווירקען פיר דיזע עלענדע אונ פערלאסענע לייטע. ער האט קיינמאל ניט פראבירט זיך צוא איבער־לעגען, אב ער קאן זיך גאר אונטערנעהמען מיט זאלכע אינטערעסען וועלכע זיינען זעהר גרויס אונ שווער צוא בעהויפטען, אין אזא שלעכטע אונ פינסטערע צייט. פערקעהרט, ער האט אויף קיין זאך ניט געקוקט; ער האט שטענדיג, טאג אונ נאכט, געטהון, געשריעבען אונ געבעטען, — אונ גאט זייא דאנק, עס האט געלונגען אויך.

מיט פיעלע געבעטע אונ יאמערנדע טהרערען האט ער געבעטען בייא אלע אונזערע רייכע אונ וואהלטהעטיגע ברידער פיר דיא מאסקווער מגורשים, אונ אונזערע רייכע ברידער האבען שנעל ערפילט זיין וואונש, געגרינדעט פערזאמלונגען, געזעטצט קאמיסיעס אין פערשיעדענע שטעדט אום צוא העלפען אונ שטיטצען אונזערע אונגליקליכע ברידער. נדבות אונ אונטערשטיטצונגען זיינען געפלויגען פון איבעראל — אלע האבען געשיקט זייערע נדבות צוא דיא קאמיסיעס. יודען אונ אויך עדלע כריסטען האבען געשיקט שטיטצע ביז דאס דיא קאמיסיעס האט געגליקט טויזענדע פאמיליען איבער־טראנספארטירען נאך אמעריקא אונ ענגלאנד, וואו יעדער האט פערלאנגט. יא, אונזערע אויסלענדישע ברידער האבען אפולע געטהון אונ האבען געצייגט אן־אונגלויביגע וואהלטהאט דאמיט, וואס דיא גאנצע וועלט האט עס בעוואונדערט, זייא האבען זיך אן־עוויגען אנדענקונג פערשריעבען דאמיט אין דער יודישער היסטאריע, אונ בעוויזען צייגע, דאס יודען זיינען רחמנים בני רחמנים, אבער ווער קאן פארשטעלען דיא אונבעשרייבליכע טהאטען פון אונזער צדיק, דער גרינדער פון דיא אלע צדקות אונ וואהלטהאטען! ווער איז אין שטאנד אויס צוא ערצעהלען אונ אויס צוא שרייבען זיינע ליידען פון פיעל טויזענדער אונגליקליכע, נאהענטע אונ ווייטע, וועלכע

האבען זיך אויף איהם געווארפען? — מרי נפש, פינסטערע געזיכטער פון הונדערטער מיילען זיינען צוא איהם געקומען אום זייערע פולע אנגעגאסענע הערצער אויס צוא גיעסען פאר איהם. יא, ער האט געהאט פיעל צוא ליידען אונ העריבער צוא טראגען, אויך פיעל צוא טהון, דעם צוא מאכען מליצה-בריעף, אום איהם צוא העלפען אין זיינע נאטהען, דעם צוא געבען א ראטה, וויא העריין צוא טרעטען אין דער וועלט; דא פלעגען זיין געפאקט ארמע וואנדערער עלענדע רייזענדער, פעראונגליקטע, אבגעברענטע, געפאלענע, פערשטויסענע, פעריאגטע, פערבלאנדזשעטע — קורץ, מיט איינעם ווארט, דיא וואהנונג איז אימער געוועזען פאקענד פאל. דער ליארעם, דער גערויש, דער געפילדער אונ געפלודער, דער יאמער אונ געוויין פון דיא טויזענדע אונגליקליכע האט פערטויבט דיא אהרען — אונ רבנו האט אלעס מיט א שטורמישער הערץ אויסגעהערט אונ אלעמען מיט א ביטערע צערשלאגענע אונ וויינענדע הערץ געאנטווארטעט, געטרייסט, געראטהען אונ געהאלפען. אין דער זעלבער מאמענט פלעגט ער שטענדיג זיין בעשעפטיגט מיט בריעף-וועכסעל מיט דיא גרעסטע מענער אויך אום טובת הכלל. יא ער האט אלעמען געזוכט צוא פריעדען צוא שטעלען — דיא ארמע מיט ברכות, תפלות, מיט טרייסט אונ מיט אונטערשטיצונג אין געלד פון אייגענער קאסע, דען זיין הערץ וואר זעהר גוט אונ האט ניט געקאנט קיינעם ענטזאגען, וויא דיא „גבאי צדקה", וועלכע זיינען אביסעל הארט אויך געגען דיא ארמע. דאס גלייכען האט ער ערפילט דעם וואונש פון דיא רייכע אין זייער ארט.

יא, גראס זיינען זיינע טהאטען אונ אונצעהליג זיינען זיינע טוגענדהאפטע הילפע אין דיעזער עפאכע! נאך אונזער בעגריף זיינען מיר ניט אין שטאנד אלעס אויס צוא שרייבען — נור דאס וועלען מיר זאגען דעם קורא יקר (דיעזעס וויים גאנץ קאוונא), דאס אויפטהוענדיג דיעזע אלע גוטעס, וועהרענד ער וואר שוין גוט אלט, שוואך הערציג, קורץ אטהמענד, מידע אויגען, מאטע קרעפטען — האט ער נאך אויך פלייסיג געארבייטעט אין דיא שטאדטישע אינטערעסען, אונ אהן איהם וואר קיינעס געטהון. ער האט אכטונג געגעבען אין אלע עניי הצבור, בעאבאכטעט אויף תלמוד תורה אונ אנדערע וויכטיגע אונ נוטציגע אינטערעסען. — 3—2 מאנאטען אין יאהר האט ער זיך פעראינטערעסירט וועגען דעם אויפרוף צוא מיליטער-דיענסט אין איהרע פפליכטע, דאס עס זאל געהען מיט ארדנונג, דאס דיא בעלי זכיות זאלען בלייבען צוא הויז, וויא דיא רעגיערונג פאדערט, אונ דיעניגע וועלכע מוסען דיענען צוא בעשענקען מיט געלד אויף זייער געבראויך אונ בעדירפניסע, אויך מאכלי כשר פיר יודישע

וועלנער איז איהם אימער אין געדאנק געלעגען און צוואר דאס וואר א זאך וואס האט גאר קיין אויסזיכט אויף געלד געהאט, דאך האט ער שטענדיג געזוכט מיטלען וויא צוא פיהרען דיא זאכע און איהר צוא שיטצען וויא וויט מעגליך. צוא גלייך האט ער אויך זיך פיעל בעמיהט אום דיא אונטערהאלטונג פון דיא יונגע לייט וואס זיטצען על התורה — אין זייא איז געלעגען זיין גאנצער גייסט און זיינע ערהאבענע געפיהלע און האט שטענדיג וועגען זייא געטהון. ער האט אלע מאל געזוכט צוא מאכען שלום אין פערשיעדענע שטעדט צווישען דיא קריעגענדע און צאנקענדע פארטייען און איינצושטעלען דיא שענדליכע מחלוקת, און אבוואהל ער איז דאך געווען שטענדיג בעשעפטיגט, דענאך האט ער אויך געשריעבען פיעל בריעפע לטובת יחידים, ער האט אויך פיעלע אונערווארטעטע הילפע געצייגט, זא דאס פיעלע וויסען נאך הייטע ניט ווער ס'האט זייא געהאלפען, און וויא ריכטיג און שארפזיניג זיינען דיא ווערטער פון זיין זאהן הגאון דפה וואס ער האט אויסגעדריקט אין זיין הספד אויף רבנו זיין פאטער זצ"ל אין דעם תלמודישען מאמר (סנהדרין דף ק"א ע"א): „כשחלה ר' אליעזר נכנסו ד' זקנים לבקרו, וכו'. נענה ר' יהושע ואמר: טוב אתה לישראל מגלגל חמה — שגלגל חמה בעולם הזה ור' — בעוה"ז ובעוה"ב“. ד. ה. אלס ר' אליעזר איז קראנק געווארען זיינען העריין צוא איהם מבקר חולה זיין 4 אלטע חכמים. האט זיך ר' יהושע אבגערופען דוא, ר', ביזט פיר יודען בעסער אלס דיא זאננע, דען דיא זאננע איז דאך נור בעוה"ז, און דוא — בעוה"ז ובעוה"ב. דען דיא זאננע בעלייכטעט דיא וועלט, זיא ווירקט אויף דיא פריכטע און שטארקט דעם מענשען זא וויא דער פסוק זאגט: שמש צדקה ומרפא בכנפיה — מיט דער וואלטהעטיגער זאנע איז אהיילונג; — בייא נאכט אבער גיבט קיינע זאנע. ניט זא אבער זיינען דיא צדיקים — זייערע צדקות בייא טאג איז גאר אין געהיים דאס קיינער זאל דאפון ניט וויסען, נור אויף יענער אונשטערבליכער וועלט, וועלכע איז פיר אונז פערבארגען, פינסטער וויא דיא נאכט — דארט לייכטען און גלענצען זייערע מעשים טובים. וויא אויך רבנו וואס ער האט געלויכטען וויא דיא זאנע אין מיטען העלען טאג דורך זיינע וואונדערליכע טהאטען, האט ער נאך געוואוסט וויא צוא ערלייכטען אנדערע פערפינסטערטע הערצער אהנע דאס יענע זאללען וויסען פון וואנען עס איז זייא געקומען דאס ליכט — ער האט אלזא ערלויכטען אין עוה"ז און עוה"ב, און בייא אלעם דעם האט ער אויך ניעמאלס פערפעהלט צו לערנען זיין שטענדיגען שיעור תורה, אבוואהל ער וואר, וויא געזאגט, זעהר פערדרענגט. ער האט אויך געפונען צייט פיר בקור חולים, נחום

אבלים וכדומה. בעזאנדערס האט ער נאך געפונען פיר נעטהיג צוא שרייבען שאלות ותשובות וואס איז אנבעלאנגט אין איסור והיתר — אונ ווער רעדט שוין פון תקנות עגונות אונ שאלות הריאה אונ נאך, אונ נאך, אויך זיטצענדיג אין דער שפיטצע פון פערשיעדענע פער־זאמלונגען פון דיא וויכטיגסטע מענשען — וויא ער פלעגט נור שפירען דאס מען האט צוא איהם נעטהיג מיט א שאלה, פלעגט ער דיא פערזאמלונג אויף א קליינעם מאמענט פערלאסען אום צוא אנטווארטען אויף דער שאלה, וועלכע ער פלעגט בעטראכטען אונ בעזעהען מיט דיא גרעסטע פארזיכטיגקייט אונ עס וואר ניט צוא בעמערקען, דאס אין קאפף ליעגען איהם אנדערע געדאנקען אויסער דער שאלה — פון דיעזע אלע זאכען האט ער זיך קיינמאל ניט ענטהאלטען, מיט איינעם ווארט, אין דער גאנצער פערווירונגס פאלער עפאכע, וועלכער וואר פול מיט טומעל, רויש, בעשטירצונג, אונ פערניכטונג האט ער זיך אליין בעשעפטיגט מיט אלע יודישע אינטערעסען, אונטער וועלכע עס ווארען זעהר שווערע אונ וויכטיגע, וואס עס האט גע־פאָדערט פיעלע מיהע פון צעהנדליגע מענשען אונ ער האט אלעס אליין אויסגעפיהרט, זא דאס מיר קאנען אויף איהם אויסדריקען דעם געדאנק שקול היה כנגד כל ישראל ד. ה. ער האט אין זיך געהאט דעם געוויכט פון אלע יודען, ווארום ער איז געוועזען דער גאנצער לעבענס-גייסט אונ מיטעל-פונקט אין דעם יודישען נאציאן אונ דער ריכטיגער צענטראל אין דעם יודענטהום, יא, זיין גייסטיגער לעבען וואר איבערנאטירליך: אין אזא שוואכען אירדישען מאטעריאלישען קערפער — א הימלישען לעבען האט דיעזער גרויסער הייליגער מאנן געלעבט נאך זיינענדיג דא מיט אונז אויף ערדען!

כב.

נחל יצחק.

(א קליינע פאררעדע)

אזוי וויע דיא וועניגע ערצאהלונגען וואס מיר האבען דא פאר־געבראכט איז דאך נור אלס בייששפיעל געבראכט, אלס בילד פון זיינע רייצענדע אונ אדעל געזאנגענע גייסטליכע קראפטען אונ זיטטען — אזוי אויך דיע בריעפע וואס איך וועל דא פארברינגען פאר דעם לעזער איז דאס נור צום פארבילד אויף זיינע גרויסע אונ געפיהל־

(תולדת הרי"א)

פאלע

פאללע טהאטען, וועלכע מען בּרויכט פיר זייא א צווייטען וויכטיגערען טהייל, נור פיר מבינים וועט גענוג זיין דיא וועניגע בּריעפע, אום צו בּעקומען אבּעגריף. פון זיינע זאנדערבּארע כחות הנפש (גייסטעגס קראפטען) פון דיא בּריעפע וועלען זייא הערויסזעהען א ריכטיגען לעבּענדיגען טהאטיגען מיטליידס-פאטריאטישען בּילד — א בּילד פון א צארטליכען פאטער וועלכער זוכט זיינע קינדערס גליק.

ב"ה יום ג' כ"ח אלול ה' תרמ"ב, קאוונא.

אן דיא העררען פאטריאטען אונ אדעלליטע אין פעטערסבּורג

אונזערע תּלמודיסטען האבּען געזאגט לא מצא הקבּ"ה כּלי מחזיק בּרכה לישראל אלא השלום ד. ה. פיר יודען האט דער אלערהייליגסטער ניט געפונען קיין כּלי וואס זאל ענטהאלטען בּרכה אונ זעגען, מעהר ניט וויא שלום אונ פרידען, דאס גלייכען האט דוד המלך ע"ה געאורטהיילט דאמיט וואס ער האט געזאגט בּקש שלום ורדפהו — זוך דעם שלום אונ פאלגע איהם נאך. אויך איך, פון מיין זעלבּסטשטאנדיגער מינוט אן, האבּ איך אנגעפאנגען זיך אנצושליעסען אן דעם שלום אונ דיעזע אייגענשאפט (אהבת השלום) צווינגט מיך אן איהנען פארצוטרעטען.

דער קלאנג געהט איבּעראל אונ דא אין אונזער געגענד, דאס דער פעראיין „חברת מפיצי השכלה" אונ נאך אזעלכע בּעגייסטערטע מאנער אין פעטערסבּורג פערפאססען יעצט א פראגראמע צור גרינדונג פון איינעם סעמינאריום (ראבּינער שולען) אונ דיא זעלבּע פראגראמע רעכנען זייא פארצובּריינגען פאר דער רעגיערונג אום איהר צו בּעשטאטיגען. דיא ערצינערונג פון דיא ראבּינער שולען, וועלכע האבּען שאן לאנג אייגעבּראכען אין דער געבּיידע דער אמונה אדנע צו פעריכטען, האט שרעקליך ערבּיטטערט אונ ערעגט דיא הערצער פון כּלל ישראל אהן אשיעור אונ אהן אבּרעג.

אונ וויל איצטיגע צייטען האבּען זיך פיעל געאנדערט פון אמאליגע דען אויך רעליגיאז-געזיטטעטע אונ פרום געזאנענע מענשען האלטען פון בּילדונג, פערשטעהען דיא וועלט אונ דיא לאנד-שפראכע, זייא פערשטעהען שאן אויך פיעלע אנדערע שפראכען, אונ דיא אלגעמיינע השכּלה האט זיך בּייא אונז פאלקאם ענטוויקעלט, לויט דיא השתּדלות פון דער רעגיערונג הרוממה, אלזא, דער וואס זוכט דעם פריעדען אונ רוהיגקייט פון זיין פאלק האט וואס צו בּעפירכטען, דאס עס זאל חלילה ניט הערויס קומען דיא גרעסטע אונרוהע אונ וויעדער שטאנד (התנגדות), צארן אונ אויפרעגונג וואהרענד דער שלום איז פיר אונז יעצט גאנץ נאטהיג, אונ נאך מעהר דיא אחדות האומה אונ

איהר עקסיסטענץ (קיומה). מיר דארפען יעצט לעבען פריעדליך, רוהיג בייזאמען. זיך ניט קריעגען אונ פיהרען מחלוקת אום דאדורך צו בע-אונרוהיגען דיא רעגיערונג אונ פעראנדערן דאדורך איהרע מיינונגען וועגען יודען לרעה. אונ וויל איך ווייס גוט דיא מעלות אונד ערהאבענע מדות פון אונזערע פאטריאטען אונ אדעל-לייט אין פעטערסבורג וויא אויך זייער גוטעס אונ מיטפיהלענדעס הערץ צו זייער פערפאלגטען נאציאן אונ גלויבען, אונ דאס זייא זוכען אימער יודישען גליק, אלזא געפין איך פיר נאטהיג אויסצודריקען איהנען דיא דאנקבארע געפיהלע פון דעם גאנ-צען נאציאן אן זייא, אונ ערלויבע זיך אויך אנצובעטען זיא, פון דיעזען געדאנק אבצושטעהען, אום עס זאל דאדורך חלילה ניט הערויס קיינע סקאנדאלען אונ מחלוקת. איך האפע, דאס מיינע רייד וועלען ווירקען אויף זייער גוטהערציגקייט אונ געוויסען, אונ דאדורך וועט מיין ציעל „אחדות הלאום" געשטארקט ווערען אויף עוויג. דען דער נאציאנאלישער גייסט, וועלכער בעלעבט דיא גאנצע אומה הישראלית איז דאך נור דיא תורה הקדושה, מיט וועלכער עס זיינען נאך בעשאפטיגט טויזענדער פלייסיגע תלמודיסטען אין אונזערע שולען אונ בתי-מדרשים. אונזער נאציאן האט נאך גאנץ איגערליבע געפיהלע, וועלכע דרינגען דורך אין דיא וויכטיגקייט פון דיא גדולי התורה, אונ אין אלע רעליגיאזע פראגען אין עניני הדת שטעקט נור דיא מעלות אונ ערהאבענהייט פון דער הייליגער תורה. אונ נור דער יעניגער תלמודיסט בעקומט דעם פארצוג (יתרון) אונ רוהם פון זיינע מיטברידער — דער, וועלכער בעזיצט מעהר פלייס אונ קענטניסע אין תורה, ער מאג זיין ווער ער איז, זאגאר פון גיעדריגסטען שטאמם אונ ארט, דעננאך איז ער זעהר געשאטצט פון אלעם, אונ אלע גיבען איהם זייער צוטרוי, אין שאלת הדת. — דא-געגען איז זעהר שווער צו בעהויפטען דיא לעהרע אונ בילדונג אין דיא ראבינער שולען, וועלכע האבען ניעמאלס ערדייכט זייער ציעל, סאיי אין רוסלאנד אונ סאיי אין אויסלאנד — פערקעהרט, זייא האבען נור פער-אורזאכט אונאייניגקייט אונ אנגעמאכט צערשטארונג אין דעם נאציאן אונ רעליגיאן, וועהרענד דער יוד האט אלע מאל געפונען זיינע רבנים אונ וואהרע הייליגע פיהרער אין דיא גדולי התורה אונ ערהאבענע תלמודיסטען. דאס גלייכען האט אויך דיא רעגיערונג עס בעמערקט, אונ זיך איבערצייגט דאפאן, — אלזא, איז אונמאגליך צו ערווערבען זיך רעליגיאזע, פרום-געזאנענע — לויט וויא אונזער רעליגיאן אונ אמונה פאדערט — ראבינער, פון דיא ראבינער שולען. דאהער פרעג איך — צו דיעזער געדאנק קאן אויסגעפיהרט ווערען, געגען דעם ווילען פון דעם גאנצען נאציאן? דיעזער געדאנק, אום איהם אויס צופיהרען מוס קאסטען זעהר פיעל מיהע, סיידען מען זאל דעם יודען זעהר פיעל

צופריקען אונ צוא קוועטשען, דאס ער זאל איינוויליגען דארין, וואהרענד ער איז שאן זא וויע זא געדריקט אונ ניעדערגעשלאגען נאך פון דיא ערשטע ראבינער שולען, וועלכע האבען צו גאר ניטשט געפיהרט.

אונ וואס אנדערע מיינען, דאס איינינע תלמודישע ראבינער וועלען זיך אונטערנעמען צו בעאבאכטען אונ אכטונג צו געבען אויף דיעזע ראבינער שולען, איז דאס אויך ניט וואהר, דען ווער וועט עס טהון געגען דעם ווילען פון דעם נאציאן? אונ בפרט דאס פון אזעלכע שולען קאנען ניט הערויס קיינע וואהרע רעליגיאזע ראבינער, וועלכע זאלען פערטרעטען אין דברי אמונה ודת, אונ אין דער וואהרהייט האבען שאן פיעלע פון דיא תלמודישע רבנים פיר זיך פערשאפט אביסיל בילדונג, אונ דיא יונגע תלמודיסטען זייגען שאן פאסט פאלקאם אין אלע ידיעות ההשכלה. איך גלויבע, דאס ווען דיא רעגיערונג וואלט געגעבען דיא תלמודיסטען עטוואס פרייהייט, וויא אויך בעשטימען זייא א געוויסען געהאלט, דאס זיי זאלען ניט דארפען זארגען אונ ליידען מאנגעל אונ נאטה, — דאן וואלטען זיך דיא יונגע תלמודיסטען פון זיך זעלבסט ענטוויקעלט אין אלע נאטהיגע למודים, אונ דאן וואלט פון זיי צופרידען געווען דיא רעגיערונג הרוממה, וויא אויך דיא אומה הישראלית. זא האט אויך אנגעמערקט דיא גרויסע יודישע פערזאמלונג אין פעטערסבורג, פאריגעם יאהר.

אט דאס זיינען דיא אויסדריקע אונ געפיהלע פון דעם גאנצען יודישען נאציאן. יא, מיר פערשטעהען גענוג וויא צו שאטצען אייך אונ אייערע עדלע געפיהלע, מיר וויסען אויך, דאס איהר זוכט נור טובת הכלל, אונ מאקע איבער דעם ערלויבען מיר זיך אויס צודריקען דיעזע פאלקס געפיהלע פאר אייך. וייל מיר וויסען, דאס זוכענדיג טובת הכלל וועט איהר אויך דארין געפינען דיא זעלבע טובת הכלל, אונ וועט אויפהארען צו טראכטען וועגען אזא טובה, וועלכע דער כלל ישראל וועט עס מוזען אבשטויסען מיט פעראכטונג. אום דאס עס זאל חלילה ניט הערויס קיינע אונגליקליכע אומשטאנדע אונ צערשטארונג פון אחדות האומה, וועלכע איז אויך דיא גאנצע שטיצע אונ עקסיסטענץ פון דעם נאציאן. אלזא, בויענדיג אויף אייער יושר אונ געוויסען, ערלויבע איך מיר, פארצולעגען דיא מיינונגען פון דעם גאנצען נאציאן, געגרינדעט אויף אהבת התורה. איך האפפע, דאס איהר וועט נאכגעבען אונזער וואונש אונ דאדורך וועט איהר פערשטארקען דיא אחדות הלאום והאמונה, אונ גאטט וועט אייך זעגנען מיט אלל דאס גוטעס אונ ערפילען אלע אייערע ווינשונגען אונ פערלאנגען מיט א פאללער האנד, מיט אריכות ימים ושנים, נאך דעם

וואנש פון מיר אונ פון דעם גאנצען נאציאן, וועלכע בעטען השי"ת פיר אייער וואהלשטאנד אונ תקומת הלאום. אונטערצייכנע אבמונגספאלל אים נאמען דער גאנצען נאציאן,

יצחק אלחנן ספעקטאר קאוונא.

ב"ה יום ג' כ"ג אדר ב' התרמ"ט קאוונא.

הערין ע. ל. שלום וברכה, אמן!

אלס אין דיעזע טעג האט דיא רעגיערונג אנגעפאנגען צוא אונטערהאנדלען אין דער שאלת הרבנות, אונ וויל איך וויס, דאס זייא וועלען זיין העכסט צופריעדען צוא ארבייטען לטובת הכלל, ד. ה. לטובת הרבנות אונ וועהרענד זיא זינד בעאויפטראגט פון דער רעגיערונג, איהרען מיינונג אויסצוזעטצען, געפין איך אלזא פיר נעטהיג יעצט צוא זיא פאלגענדעס אנצושרייבען אונ דאס ענטהאלט אלע נעטהיגע אינטערעסען אום דער שאלת הרבנות. איך האפע, דאס דיעזעס וועט איהנען אויפמערקזאם מאכען וועגען דיא געדאנקען אונ געפיהלע פון דער גאנצען נאציאן, אונ גאט זאל געבען, דאס איהר אונטערנעהמונג זאל אויסגעפיהרט ווערען נאכ'ן וואונש.

אזויא וויא דער יעניגער וועלכער ליידעט פון א לאנגדויערינגע קראנקהייט וועלכע ער בעטראכט שוין אלס איין צווייטע נאטור, אונ דאריבער זיינען זיינע וויגשע אונ פערלאנגען נור א קלייניגקייט, ד. ה. ער ווינשט נור, דאס דיא שמערצען זאלען ניט זיין שרעקליך אונ אונערטרעגליך; ער פערלאנגט קיינע גרויסע זאכען ניט, ער בעדויערט זיך ניט געגען דער גאנצער וועלט, וועלכע געניסען דיא פריכטע פון דער רייצענדער נאטור אונ פערשאפען זיך דיא בעסטע תענוגים אונ אנגענעהמסטען לעבען - גיין, עס געניגט איהם, דאס ער האט כח צוא ערטראגען דיעזע קראנקהייט, אונ דיא צייטען וואס וואס ער ליידעט ניט קיינע גרויסע שמערצען זיינען פיר איהם דיא פרעהליכסטע אין לעבען. ווען אבער עס קומט איהם פאר צום ביישפיעל, דאס זיין בעל הבית ווארפט איהם מיט זיין בעטיל הערויס אין דרויסען, דאן ערוואכען זיך אין איהם אלע זיינע שמערצען אונד וואונדען אונ עס שיינט איהם פונקט וויא אלע זיינע שמערצען זיינען מיט אמאל, אקארסט ערשט געווארען. אין אזא גרויסער אונ שרעקליכער לאגע פינדעט זיך יעצט דיא שאלת הרבנות, דיא עלענדע, פערלאסענע תורה יאמערט וויא א טויב, איהרע שמערצען

זיינען אונערמעסליך — זיא האלט ביין קריזים און קיינער האט אויף איהר קיין מיטלייד.

עס איז שוין ביינאהע 40 יאהר וויא דער בערוף און פיהרונג פון דיא תלמודישע רבנים איז איבערגעגעבען געווארען צוא א נייעם סיסטעם, רבנים וועלכע זיינען בעשטעטיגט פון דער רעגיערונג און מען רופט זייא „רבני העדה“, וועהרענד דיאווירקליכע תלמודישע רבנים, וועלכע ארבייטען איבער דיא קרעפטען אין תורת האמונה והדת, ווערדען גאר ניט געאכטעט און ווערדען בעטראכט וויא קאנטרבאנד אדער וויא געפסולטע מטבעות, אהנע דאס זייא זאלען האבען דאס רעכט זיך צוא פיהרען לויט יודישען רעליגיאן און געזעטצע; זא דאס זייא קאנען אפילו ניט פריי מסדר זיין גטין און קדושין; און דאס גלייכען איז אונערלויבט פיר דיא תלמודישע רבנים צוא בעשטימען געהאלט אויף זייער לעבענס מיטעל, און דער אונגליק פון דער תורה איז אזויא גרויס, דאס אין פיעלע ארטער ווערען דיזע תלמודישע רבנים בעטראכט נור אלס געהילפע (עוזרים) פון דיא רבנים מטעם הממשלה, און אין אנדערע שטעדט האבען זייא נור דעם טיטול — אויפזעהער אויף בשר כשר, — דאס איז אונגעהערט געווארען אזא קלאג! לאמיר נור בעטראכטען פאלגענדע: עס איז שוין ביינאהע צוויי טויזענד יאהר וויא אונזער פאלק ליידעט צרות און ליידען, דיא מעער-וועלען (גלי-ים) זיינען איבער אונז העריבער, אין טיעפסטען אבגרונד זיינען מיר געווען געשליידערט — און דענאך האט דער יוד א קיום; און אז מען וועט פרעגען, ווארום ליידען מיר אזויא? ווער ערוועקט עס דיא אלגעמיינע יודישע פראגע? און פיר וועמען און פיר וואס שטעלען מיר זיך זא אין געפאהר? דארויף איז דער אנטווארט קורץ און שארף — פאר דער תורה! ד. ה. פאר דעם תלמוד, משנה און פוסק. עס איז זעלבסט פערשטענדליך, דאס דיא, וואס טרעטען העראויס פון יודענטהום, און וועלכע האלטען ניט פון תורה שבעל פה, זיינען פרייא פון שעבוד גליות, לויט וויא דיא חז"ל זאגען: „כי ע"פ הדברים האלה כרתי אתך ברית“, ד. ה. דורך קללות פון דער תוכחה האב איך מיט דיר א בונד געשלאסען, מיינט מען דאס, זאגט דיא גמרא, דיא תורה שבעל פה — דעם תלמוד. מיר זעהען צוא גלייך פראקטיש, דאס דיא וואס האלטען ניט פון תורה שבעל פה, וויא דיא קאראימעס (קראים) האבען אלע רעכטע, ווייל זייא זיינען ניט אין כלל פון דעם בונד-שליסונג וואס צווישען השי"ת מיט יודען, אלזא זעהען מיר דאך מיט אונזערע אויגען, דאס דיא גאנצע אורזאכע פון אונזערע צרות איז נור דיא תורה, און איבער איהר טראגען מיר העריבער דיא גרעסטע

שמערצען און ליידען, פון אלע פיינדע און בעליידיגער. בעטראכטעט נור! — ווען יעמאנד בעזיטצט א קאסטבארע און ליעבפאלע זאך, וועלכע איז איהם טהייערער פון זיין לעבען און ליידעט איבער איהר דיא ערגסטע יסורים און פיין — קאן עס מעגליך זיין, דאס דער זעלבער זאל ניט וויסען וויא איהר צוא היטען, און וועט איהר אוועק ווארפען אין מיטען גאס, וויא אן׳אוננוטציגע זאכע?! ליידער אבער איז זא געשעהען מיט אונזער נאציאן! אונזער נאציאן יודען ליידען נור אום דער תורה, און דיא תלמודישע רבנים, וועלכע ליידען מעהר פון אלעמען זיינען ווירקליך בטיט חוצות און עס איז ניט דא ווער עס זאל פערטהיידיגען איהר, אבוואהל זיא איז דער גאנצער עקסיסטענץ (קיום) פון יודען און גלויבען, זיא האלט דאך אויף דעם יודען, זיא פערשטארקט דאך דיא אמונה, און דענאך איז ניטא ווער עס זאל זיך אונטערנעהמען דיזע זאך צוא פיהרען צוא גוטען און צוא געבען דיא רעגיערונג א ריכטיגען בעגריף פון איהר אינהאלט און בעשטאנד. — ווען מיר וואלטען געהערט פון זאלכע פערקעהרטע טהאטען אין דיא פאריגע דורות, וואלטען מיר דאך בשום אופן ניט געגלויבט — און יעצט זעהען מיר דאס מיט דיא אויגען, און דער גאנצער נאציאן פיהלט ניט איהר קלאג און וועהטאג, דורך דער שטענדיגער געוואהנהייט, צוא ליידען, זאגאר דיא וואס קאנען העלפין אדער מהין זיינען אויך שוואך דארין און אהן מוטה.

מיר זעהען וויא דיא פארזעהונג (השגחה) שטראפט אונז מדה כנגד מדה. דיא תורה האט געזאגט: „ועתה אם שמוע תשמע .... וכו׳, והייתם לי סגלה .... וכו׳ ואתם תהיו לי ממלכת כהנים, וגו׳“, ד. ה. אב איהר וועט נור וועלען געהארכען ... וועט איהר זיין בייא מיר זעהר טהייער .... און איהר ווירד זיין אהייליגע גייסטליכע פירשטענטהום, אונד זא וויטער. — דיא ווערטער זיינען מקוים געווארען; מיר זיינען דאך געוועזען דיא ערשטע רעליגיאנס-לעהרער פיר דער גאנצער וועלט. דער הייליגער אנגענעהמער תהלים איז אנגענומען געווארען בייא דער גאנצער וועלט און ווערט געזונגען פון הונדערטער מיליאנען מענשען — און בייא אלעם דעם ווערט דער יוד פערהאסט פון דער גאנצער וועלט און מען זוכט איהם צוא פערפאלגען און צוא פערניכטען — פיר וואס איז דאס? — וייל מיר יודען האבען געזינדיגט געגען דער תורה, מיר האבען פערבראכען געגען דיא רבנים, וועלכע טראגען אונאויפהערליך דיא פאהן פון דער אמונה — דיזע אכטבארע לייטע האבען מיר ערניעדריגט אויף דעם ניעדריגסטען ארט, וויא דער פסוק זאגט (ישעיה׳ מ״ג): „ד׳ חפץ למען

צדקו

(תולדת הרי״א)

צדקו יגדיל תורה ויאדיר — והוא עם בזוז ושסוי .... מי נתן למשיסה יעקב, וגו׳? — הלא ד׳ זו חטאנו לו ולא שמעו בתורתו", ד. ה. גאט האט געוואלט אום זיינער גערעכטיגקייט פערגרעסערן אונ פערשטארקען דיא תורה — ער אבער איז איין פערפאלגטעס פאלק .... אונ ווער האט פעראונגליקט יעקב׳ן? — נור גאט! ווייל מיר האבען געזינדיגט צוא איהם אונ ניט געהארכט דער תורה. — אויך יעצט זינדיגען מיר דאמיט וואס מיר פערלאזען דיא תורה אונ זוכען ניט צוא איבערצייגען דיא רעגיערונג, וויא נעטהיג דיא אמונה איז פיר אונז, וועהרענד זיא גיט דעם יתרון (פארצוג) דיא שטאאטס רבנים, פונקט וויא דער יוד וואלט גאר קיין ציעל אונ קיין וויכטיגקייט אין דער תורה אונ רעליגיאן האבען, אדער פונקט וויא דער פיהרונג פון דיא געבורטס- אונד טאדטען-רעגיסטער (מעטריקעס) איז דער גאנצער פונדאמענט פון אונזער גלויבען, אונ ווייטער האבען מיר קיין גוסט אונ געשמאק אין רעליגיאן, אונ דאהער האט דיא רעגיערונג יר"ה פאר צוויי יאהרען הערוים געגעבען א געזעטץ, דאס יעדערער וואס עס האט נור געענדיגט זיין סטודיום אין גימנאזיום מאג זיין א ראבינער — דארויף געפינט זיך קיינער ווער עס זאל דיא רעגירונג אנמערקען אום דעם. יא, דיא רעגיערונג האט דארין קיין שולד, נור מיר זעלבסט זיינען שולדיג דארין, ווייל קיינער פון אונז בעמיהעט זיך ניט געבען דיא רעגיערונג צוא בעגרייפען פון דיא נעטהיגע רעליגיאזע פראגען פיר יודען.

דער יודישער נאציאן איז שטענדיג פערבונדען מיט דער הייליגער תורה אויף יעדער שר״ט אונ טריט; יעדער טהאט אונ מעשה, יעדער געדאנק אונ יעדער אידעע אין אונזער גאנצען לעבענס-ארט זיינען אימער אין פעראיין מיט דער תורת משה רבנו ע״ה. אין יעדער האנדלונג אונ בעגעהען זיך, אין עסען אונ טרינקען, אין האנדעל אונ וואנדעל, אין פאמיליען לעבען אונ עהעשטאנד (אישות) זיינען פערהאנדען אונצאהליגע דינים אונ מצות — דענאך בעטראכט זייא דיא רעגיערונג פיר קליין ווירדיג, וועהרענד אין דיא שטאאטס ראבינער פינדעט זיא איהרע וואהרע רבנים! האט מען דאס דען געקאנט גלויבען, ווען מיר וואלטען עס פראקטיש מיט דיא אויגען ניט געזעהען?!

מיר זיינען גענוג איבערצייגט, דאס דיא תורה קאן ניט רעכט פאלקאם געלערנט ווערדען אין דיא ראבינער שולען. (מיר זעהען יעצט, דאס אין דיא אויסלענדישע ראבינער-שולען לערנט מען תורה נור אום אונטער צו שטיטצען דיא שוואכע יודענטהום, וועלכע האלט זיך נאך דארט קוים, אבער זייא זיינען ניט אים שטאנדע אויפצו- העבען דיא תורה זעלבסט) דער תלמודישער למוד פאדערט דורכאוס

פרייען

פרייען גאנג אונ בעקוועמע ענטוויקלונג, אהנע מעסיגונג אונ בעגרענצונג דורך פערשיעדענע ארדנונג אונ געזעצע, דאהער דיא שילער אין דיא אויסלענדישע שולען, בעזיטצענדיג פיר זיך בעשטימטע רעכטע אונ בערך ווענינ צייט אויף דיא לעהרע דעם תלמוד׳ס, בלייבען נור קענער, געבילדעטע לייטע אונ ניט קיין תלמודיסטען, וואס זאלען האבען א בעגריף אין דיא הליכות אמונה ודת. דאגעגען אבער דיא תלמודישע רבנים, זייא בלייבען בייא דיא ריינע אונ וואהרע יודישקייט, זייא האלטען אויף דעם רעליגיאן אונ דיא תורה אהן וועלכע דער גאנצער קיום הלאום הייננט אב.

אונ וואס פארדערט יעצט דער יודישער נאציאן אין דער צייט וואס דיא יודענטהום געהט חלילה צום גרונד, ר״ל? — דיא היילינע תורה וויינט אונ בעט רחמים: האט מיטלייד, קרעפטיגט דיא מוטה-לאזיגע, שטארקט דיא אונגליקליכע רבנות, וועהרענד זיא איז דאך אונשולדיג, ריין פון זינד, זיא האט דאך ניט פערבראכען געגען דער היילינער תורה אונ איהרע געבאטען, אלזא, ערפרייט דיא תורה אונ ערקוויקט איהר מיט אייער הילפע, פערשטארקט דיא וואהרע רבנות אונ בעלעבט איהר גייסט!

אונזערע גדולי ישראל זיינען פערפליכטעט צוא איבערצייגען די רעגיערונג, דאס גייסטליכע (דוחאוונע) רבנים, זיינען פיר אונז אם וויכטיגסטען אין דיא אינטערעסען פון איסור והיתר, כשר אונ טריפה, אויך אין דיא ענינים פון שבת אונ יו״ט, חמץ בפסח, לולב, סוכה, איסור נדה, גיטין אונ קדושין, חליצה אונ שאלות עגונות, וויא אויך דיא דינים פון תפלות אונ תלמוד תורה, רעגעלן אונ כבוד הורים, אונ האנדעל, אונ אבלות אונ פאסטען, וועלכע זיינען זעהר פיעל, אונ מיט וועלכע מען מוז אנקומען נור צוא תלמודישע רבנים, זא דאס אהן תלמודישע רבנים קאן דער רעליגיאן אונ נאציאן קיין עקסיסטענץ (קיום) ניט האבען. מען דארף דיא רעגיערונג ערקלערן, דאס זאלכע רעליגיאנס-לעהרער אונ אמונה פערטרעטער פינדען זיך בייא יודען פון עוויג אן, וועהרענד זיא ווערדען בעטראכט פיר דיא זיילען אונ שטיטצען פון דער רעליגיאנס-געביידע (בנין האמונה), אויף וועלכע קיין רעגירונג האט געהאט שלעכטעס אויסצוזעטצען, וויל זייא זיינען בראף אונ ארדענטליך אין זייערע האנדלונגען, געטריי דער רעגיערונג וויא אויך דעם פאטערלאנד; זייא פערפלאנצען אויך ריינע זיטען, מאראליזירען דעם יודישען נאציאן אויף דעם העכסטען ארט — אונ דאס אלעס ווערט דורך זייא פינקטליך ערפילט מיט דער גרעסטער זארגפאלט אונ מיהע, וויל דיא היילינע תורה האט אזויא געבאטען; דאהער פערלאנגט דער יודישער נאציאן פון

דער רעגיערונג יר"ה, דאס זיא זאל בעשטעטיגען דיא גייסטליכע תלמודישע רבנים אין זייערע רעכטע אום זייא זאלען ניט בעדארפען זיין רבנים אין געהיים אונ פערבארגענערהייט.

אין דער ערשטער פערזאמלונג אים זאמער שנת תרמ"א (1881) וואס ווער אין ס"ט פעטערסבורג אין הויזע פון באראן גינצבורג, האט מען געזעצט אבעזונדערן קאמיסיאן אום דיא רבנות. אין דער קאמיסיע בין איך אויך געזעסען, אונ עס וואר דאן בעשלאסען פון אלעם איינשטימיג, דאס דיא תלמודישע רבנים זאלען דורך השתדלות אויך ווערען בעשטעטיגט פון דער רעגיערונג מיט דיעזען אונטערשייד נור, דאס דיא שטאאטס ראבינער זאלען ווערדען בעטראכט אלס פער־טרעטער אונ פערטהיידיגער דער יודישער געמיינדען אין דיא הינזיכטען, וועלכע האט פערבינדונג מיט דיא שטאאט־זאכען, וועהרענד דיא תלמודישע רבנים, ניט האבענדיג קיינע פערבינדונג מיט שטאאטס אנגעלעגענהייטען זאלען דיענען אלס רעליגיאנס־לעהרער אונ פערטרעטער פון דעם גלויבען, וואס האבען דיא נאציאן צוא אונטערריכטען אין מאראל, אונ פרומקייט אונ יושר, אונ שלום המלכות והמדינה, זא וויא דיא תורה הקדושה פארדערט. אלזא וואס פערלאנגען מיר יעצט? דאך נור דיעזעס, דאס אונזערע גדולי ישראל זאלען זיך משתדל זיין פאר דער רעגיערונג, דאס מען זאל בעשטעטיגען דיא געטהיגע תלמודישע רבנות, גראדע יעצט ווען עס האלט ביים קריזיס פון דער גאנצער יודישער פראגע.

אבוואהל מיר וויסען פראקטיש, דאס איינע פון דיא ערגסטע זאכען איז פיר דעם מענשען, צו הארען מוסר פון דעם צווייטען, דען דאדורך איז ער זיך מבטל אונ גיט דעם פארצוג (יתרון) דעם צווייטען — דאס וויל קיינער ניט, זאגאר דער נידעריגסטער מענש; דענגאך אבער איז דאס ניט אין דיא אינטערעססען וואס זיינען אבהאנגיג פון דער תורה הקדושה, דען דער רב וואס מוסרט דעם יעניגען, זאגט ער דאך ניט זיין געדאנק, זאנדערן דעם מיינונג פון דער תורה, דאן מאג אויך דער גרעסטער אונ וויכטיגסטער מענש אויסהארכען זאלכע מוסר, דען דאס רעדט דאך נור דיא תורה, אויף גאטעס בעפעהל, דורך דעם רב'ס מונד אונ א זעלכער וועט ניט דענקען אונ טהון נאך אייגענעם דעת, נור וויא השי"ת האט געבאטען; דאגעגען אבער דיא געלעהרטע אונ געבילדעטע, וועלכע דענקען נור לויט אייגענע געזינונגען — אזעלכער וועט קיין מאל ניט זיין אין שטאנד צוא בעווייזען לייטען נאך זיינע מיינונגען וואס ער האט אויסגעקלערט פון אייגענעם שכל.

מיט מיינע דיעזע ווארטען האב איך אויפמערקזאם געמאכט

למעלתו אויף דיא לאנגישע געפיהלע פון דעם גאנצען יודישען נאציאן, וועלכע ווארטען אויף הילפע פון אונזערע אדעל לייטע, אבוואהל איך ווייס, דאס זייא זיינען זעהר בעלאסטיגט מיט פערשיעדענע טירדות, דענאך האפע איך אונ דער גאנצער נאציאן צוא ערהאלטען דורך אייך א טובה כפולה, דאס זייא וועלען גוט בעאבאכטען אויף דיעזע ווארטען אונ דאס זייא ווערדען זעהען מכון זיין דיא געלעגענהייט, צוא צייגען דיעזען נעטהיגען שריפט אונזערע וואהלטהעטיגע אונ עדלע ברידער. השי"ת זאל געבען, דאס מיינע דיעזע ווארטען זאלען זיין לרצון אונ זאלען אין דער ווארהייט ווירקען אויף דיא הערצער פון אונזערע גוטע ברידער. אונ דיעזעס וויא אויך דער זכות פון דער היילינער תורה זאל זייא ביישטעהען אויף עוויג זייא צוא געבען דער פאר אורך ימים בימינה אונ עושר וכבוד בשמאלה, וויא עס ווינשט איהם זיין גוטער גליקווינשענדער פריינד

יצחק אלחנן החופ"ק.

איבערזעטצונג פון „הצפירה" שנת תרמ"ה (1885) № 30.

בע"ה עש"ק י"ט כסליו התרמ"א, קאוונא.

כבוד השר וגדול ליהודים הנודע למשגב עד אפסי ארץ,
נזר ישראל והדרו, כרוב הסוכך בצדקת פזרונו ובחסדיו
הנאמנים על קרובים ורחוקים בישראל ובעמים
לארד נתנאל ראטהשילד, שליט"א!

געעהרטער לארד! אים נאמען פון הונדערטע טויזענדער בראפע רוססלאנדישע יודען בעעהרע איך מיך איהנען צוא גראטולירען אונ פארצולייגען מיין זעגען אונ פרייד אום דעם גרויסארטיגען אונד אכט-בארען טיטול „לארד" מיט וועלכען איהר קעניגין יר"ה האט זייא בעקראנט אלס עוויגען נאמען אונ בערוף פאר איהר גאנצע פאמיליע, וואהרענד דיעזעס בעשיינט אונ בעגלאנצט דעם גאנצען יודישען נאציאן. דיא פאמיליע ראטהשילד איז דיא ערשטע אין דער לעצטער עפאכע, דורך וועלכער יודישער גייסט האט זיך ענטוויקעלט אונ ערהאבען זיך אויף א הויכע שטופע אונ ערייכט צוטריטע אין קעניגליכע הייזער (בחצרות מלכים).

איהר האכגעאכטעטער פאטער, דער אויסנאהם פון פיעלע, וועלכער רוהט יעצט אין גן-עדן, האט שטענדיג געדענקט אן יודען אונ אימער אין אכט געהאלטען פאטערליכע רעליגיאן, ער וואר דער ערשטער יודע אין פארלאמענט, וויא אויך דער פארשטעהער פאר יודען צוא זובען זייער גליק. דיעזעס איז א בעוויז געגען דער וועלט

דאס יודען זיינען בראפע לייטע אונ געטרייע שטאטס אונטערטהענער אין אלע לענדער.

זיא וועלבסט, דער גרויסער לארד, זיינד בעריהמט דורך זייערע צדקות, ערהאבען דורך פיעלע, פיעלע וואהלטהעטען אונ טוגענדהאפטען. פון איהר הויכען זיטץ בעאבאכטען זיא אויף דיא אימער געדריקטע גלויבענס ברידער, אום זייא צוא העלפען, דאהער האט זיא השי"ת הבוחר בעמו ישראל אויסערוועהלט צוא זיין אין דער שפיטצע, דער ערשטער אום אבצושאפען דיא לעצטע שיידע וואנד, וועלכע האט פערנאנדער געשיידעט אין דיא פרייהייטס-פערהעלטניסע צווישען דיא יודען אונ כריסטען, אלזא קאנען זיך יודען מיט רעכט פרייען, דאס אין איהרע צייטען, פאר איהרע אויגען וועלען אנדערע פעלקער ווייסען אונ זוכען צוא צערשטארען דיא שיידע-וואנד, וועלכע שיידעט צווישען יודען מיט פיעל פעלקער — ונסו יגון ואנחה!

עמפפאנגט דאמיט אונזער זעגען פון טיעפסטען הערצען, גאט זאל זיא ערלענגערין דיא יאהרען אונ פערגרעסערן איהר נאמען, אום דאס זיא זאלען קענען זיין א שיטצער אונ א שטיטצער פאר איהר פאלק איהר גאנצען לעבענסצייט, איהר פאמיליען גליק אונ רוהם זאל בליהען אימער אונ עוויג. איהרע טהאטען זאלען זיין א פאר-בילד פאר איהרע קינדער אונ קינדס קינדער, זייא זאלין זוכה זיין צוא זעהען אין דער הילפע פון אונזער ליידענדען פאלק. — אונטערצייכנע אכטונגספאלל

יצחק אלחנן בהרב ישראל איסר ז"ל ספעקטאר, חופק הנ"ל.

אנטווארט.

לאנדאן ב"ה דיענסטאג ב' מנחם אב התרמ"ה.

שלום וברכת נצח כבוד הרב המאור הגדול הגאון רשכבה"ג, הדרת יקרתו כבוד מוהרר יצחק אלחנן ספעקטאר נ"י!

איהר ליעבפאלען בריעף, מיט אונגרענצבארען, געפיהלפאלען זעגען, מיט וועלכען זיא האבען מיך בעעהרט אים נאמען פון אונזערע ברידער אין רוסלאנד, האבע איך פינקטליך ערהאלטען. יא, זיא האבען מיר איהר ברכה געשיקט אונ איך זעגנע אויך איהנען. וויא ציעמליך זיס אונ וויא אנגענעהם פיר מיך זיינד איהרע ווארטען, ערפרייענדיג מיר דיא גרויסע גייסטפאלע אונ גיטיגע טהאטען פון מיין זעליגען פאטער ז"ל אונ דאס גלייכען דיא רייצענדע מילדע טהאטען פון מיין זעליגער מוטער ז"ל, וועלכע האט מיך ארדענטליך ערצויגען אונ זיך טרייהערציג בעקימערט אום מיינע צוקונפט אין

יודענטהום. זייער געדאנק אונ געפיהלע וואר נור דארין, צוא איבערצייגען דער וועלט דיא געשעטצטהייט אונ וויכטיגקייט פון אונזער גערריקטען פאלק. געבענשט אונ געלויבט איז השי"ת וואס האט מיר אויסערוועהלט צוא בעענדיגען דיא זאכע, וועלכע מיינע זעליגע עלטערן האבען אנגעפאנגען צוא טהון, השי"ת אונ דער גאנצער יודישער נאציאן מעגען זיין אלס צייגע (עדות), דאס דיא עהרענ-מעדאיל (אות הכבוד) מיט וועלכער מיינע קעניגין יר"ה האט מיך בעעהרט, איז ניט, אום מיר וויא אויך מיינע גאנצע פאמיליע שטאלציג צוא מאכען, דען איך האב דאך עס ניט ערווארבען דורך קראפט אונ טהאט, זאנדערן דורך השי"ת וואר עס געשעהן אלס הילף-צייכען פאר מיינע ברידער מיינע גלויבענס גענאסע איבעראל, אום דאס אלע זאלען הערען אונ וויסען, דאס השי"ת איז נאך מיט אונז אין בונד אונ דאס יודען זיינען געטרייא זייער אמונה מיט לייב אונ לעבען, אונ אויך ערגעבען זייער רעגירונג אונ פאטערלאנד. — השי"ת זאל דאהער אימער אונז ערלייכטען דיא וועג אונ בענשען אויף עוויג; ער זאל בעפרייען זיינע געפאנגענע, אונ צעברעכען דעם שווערען אונ לאסטפאלען יאך (עול השעבוד), אויך זיא זעלבסט זאלען זיין געזעגנעט אויף אימער. ממני מוקירו ומכבדו כערכו הרם.

נתנאל ראטהשילד.

בשם ד' יום ג' ט"ז אייר התרמ"ז, קאוונא (רוססלאנד)

כבוד השר הגדול ליהודים, וכבודו בישראל ובעמים במפעליו הגדולים
וצדקת פזרונו המכריזים עליו עד קצוי ארץ הבאראן פאן הירש,
לפני שמש ינון שמו, אמן!

ערהאלטענדיג דיא נאכריכט פון איהר גרויסען אונגליק, וואס עס האט זיא געטראפען, דאס איהר איינציגער, זיטענפאלער אונ האכווירדיגער זאהן איז געשטארבען, איז צערבראכען געווארען אונזער הערץ, וויא אויך דיא הערצער פון דיא אלע וואס וויסען פון איהר געאכטעטען נאמען אין אונזער רוססלאנד. א, וועה, דער גרויסער פילאנטראפ, דער געאכטעטסטער מענשען פריינד יאמערט אונ קלאגט אויף זיין איינציגען זאהן!

אים נאמען פון צעהנדליגע טויזענדער יודישע פאמיליען שיקע איך זיא דיעזען טרייסט-בריעף. — אלס דיא צווייא זאהנע אהרן הכהן'ס זיינען פערברענט געווארען, האט זיין ברודער משה צוא איהם געזאגט: „ראשיכם אל תפרעו, וכו', ואחיכם כל בית ישראל יבכו את השריפה", ד. ה. איהר בדויכט ניט טרויערן. נור אייערע ברידער, אלע יודען, מוזען קלאגען אויף דעם בראנד. דא האט אהרן גע-

שוויגען. דאס גלייכען דער גרויסער אכטונגספאלער מאנן, אין וועמעס טרויער אונ אונגליק עס גענומען אנ'אנטהייל דער גאנצער כלל יודען, — דער זעלבער דארף שאן מעהר ניט ווייגען, זעהענדיג, דאס זיין טרויער אונ יאמער איז אנ'אלגעמיינער געווארען — גאנץ יודישער נאציאן בעווייגען עס, דאמיט וועט ער זיך טראסטען אויף זיין בראך, דען דיא הונדערט טויזענדע יודען, וועלכע זייא האבען געהאלפען אונ געשטיטצט פערגיעסען טייכען טהרערען אויף איהר אונגליק, אלזא מאגען זיא זיין געטראסט! אונ אין דער ווירקליכקייט, איז דיא פרוכט פון זיינע גוטע אונ בעריהמטע טהאטען פיעל טהייערער פאר קינדער, דען דיעזע זיינען דאך אויף עוויג אונשטערבליך, דיאזעלבע מעשים טובים וועלין אויף יענער וועלט פערטהיידיגען איהר ליעבפאלען זאהן אונ זייא וועלען איהם בייא שטעהען צוא זעהען אין דער הילף פון זיין פאלק וואס ער האט זעהר געליעבט, וויא אויך וועררען זיא זוכה זיין צוא זעהען בנחמת ציון וירושלים כתפלת מכבדו ומוקירו, וועלכער זוכט איהם צוא טראסטען אים נאמען פון דעם גאנצען נאציאן

יצחק אלחנן ספעקטאר

בע"ה יום ה' ט' שבט התר"ן, קאוונא.

כבוד מכובדי יקירי ה"ה החכם הגדול הנודע לשם ולתהלה
כו' כו'.. שיהי' במוב ובנעימים סלה, אמן!

א גרוס אם פריינדליכסטען, וויא געוואהנליך. — געשטיטצט אויף מיין גרויסע איבערצייגונג פון איהרער גרויסע ליעבע צוא איהר יודישען נאציאן אונ דיא גרויסע עהרע פורכט וואס זייא פיהלען צוא אונזער הייליגער תורה אונ וואהרהאפטע אמונה, ערלויבע איך מיך פאר איהנען פארצוטרעטען. — ווער ווייס נאך וויא זיא, דאס דער גייסט פון יודען איז דיא תורה? אפטמאל האבען מיר געהאט דיא געלעגענהייט צוא הערען איהרע מיינונגען וועגען יודען אין דיעזען ארט, וויסענד, דאס נור פון דיא גרויסע אכטבארע ישיבות איז הערוים דיא לעבהאפטעסטע תורה פיר יודען, צוא גלייך איז איהנען בעוואוסט דיא לאגע פון דער וואלאזינער ישיבה, וועלכע גלענצט שוין ביינאהע 80 יאהר. וועהרענד זיא איז דיא ריכטיגע קוועלע פון תורה, מוסר אונ זיטען פיר יודען ביז היינטיגען טאג, דיעזע ישיבה איז אויך בעשטעטיגט (אוטווערזדעט) פון דער רעגיערונג, וואס איז אויך איבערצייגט פון איהר וויכטיגקייט אונ נוטצבארקייט, עס איז אבער לייד ער קיינע ליכטיגקייט אהנע שאטען (אין אור בלי צללים) דען אין דיעזער הויכער זאכע שטעקען אויך פיעלע שאטען, וועלכע זיינען אים

שטאנדע צוא פערהינקלען דיא ליכטיגקייט, ווען גרויסע גייסטפאלע מענשען זאלען ניט לעגען קיינע מיהע דארין אום צוא ערהאלטען דיא ליכט. ערשטענס פעהלט, דאס דיא שרי המלכות זאלען האבען א בעגריף אין דעם רוח היהדות אינעווייניג, אין דיא דרכי התורה, וויא ווייט עס איז נייטהיג איהרע ענטוויקלונג און פערברייטונג צווישען יודען, דאס זייא זאלען זיין יראי אלהים ומלך, ד. ה. גאט'ס און קעניג'ס פירכטיגע, אונד אבוואהל דיא שרי המלכות זיינען בעקאנט פיר געוויסענפאלע מענער (ישרי לב), דענאך קאנען זייא ניט וויסען דיעזעס וויא מיר, און דעראיבער פארדערן זייא דאס דיא למודי התורה און איהר איינפלאנצונג בייא דיא תלמידים זאלען זיין אויף פעדאגאגישען ארט וויא דיא אלגעמיינע השכלה און בילדונג. אויסער דעם, דורך דיא פאלשע און ניעדריגע מיינונגען פון דיא בוזי התורה און דיא פערפאלגער פון דעם רעליגיאן רודפי האמונה האט זיך אין זייא איינגעפלאנצט א פיינדליכער אורטהייל וועגען דער ישיבה, דאס זיא איז פעהלערהאפט און פערדארבען.

צווייטענס, ווייסען זייא דאך דעם אורטהייל פון אונזערע קדמונים דאס אין דער לעצטער צייט — „חוצפה יסגא", ד. ה. עס וועט זיך שטארקען דיא פרעכהייט, יעצט בעוה"ר זעהען מיר דאס אפען, וויא יונגע עזות-פנים'ער מאכען חוזק פון אלטע לייט, און נור שפאטער הערשען בייא אונז — „נערים ילבינו פני זקנים ותעלולים ימשלו בנו; וועלכע אונגעאכטעטע ניעדריגע יונגען ערלויבען זיך צוא זאגען דעות בכל ענין, און אין פאסקעווילען און געהיימע שריפטען רעדען זייא פרייא אויף דער אכטבארער ישיבה, איהר צוא שענדען פאר דער רעגיערונג, בעזאנדערס פאר דעם העררן קוראטאר (פאפעטשיטעל) פון ווילנא, דורך וועלכע דיא ישיבה הרוממה וואר פערטאדעלט און בערעדט פאר אלעם; און אלס מיר וויסען דאס דער זעלבער קוראטאר איז יעצט אין פעטערסבורג, האבע איך דאהער בעשלאסען איהנען צוא בעטען, דאס זייא זאלען זיין א מליץ יושר א פערטהיידיגער פאר דער תורה און יודענטהום, אח; האט רחמנות אויף דער היילינגער תורה! העלפט דער היילינגער ישיבה וועלכע דער גרויסער מאן רבנו חיים מוואלאזין האט געגרינדעט, און וועלכע האט הערויסגעגעבען גרויסע גאונים בעלי תורה און בעריהמטע רבנים, איך בעטע זיא צוא רעדען מיט דעם שר, איהם דייטליך צוא ערקלערען פון אלעס בעטהיגעס, לויט איהר גרויסע ידיעה אין דיא יודישע געברויכען, אום פון איהם ארויסצושלאגען דיא אונגליכע מיינונגען, וואס דיא כותבי פלסתר און דיא בוזי תורה האבען איינגעפלעסט; זייא דארפען איהם דייטליך ערקלערען פון דער לאגע דער ישיבה, איהר

פיהרונג לויט רעליגיאזעם גייסט, אונ פון איהרע הכנסות, דאס זייא בעשטעהען נור פון פריוואט-נדבות, אונ דאהער מוז זיא זיך פיהרען לויט פערלאנג אונ וואונש פון דעם גאנצען יודישען פאלק, אונ מען קאן ניט אונ מען דארף ניט בעלעסטיגען איהר מיט נייע רעגעלען אונ ארדנונגען פון השכלה, דורך וועלכע זיא קאן פערליערען איהר גאנצען רעליגיאזעם אנזעהען, מיט וועלכען זיא שטאלצירט. זיא דארפען זיך בעמיהען איהם אב צוא נייגען פון דעם טאדעל די שלעכטע געדאנקען פון דיא, וועלכע ארבייטען לתקן על מנת לקלקל אונ דעם עיקר צוא ערניעדריגען פאר דעם טפל, איך ביטע זיא אויך צוא זעהען זיך מיט דעם שר ההשכלה אונ דיא איבריגע שרים, וועלכע האבען א בעציהונג אויף דיא עניני ההשכלה — זייא דאס אלעס גוט צוא ערקלערן לויט חכמתו הגדולה אונ זיין אהבה לעמו ולדתו, מאכען זייא עס אלעס וויא זייא פערשטעהען אבער אלעם צום בעסטען אונ דיא ברכה פון הונדערט טויזענדע נפ..ות ווירד זיא בעגלייטען איבעראל, וועהרענד איהר דיעזע גרויסע טהאט ווירד ניעמאלס פערגעסען ווערדען פון כלל ישראל, דאמיט שליעסע איך מיין שרייבען השי"ת זאל געבען, דאס זייא זאלען זוכה זיין צוא העלפען כל ישראל אלע מאל, אונטערצייכנע אכטונגספאל.

יצחק אלחנן ספעקטאר

ב"ה יום ג' א' אלול התרנ"א, קאוונא

כבוד ידיד ד' וידיד בית ישראל וידו"נ ה"ה הרה"ג המפורסם לתהלה,
חו"נ, פאר ישורון והדרו, כש"ת מוהר"ר **צדוק הכהן** שליט"א,
הראב"ד דק"ק פאריז והמדינה, שלום וברכה נצח!

דיא דאנקבארע געפיהלע פון אונזערע רוססלענדישע יודען בכלל אויף דיא גוטע טהאטען אונ מעשי הצדקה פון באראן הירש, בעליעבען מיך פאר איהנען פארצוטרעטען מיט דיעזע קורצע ווארטען, וועלכע לויטען פאלגענדעס: אויסצודריקען אונזער דאנק אן דעם באראן הירש פיר זיינע גרויסע צדקות זיינען מיר ניט אים שטאנדע, דען אזא גרויסע מעשה הצדקה איז ניעמאלס געהערט געווארען זינד דיא וועלט שטעהט, זא דאס מיר קאנען זיך ניט ערלויבען איהם דאנקבאר צוא זיין, וועהרענד עס גענוגט קיין שום דאנקבארקייט אין דער וועלט, פיר אזעלכע השתדלות פארן כלל ישראל, מיט דיא ערלויבניס פון אונזער רעגירונג יר"ה, נור אום דעם, דאס מיר זאלען ניט אויסזעהען וויא אונדאנקבארע געגען איהם, האב איך געפונען פיר נעטהיג צוא בעטען איהנען, דאס זייא זאלען אין א געלעגענהייטס

ציים ענטדעקען דעם באראן הירש, דאס דער גאנצער יודישער נאציאן וויס וויא צוא אכטען אונ שעטצען זיינע אונבעשרענקטע טהאטען, וועלכע זיינען העכער פון אלע דאנקבארקייטען אין דער וועלט.

צוא גלייך האלט איך דאס אויך פיר נעטהיג איהנען אויפמערק זאם צוא מאכען וועגען דיא היילינקייט פון רעליגיאן סובּיעקט (קדושת עצם הדת), וועגען וואס מיר ליידען זעהר פיעל שוין טויזענדער יאהר, אונ ווען ניט דאס וואלט קיין יודישע פראגע קיין מאל געווען, אלזא זאל דער באראן הירש זעהען צוא זארגען אויך פיר דיא צרכי חיים הרוחנים, ד. ה. פיר אמונה אונ מאראל, בעת ער זארגט פיר דיא חיים חומרים. אינזער רעליגיאן פארדערט כשרות שוחטים, מקואות, מוהלים, רבנים אונד דרשנים — דיעזע וועלען איהם געוויס ניט בעלעסטיגען, וויא אויך ניט שטערען זיינע פלענער, דען זיא מאראליזירען דאך אונ פערשטארקען דעם צובונד פון לייטען צוא גאט, דיעזעס וועט ברייננען נאך מעהר נוטצען, דען דיא וואס ווערדען הערען, דאס עס איז פערהאנדען א האפנונג צוא לעבען א גייסטליכען אונ מאטעריאלישען לעבען צוזאמען, וועלען זייא זיך פעראייניגען צוא גרינדען קאלאניעס מיט אייגענע קראפט, אויעקווארפענדיג דעם האנדעל אונ וואנדעל אונ וועלען בעארבייטען דיא ערד, אונ דאדורך וועלען זייא ערוויטערן דעם טאדעל, דאס יודען לעבען פון ווינד, אזויא וויא שלמה המלך ע"ה האט געזאגט בכל דרכיך דעהו, אונ דוד המלך זאגט: שויתי ה' לנגדי תמיד — אזויא איז א פפליכט אויף דעם באראן מיט זיינע געהילפע, צוא בעגרינדען אין זייערע טהאטען אויך דיא קדושת הדת. אויך איז נעטהיג, דאס אין אלע קאמיסיעס וואס ער וועט גרינדען אום דיא קאלאניזאציאן, זאל אויך געגרינדעט ווערדען גייסטליכע קאמיסיעס פון גדולי התורה אום זיך צוא בעראטהען וועגען גייסטליכע זאכען אונ אמונה, דאן וועט דער וואונש בעגליקט ווערדען דורך איהם פון השי"ת, אונ זיינע אלע טהאטען ווערדען זיין להתפאר, פונקט וויא דער פסוק זאגט: „פזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד*)".

יצחק אלחנן ספעקטאר

ב"ה יום א', ה' שבט ה'תרמ"ט, קאוונא.

כבוד ידיד ב"י וי"נ השר וגדול ליהודים, פאר ישורון, נזר ישראל והדרו, כש"ת, מוהר"ר **נפתלי הערץ, באראן גינצבורג** שיחי',

יצו ה' את הברכה וחו"ש עד העולם.

צום גרעסטען פערגעניגען וואר מיר איהר בריף אין וועלכען זייא האבען מיר מבשר געווען, אלעס פרעזידענט פון דעם

פעראיין

*) אזא בריעף האט מען געשריבען אויך צוא ד"ר אדלער נ"י! אין לאנדאן.
(תולדת הדי"א)

פעראיין „מפיצי השכלה", דאס זיא באטראכטען מיר אויך אלס מיט-גליעד פון דיעזער חברה, אין איהר יובעל-פייערטאג (חג היובל). וויא אנגענעהם איז מיר צו הארען, דאס דיא חברה מפיצי השכלה זוכט זיך צו בעעהרען מיט איא מיטגליעד, וועלכער ליעבט דער תורה אונ זוכט אין איהר זיין גליק אונ גייסט, וועלכע איז ווירקליך אונזער לעבענס-גייסט אונ שאטין, וויא דער פסוק זאגט: כי היא חכמתכם ובינתכם, ד. ה. — זיא, דיא תורה איז אייער חכמה אונ פערשטאנדיגקייט. אלזא דיא השכלה, וועלכע שטימט מיט'ן רעליגיאן, פערדינט ווירקליך צו זיין א פראכט געגען דער גאנצער וועלט. איך בין דאהער זעהר צופריעדען מיט דיעזען פארשלאג צו זיין א מיטגליעד מיט וועלכען זיא האבען פערקראנט זייער שמחה אין דיעזען פייערטאג (חג היובל). השי"ת זאל ערלייכטען זיין געזיכט צו דיעזעם רייצענדעם גייסט, וועלכער איז פערשיינט מיט דיא קדושת התורה אונ זאל זיין אנ'עוויגע ליכט פיר דיא זעליגע נפשות וועלכע רוהען בצל שדי אין ליכטיגען גן-עדן, דיא גרינדער פון דיעזער וויכטיגער אונ ערהאבענער חברה, דאס איז דאך דער גרויסער מאן אונ וואהלטהאטיגער פאטריאט, כבוד אביו השר הנכבד מו"ה יוסף באראן גינצבורג ז"ל אונ זיינע עדלע אונ געשאצטע מיטהעלפער, זאלען האבען א ליכטיגען גן-עדן אונ זאלען געניסען פון גאטליכען גייסט, אויך דיא אלע וואהלטהעטער וואס לעבען נאך מיט אונז היינט זאלען זיין לכבוד ולתפארת לראש הועד אונ צוא זיינע מיטגליעדער, אמן! זעגנע גאט זייער פערלאנג אונ ערלענגערע זיי טעג אונ יאהרען אין פערגעניגען אונ וואהללוסט, זייא זאלען זוכה זיין צו טהון פיר זייער פאלק מיט א ווארהייטעם געפיהל (רגש אמונים). ממני ידידם ומכבדם

יצחק אלחנן.

עזרנו בשם ד' יום ה', טו"ב אלול ה'תרנ"ה, קאוונא.

כבוד השר וגדול ליהודים ובעמים פאר ישראל ותפארת עמו

בחיר נדיבי עם ואציליו, ה' **אלפאנס דע ראטהשילד,**

לפני שמש ינון שמו וכירח ינון לעד!

„צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו, ה' לא יעזבנו בידו" (תהלים ל"ז)

מיט דיא היילִיגסטע געפיהלע ערלויבע איך מיך אויסצודריקען מיין גרויסע פרייד בייזאמען מיט דער איניגסטער שמחה פון הונדערט טויזענדע יודען, וועלכע שיקען איהם זייער ברכה פון טיעפסטען הערצען אום דעם נס וואס איז זייא געשעהן, וואס השי"ת דער אלמאכטיגער האט זיא גערעטעט פון געפעהרליכען טויט דורך שלעכטע גיעדערטרעכטיגע מענשען. מיר זיינען ניט אים שטאנדע

(תולדות הרי"א)

אויסצודריקען

אויסצודריקען אונזער פרייד אונ דיא פרייד פון אלע ארדענטליכע אונ רעדליכע לייט אויף דיעזע רעטונג, דען דורך איהר לעבען קאמט דאך הילפע פיר איהר פאלק אונ דורך איהנען האט השי"ת בעפא-לען זיין זעגען פיר הונדערט טויזענדע אונגליקליכע יודען, דאהער דיא הילפע וואס השי"ת האט זיא געשיקט איז ניט קיינע בעזאנדערע, פריוואט-הילפע, זאנדערן — א הילף אונ א רעטונג פיר דעם גאנצען יודישען נאציאן, וויא אויך א רעטונג פיר דיא מענשהייט. אויף זיא דריקט זיך יעצט אויס דער פסוק אין תהילים: „כי אתה תברך צדיק ד' כצינה רצון תעטרנו„ — זא זאל איהנען השי"ת קרענען מיט אלל דעם גוטעס אונ זייא זאלען זוכה זיין צוא זעהען דיא גליקען פון אונזער פאלק, ביי וועלכע עס זאל בליהען הילפע אונ צדק. דאן וועט זיין פריעדען אין דער וועלט אונ פריעדען פיר אלע יודען.

יצחק אלחנן ספעקטאר

איבערזעטצונג פון „הצפירה" № 77 זעכצעהנטער יאהרגאנג.

קאוונא. לויט פערלאנג פון דעם גאון יצחק אלחנן שליט"א בין איך מודיע, דאס דער גאון הנ"ל האט דיא גרעסטע פערדרוס פון דעם, וואס איינער א אונבעוואוסטער האט זיך ערלויבט אויסצורופען אין „הצפירה" נומר 66 א יובעלאאום-פייער (חג היובל) לכבודו, אהן זיין וויסען אונ געגען זיין ווילען. זאלכע פייערטאגע וואר ניעמאלס געדאכט אונטער תלמודישע רבנים, וועהרענד דאס איז א גרויסע שאנדע פיר איהם זעלבסט, דאס מען מאכט איהם פאר דעם ערשטען רב אונטער אלע רבנים וואס ערלויבט, מען זאל פייערן זיין חג היובל — דאס איז זעהר אונפאסיג אונ ניט ארדענטליך, דאהער איז דער חלול כבודו זעהר גרויס, וועהרענד מען געפינט אין ערגעץ ניט, דאס תלמודישע רבנים זאלען פייערן חגי היובל, אויך מיט זיין פלאן צוא פערמעהרען קונים אויף זיינע חבורים, וועהרענד רבנו האט ניעמאלס קיינע פלענער געזוכט אום צוא פערגרעסערן דעם צאהל פון דיא קונים, האט ער אויך פערשאפט איהם זעהר פיעל ערגערניס אונ קלעמונג —; אלזא בין איך מודיע אים נאמען פון רבנו צוא דיא אלע פערעהרער פון זיין הייליגען נאמען, ווייטע אונ נאהענטע זייא זאלען ניט זוכען איהם צוא בעעהרען מיט א חג זמני לכבודו אדער מיט א מנהג א וועלכען עס איז, וואס דיא חוגגי יובלות האבען איינגעפיהרט, אויך צוא פארדערן זיין חבור בשם החג. דער וואס וועט ניט בעאבאכטען אויף דיעזע ווארנונג (התראה) זאל ער וויסען, דאס ער פערשאפט איהם נור צער אונ טרויער חלילה.

(תולדות הרי"א)

חלילה; ולהשומע יונעם, והיה זה שלום. אונטערצייכנע אכטונגספאלל אים נאמען פון רבנו הגאון אב"ד פון קאוונא.

נאום כתריאל סענדעראוויטץ, שמש של הגאון הנ"ל.

אין יאהר תרמ"ט האט זיך רבנו משתתף געוועזן צוא נאך איינגע רבנים גאוני הדור צום היתר אויף שמיטה פיר דיא יודישע קאלאניסטען אין דיא קאלאניעס בארצנו הקדושה תבבי"א ע"י מכירה לישמאלים וכו', וויא עס איז גידרוקט אין צייטונג „המליץ" תרמ"ט 1889 אונ אין „הצפירה" נומער 107 ת־מ"ט.

ב"ה יום ד', ב' סיון התרנ"ד, קאוונא.

אין העררן .... וכו' וכו'.

ליעבענדיג שלום אונ אחדות ערלויבע איך מיך נאך אמאל פאר זיא פארצוטרעטען אום זיך צוא בעראטהען אין זא אנ׳ענין אין וועלכען איך האב קיינמאל געדענקט צוא אונטערהאנדלען.

זייא מוזען נאך געדענקען פון דעם וואס איז בעשלאסען געווארען אין דער אסיפה פון שנת תרמ"א (1881), זיך משתדל צוא זיין, דאס דיא רעגירונג זאל בעשטעטיגען דיא אלע תלמודישע רבנים אין דיא רעליגיאזע ענינים, אהנע דאס זייא זאלען זיין נבנע אונטער דיא שטאטס רבנים, אונ דאס גלייכען איז געוועזן דער רעזולטאט פון דער צווייטער אסיפה אין שנת תרמ"ה אין וועלכער עס האבען אלע אונזערע געבילדעטע ברידער מסכים געוועזן. דאהער, אלס ס'איז הערוים א בעפעהל פון דער רעגירונג, דאס נור דיעניגע וועלכע האבען געענדיגט דיא מיטעלע אונ העכערע שולען קאנען זיין רבנים — דאן איז אונזער מבוכה פערדאפעלט געווארען, זא דאס אין פיעל ערטער זיינען יודישע נייגעבארענע קינדער ניט בעשניטען געווארען אונ דערצוא ווארען פיעל רבנים אנגעקלאגט אין געריכט וועגען מסדר זיין גטין אונ קדושין, בעזאנדערס פיהלט מען דיעזע בעדריקונג אין ליטא אונ רייסען, זא דאס עס האט אנגעמאכט א גרויסע התעוררות אונ דאס איז פארגעקומען פאר דעם ועד הרבנים, וואס דער רעזולטאט איז בעוואוסט אין דער גאנצער וועלט.

אויך איז איהנען בעוואוסט דאס אין שנת תרמ"ג האבען איינגע געבילדעטע מעגער פארגעשלאגען פאר דער רעגירונג וועגען א סעמינאריום, געגען וועלכער עס האבען דיא גדולי ישראל פראטעס־טירט מיט דיא איבערצייגונג, דאס פון זעלכע סעמינאריום'ס קאנען קיין תלמודישע, רעליגיאזע רבנים ניט הערויס. יעצט האט זיך ווייטער ערוואכט דיעזער פראיעקט, וועלכער קאן אנמאכען פיעלע

אונגליק אונ קריעג ביא אונזערע יודען דורך איניגע משכילים, וועלכע ווילען מאכען א סעמינאריום אין וועלכער עס זאל געאכטעט ווערדען נור בילדונג, וועהרענד דיא תורה ווערט שטעהען גאנץ ניעדריג, אונגעאכטעט, וואס עס קאן ניט ווערדען בעשטעטיגט פון דיא וועלכע זוכען קיום הלאום והאמונה, שעדליך זיינען אויך דיא נאכריכטען אונ פאלשע קלאנגען, דאס דיא תלמודישע רבנים אונ דיא ארטהאדאקסישע יודען זוכען מיטעלן וויא צוא דריקען דיא געבילדעטע, וויא אויך מען זוכט צוא צושטערען דיא יונגע געלעהרטע יודען, דאס זייא זאלען אויפהערען צוא געהען אין דיא קלאסען אונ אוניווערזיטעטען, זאלכע ליגענהאפטע שמועות קאנען זעהר פיעל שלעכטעס אויסווירקען פיר יודען. בעזאנדערס קאנען זייא אנמאכען א צערשטערונג אין דיא יודישע אחדות, וועלכע איז אונזער גאנצע טרייסט, דען דיא תלמודישע רבנים מיט דיא בראפע אונ ארדענטליכע משכילים, וועלכע האבען געשטודירט אין דיא שולען זיינען בייזאמען אין גרעסטען פעראיין אום צוא זארגען פיר יודען אונ יודענטהום, דיא פרומע ארטהאדאקסישע יודען זיינען פאל דאנקבארקייט געגען דיא געבילדעטע, פאטריאטישע געזאנענע אונ וואהלטהעטיגע ברידער פיר זייער הילפע אונ פערטהיידיגונג דעם כלל ישראל. אין דיא אלע בעגרענצונגען אונ בעדריקונגען וואס עס איז געקומען אויפ'ן יודען האבען אלע גליך מיט געפיהלט אונ צער אונ לײדען געהאט, אלזא וויא שלעכט איז מיר צוא הערען, דאס דיעזע פאלשע נאכריכט זיינען אויך אנגעקומען צוא איניגע פון אונזערע געבילדעטע ברידער, וועלכע ווארען פארהער אונזערע וואהלטהעטער אונ יעצט, בעהיטע השי"ת, דאס דיעזע פאלשע נאכריכט זאל אונז חלילה ניט פער גאנדערשיידען אין אזא צייט וואס דיא אחדות איז אונז אם וויכטיגסטען.

דאהער בין איך איהנען מודיע, דאס דיעזע ווארטען זיינען נור אויסגעטראכטע ליגענס. מיר זוכען נור דיא פרייהייט פיר דער רבנות, וועלכע איז דער וואונש פון דעם גאנצען נאציאן, דאס גלייכען דארפען אויך ניט דיא געלעהרטע מענער פערורזאכען שמערצען אונ בעאונרוהיגען דעם כלל ישראל מיט זייערע סעמינאריום-פראיעקטען, וועלכע עס וועלען צוא קיינע נוטצען פיהרען נור צוא צושיידען דיא אחדות, אונ אבצושוועכען דיא יודענטהום, וועלכע מיר זוכען צוא שטארקען. השי"ת, זאל געבען, דאס מיינע ווארטע זאלען ווירקען אויף זיא, וועט עס זיין א פרייד פיר כלל ישראל. אונטערצייכנע אכטונגספאלל.

יצחק אלחנן.

(תולדת הרי"א)

אין יאהר תרנ"ה 1892 ווען עס איז געוועזען דער גראָסער הונגער אין דיא איננערן גובערניעס אין רוססלאנד, האט רבנו פיר דיא הונגער ליידענדע אויך געזאָרגט, אונד ער האט ארויס געגעבין זיין וויכטיגען אויפרוף קול קורא לכל אחינו בני ישראל, אונ מעורר געוועזען אויף דעם וואס ס'איז אויף אונז א חוב עפ"י תוה"ק ועפ"י תורת האדם הילפע צוא שאפען פיר דיא הונגער ליידענדע אין איננערן רוססלאנד, וויא ס'איז געדרוקט דער קול קורא אין דיא צייטונגען „המליץ „והצפירה" נומער 12 שנת תרנ"ב:

כג.

זיינע לעטצטע טאגע.

דעם גרויסען טאלענטפאלען קינסטלער אין מאלעריי-קונסט איז זעהר לייכט אפצומאלען א לעבענדיגען בילד אין וועלכען מען זאל, אויסער דיא לעבהאפטע געזיכטסציגע, אויך זיינע גייסטליכע אונד איננערליכע געפיהלע אונד נאטור. ערקאנען; דאך איז אבער אונמעגליך דעם גרעסטען טאלענטפאלען מאלער הערייגצוגעבען א וואהרען לעבענס גייסט, דיא רייצענדע געפיהלע אונ א רעדענס קראפט אין בילד. נור דער בעשעפער דער וועלט אונ מענשען, אויף וועלכען דיא תלמודיסטען דריקען אוים פון דעם פסוק „אין צור כאלוהינו„ — אין ציר כאלהינו, ד. ה. עס גיבט קיין בעשעפער אונ קיין מאלער וויא אונזער גאט — נור דיעזער בעשעפער אונ מאלער האט געמאכט אונ בעשאפען א לעבהאפטעס בילד אין דיעזען וועלט בעריהמטען גאון. אין דיא לעצטע 17 טעג אין וועלכע זיינע קערפערליכע קרעפטען זיינען שוין לאנג געוועזען בערויבט פון איהם — ער האט שוין ניט מעהר געלעבט, נור זיינע גייסטליכע געפיהלע, דיא זעלע אונ נשמה האבען זיך נאך פיעל פאך אויסגעצייכענט אונ פארגעשטעלט דיא תמונה, דעם אנזעהען פון א גרויסען געניע אונ הימלישען ענגעל וועלכער בעשיינט אונ בעגייסטערט דיא וועלט. דאס וואר א דורכדרינגליכער בילד, ווער עס האט איהם געזעהען האט גלייך געזאגט: אט דאס איז דאך דער גרויסער גייסטיגער ריעז, וועלכער איבערטרעפט מיט זיינע גוטע טהאטען אונ בעריהמטע צדקות אין זיינע אלע לעבענסטאגע — דיא גרעסטע אין דער וועלט. דאס וואר א לעבהאפטעס בילד אהנע קערפער, גייסטפאל, טהעטיג אין צדקות, בעשעפטיגט אין יודישע אינטערעסען פונקט וויא ער וואלט נאך

בעזעסען א ריעזי-שטארקען קערפער און וואלט נאך געוועזען שטארק אין געזונד און זיינע קרעפטען געהאט — נור השי"ת קאן דאך אלץ, ער האט אויך געקאנט הערייננעבען א צויבער אין רבנו יצחק אלחנן'ס בילד זאגאר אין די לעצטע שטערבליכע טאגע, וועלכע וואר'ען נור בעלעבט א גייסטיגען לעבען (חיי נשמה), א הייליגע געגענווארט פון זיין אונשטערבליכער נשמה.

שבת פ' תרומה, ר"ח אדר ה'תרנ"ו האט ער אנגעפאנגען צוא פיהלען, דאס ער איז פיעל שוואכער, מעהר וויא זיין געוואהנהייט, דאך האט ער דארויף ניט בעאבאכטעט.

מאנטאג, ג' אדר וואר ביא איהם איינער פון זיינע פריינדע, אגרויסער רב, זיך צו בעראטהען מיט איהם וועגען זייער וויכטיגעס, עס זאל מעגליך זיין צו אפענען וואלאזינער ישיבה מיט די ערלויבניס פון דער רעגיערונג, אבוואהל רבנו וואר זייער שוואך וויל דער ענין איז זייער הייליג און וויכטיג האט ער זיך געשטארקט וויא נור מעגליך צו שרייבען איינענהאנדיג פיעל בריעפע וועגען דעם צו די גדולי ישראל זיינע בעקאנטע אין ספ"ב. דיענסטאג, ד' אדר, האט מען א דאקטאר גערופען. ער האט איהם בעטראכט פיר געפאר-ליך, וויל דער פולס וואר שוואך און האט דאצו שווער געאטהעמט.

ער פלעגט יעדען טאג, צוואר די פיס וואר'ען איהם זעהר שוואך, געהען שפאציערען, אום צו ערלייכטערן דעם אטהמען; אין דעם טאג וואר איהם זעהר שווער דער געהן, זא דאס ער האט זיך געמוזט אפט אפרוהען. מיטוואך האט ער זיך נאך אנגעשטרענגט צו געהן, אבער עס וואר איהם לידער זעהר שווער. געהענדיג האט ער געזאגט דעם בעגלייטער, דאס ער פיהלט שאן זיין ענדע. דאנערשטאג, ו' אדר, האט מען געזעטצט א קאנסיליום פון איינינע דאקטורים, וועלכע האבען איהם בעטראכט פיר שטערבליך קראנק, דען מיט זיין שוואכעס הערץ האט זיך פערבונדען א ניערענענטצינדונג (דלקת הכליות); זיא האבען איהם בעפאהלען ניט הערויסצוטרעטען אין דרויסען. די שטאדט וואר דאדורך אין פערווירונג געזעטצט. אלע האבען פאראויס געזאגט, דאס ווען השי"ת שיקט ניט די רפואה דורך דעם היעזיגען הויפט דאקטאר, ה. פיינבערג, דא וועט שוין קיין פראפעסאר ניט העלפען. דיעזער דאקטאר האט דעם גאון זעהר געליבט און האט דאהער אנגעווענדעט זיינע אלע קראפטען און מיטלען אום איהם צו העלפען, לידער אבער וואר עס אומזאנסט. אויך אלע יודישע דאקטורים פון היער האבען איהם מיט געהאלפען, דענאך האט ער אויך מיט געשטימט מיט די טובי העיר, דאס מען זאל שיקען נאך דעם פראפעסאר יאפע אין קעניגסבערג. רבנו דיעזעס הארכענדיג, אבוואהל ער האט פון זיין לעבען שאן ניט

געהאלטען, האט זיך דענאך געפרייט אויף דיא גוטהערציגקייט פון אונזערע נכבדי העיר אונ האט זייא דאפיר זעהר געבענשט. עס וואר צוגלייך ביא איהם דאן פעראָרדענט א קאמיסיע פון דאקטוירים אונ פעלדשערם, יעדער האט זיך געהאט זיין צייט צו בעהאנדלען רבנו וויא טאג זא נאכט. דאנערשטאג בייא נאכט, ז׳ אדר האט ער ניט געקאנט שלאפען, עס איז איהם ניט גוט געוועזען אונ געאיבעלט. אוהר 3 נאך האלבע נאכט האט ער געבעטען איינעם פון דיא לומדים, וועלכער האט איהם פרייוויליג בעדיענט דיא גאנצע צייט פון זיין קראנקהייט, דאס ער זאל איהם זעטצען אויפין בעטעל אונ אבגיעסען נאגעל וואסער. געשטיצט אויף דעם זעלבען האט ער זיך מיט שוועריגעם צוגעשארט צום טיש; ער האט געהייסען דערלאנגען דעם שולחן ערוך מגן ארץ איינצוקוקען אין הלכות ר״ה ויהכ״פ. אונגעריכטערהייט האט ער געווארפען זיין בליק אויף דעם „הצפירה“, אין וועלכען ער האט בעמערקט א נעקראלאג פון סלוצק פון הרב ר׳ שמואל שימחאוויצעס טויט. גלייך האט ער געגעבען א טיעפען זיפץ אונ שאקלענדיג מיטין קאפף האט ער געזאגט: אה, דיעזער מאן וואר וויכטיג, ערהאבען, אונ אנ׳אכטונגם-פאלער מענש! — אין דעם האט ער זיך דערמאנט דאס בייא איהם אין קעשענע געפינט זיך א שאלת עגונה פון יורבורג — ער האט געבעטען דעם זעלבען בעדיענער צו לעזען מיט איהם דיא שאלה. דער יעניגער האט זיך געבעטען בייא איהם: רבי, לייגט עס אב אויף מארגען — יעצט לייגט זיך בעסער שלאפען, דען עס איז שאן העריבער מעהר וויא צוויי טהייל נאכט אונ איהר האט נאך ניט געשלאפען, פיליכט וועט השי״ת יעצט געבען אייך א זיסען שלאפען — רבנו האט ניט געהערט, עד האט נור געזאגט: מיין נאטור איז, דאס איך שלאף איין זייענדיג פעראינטערעסירט אונ דענקענד וואס עס איז“. זייא האבען זיך געזעצט אונ געלעזען דיא שאלה, וועלכע האט ענטהאלטען א גאנצען בויגען פאפיר. ער האט ענדליך געזאגט: „יא מען קאן איהר מתיר מאכען“. נאכהער האט ער זיך עטוואס פערטראכט אונ נאכדעם געגאנגען שלא-פען. ער האט זיך ענדע אנדערטהאלבען שטונדען אויפגעוואכט פון שלאף, גלייך אבגעגאסען נאגעלוואסער אונ געבעטען מען זאל איהם געבען א מסכת יבמות. ער האט אויפגעזוכט אין „קרבן נתנאל“ אנ׳ענין וואס איז געוועזען אנבעלאנגט צו דער שאלת עגונה. ער האט מיט פריידען אויסגערופען: „געלויבט איז השי״ת וואס האט מיר דערמאנט דעם „קרבן נתנאל! ער האט גלייך בעפאהלען צו געבען איהם טינט אונ פעדער; אומזאנסט וואר אלעמעס בעטען, ער זאל עס אבלייגען ביז ער וועט וואס עס איז פערזוכען אונ שטארקען זיך עטוואס — ער האט קיינעם ניט געהערט, אונ גלייך נאך תפלת שחרית האט ער זיך געזעצט מיט דיא

לעצטע קרעפטען אב צו שרייבען א היתר פיר דער עגונה פון יורבורג.

שבת סדר תצוה, ח׳ אדר, האט ער געזאגט; היינט איז דאך פרשה זכור. ער האט זיך געשטארקט, מיט דיא לעצטע קרעפטען זיך אנצושפארען אן טיש, וועהרענד מען האט געלייענט דיא גאנצע פרשה, יעדער פון דיא עולים לתורה האבען איהם געבענשט מיט „מי שברך לחולה". ער איז אויך געוועזען פון דיא עולים לתורה, נור ביין צוריק געהען איז ער זעהר שוואך געווארען אויף דיא פיס אונ איז שיעור געפאלען, מען האט איהם געמוזט גלייך אין בעט אוועקלעגען וואו ער האט מתפלל געוועזען תפלת מוסף, נאך׳ן דאבנען האט ער אלעמען פערבעטען צוא זיך אין צימער אום דאמיט זייא א פריינדשאפט צוא צייגען אונ אום זיין הויזגעזינד צואפרייען האט ער זיך אנגעשטרענגט אונ געזעסען ביין טיש מיט אלעמען צוא גלייך, ביז ער איז זעהר שוואך געווארען אונ געמוזט צוריק אין בעט הערייז. — זונטאג, ט׳ אדר, האט זיך דיא קראנקהייט זעהר פערשטארקט, דאן האבען אונזערע נכבדים געגעבען איבעראל, אויך אין ארץ ישראל, דאס מען זאל מתפלל זיין פאר זיין לעבען. פון אלע עקען וועלט זיינען געקומען טעלעגראמען, אין וועלכע מען פרעגט אן וועגען זיין געזונד וויא עס האלט מיט איהם, אונ צוא גלייך האבען זייא אויך מודיע געוועזען, דאס איבעראל בעטעט מען פאר זיין לעבען, אונ אין אנדערע שטעדט האט מען אויך געפאסט.

מערקווירדיג איז געוועזען צוא זעהען פון דיא בריעפע אונ טע־לעגראמען, וועלכע זיינען אונאויפהערליך געקומען פון אלע גע־מיינדען, נאהענטע אונ ווייטע, דאס צעהנדליגע טויזענד יודען שטעהען אין איין צייט אונ בעטען פאר דעם שטערבליכען רבנו בייא דעם אלמעכטיגען, אום דאס עס זאל ניט פערלאשען ווערדען דיא ליכט פון דעם יודישען נאציאן, אין דיא 12 טעג פאר זיין שטערבען איז דער געשריי אונ יאמער אין אלע תפוצות ישראל זעהר גרויס געוועזען אלע קלאסען יודען, וועלכע זיינען געוועזען פערשיידען אין גייסט אונ געדאנקען אונ אין יעדען לעבענס-ארט, האבען זיך דאן פעראייניגט אין איין צער, דאס מיר זאלען ניט בערויבט ווערדען פון דיעזען הייליגען ארון ד״, זא דאס דורך דיעזע אלע יאמערס אונ געוויין האט מען געקענט הערען פונקט וויא א בת קול וואלט געזאגט אין דער ארט פון טרעסטונג: יא, דיא תורה איז יעצט אויף דער העכסטער שטופע געאכטעט אונ פערהייליגט פון מיליאנען יודען, האכגעשעטצטע, גאטספארכטיגע ארטהאדאקסען, וויא אויך געבילדעטע אונ גע־לעהרטע, — אלע האבען זיך אין איין פעראייניגט, אלע האבען געוויינט, געשריען, געיאמערט, זא דאס דיא הימלען האבען זיך

געשפאלטען; אלע האבען געבעטען מתפלל געוועזן פאר זיין לעבען אין פערלויף פון דיעזע 13 טעג — זייא האבען מתפלל געוועזן פאר דעם לעבען פון דעם וואס האט אין זיך אלדעם גוטעס ענטהאלטען אונ אויף וועמען ס'איז מקוים געווארען ר' מאיר'ס מאמר אין פרקי אבות: „שכל העולם כלו כדאי הוא לו, נקרא רע אהוב, אוהב את הבריות, משמח את המקום, משמח את הבריות, ומלבשתו ענוה ויראה, ומכשרתו להיות צדיק, חסיד, ישר ונאמן, ומרחקתו מן החטא, ומקרבתו לידי זכות, ונהנין ממנו, עצה ותושיה, וכו', ומגדלתו ומרוממתו על כל המעשים„, ד. ה. דיא גאנצע וועלט איז איהם (דעם וואס איז זיך עוסק בתורה לשמה) ווערטה, מען רופט איהם ליעבענדער (רע אהוב) — ער ליעבט דעם עוויגען אונ ליעבט דיא מענשען, ער ערפרייט גאט אונ ערפרייט מענשען; זיא (דיא תורה) קליידעט איהם אין ענוה (דעמיטהיגקט) אונ יראה, זיא פארבערייטעט איהם צוא זיין א צדיק, רעכטספארטיג אונ טרייהערציג, עס ערווייטערט איהם פון זינד אונ ברייננגט איהם לידי זכות; מען ערהאלט פון איהם ראטה אונ טהאט, עס ערהעבט איהם אונ מאכט איהם גרויס איבער אלעס. — אזא גרויסארטיגע עהרע האט דיא תורה ערהאלטען דורך רבנו, וועלכער האט אום איהר מיט דיא גרעסטע מיה געארבייט אונ זיך ממית געוועזן פיר איהר, אונ האט איהר בעלעבט ביז זיין שטערבען. — מאנטאג, י' אדר, איז דער פראפעסאר יאפע געקומען פון קעניגסבערג, ער האט אבער ליידער אויך מסכים געוועזן מיט אלע דאקטוירים, דאס זיין קראנקהייט בעשטעהט פון הערצענס שוועכע אונ ניערענענטצינדונג, צוא וועלכע מען קאן שוין ניט העלפען. ער האט זיך דאהער צוריק געקעהרט מיט א צובראכענעם הערץ. מיטוואך, י"ב אדר, אין דער פריה האט ער צוזאמענגערופען דיא גאנצע הויזגעזינד צוא זיך אונ האט זייא געבענשט אונ זיך געזעגנעט מיט אלעמען, אלס דיא קינדער האבען געזאגט: „פאטער! פאר וואס בענטשסטו אונז זא מצער?" האט ער ערוויעדערט: עס שאדט ניט, דיא ברכה איז אלס איינס, אפילו אז איך וועל צוריק געזונד ווערדען. זיין זאהן הגאון ר' צבי האט ער בעפאהלען, דרוקען נאך אמאל זיין ספר באר יצחק, מיט דיא פיעלע פערבעסערונגען, וועלכע ער האט אין כתיבת-ידין, ער האט ווייטער געזאגט פאלגענדעס צוא דעם זעלבען: דעם קונטרס וועגען „חמש נשים", וועגען „יבמה, אי אמרינן לא פלוג" וואס איך האב איהם ניט לאנג געשריעבען, זאלסטו אויך דרוקען, דען זא בלייבט דער דין דורכאויס, אבוואהל בעת דוא ביזט געוועזן בייא מיר האסטו דארויף געפרעגט א גרייליכע קשיא, וועגען וועלכער מען דארף זיך גוט איבערלעגען,

דעז

דען דיא קשיא איז אויך אויף רש"י אונ נאך פיעל, וועלכע האלטען דיא סברה פון לא פלוג" — דענאך בלייבט דער דין וויא איך האב געשריעבען אין קונטרס, אונ דוא קאנסט עס אבדרוקען, אויך דעם קונטרס וואס איינער פון דיא גדולים האט איהם מגיה געוועזען, זאלסטו אויך אבדרוקען, אבגלייך פיעלע תלמודיסטען וועלען וועגען איהם פראטעסטירען, וייל איך האב אנגעגריפען דעם „נתיבות" סמן רע"ה אונ דעם „חתם סופר" דורך דער גמרא פון ב"ב דף קנ"א — אין וועלכע איך בין אבער גערעכט!

הערט נור, טהייערע לעזער, צוא, דיעזען זעלטזאמען געשפרעך פון א שטערבליכען, פון וועלכען אלע דאקטורים אונ ארצטע האבען זיך שוין מיאש געוועזען פון זיין לעבען! זעהט נור זיינע געדאנקען דאן, אלס דער טויט איז איהם געשטאנען געגען דיא אויגען! מיטוואך ביא נאכט וואס געהט צוא דאנערשטאג האט ער געהערט, דאס מען האט געבראכט א שאלת הריאה פאר דיא דינים, האט ער גלייך געהייסען דיעזעס איהם פארברייגען אין וועלכע ער האט טיעף אריינגערעדט פון דיא אלע דעות הפוסקים אלס דאן האבען איהם דיא דאקטורים געפרעגט: „רבי, ווארום שטרענגט איהר אייער מוח אונ געדאנקען דארויף, וועהרענד איהר זייט זעהר קראנק? האט ער דאן געאנטווארטעט: ווען דער שניידער ליגט אנידער דיא שער, פערגעסט ער דעם שניט אונ בלייבט אנ'איינפאכער שניידער, דער דאקטאר וואס איז געשטאנען דער ביא, האט זיך אבגערופען: רבי, ווען איהר וואלט געוועזען געזונד אין קערפער וויא אין גייסט, וואלט איך שוין ביא אייך ניט געוועזען.

דיא מורי הוראות זיינען שטענדיג געוועזען ביא איהם אין הויז אונ ווען זייא פלעגען צוא איהם הערייננעהען פלעגט ער זייא גלייך פארלעגען נייע דינים אונ חדושי תורה אונ יעדען ענין וואס ער האט געדארפט להלכה האט ער געהייסען דערלאנגען דיא נעטהיגע ספרים אונ האט מעיין געוועזען, זאגאר בעת עס פלעגט איהם אנגרייפען דיא קאנוואולסי, וואס דאן איז ער געוועזען א ריכטיגער גוסס, לויט וויא דיא דאקטורים האבען געזאגט, דאס דיעזעס ברייגט איהם דעם טויט, דענאך וויא עס פלעגט איהם נור עטוואס לייכטער ווערען דיא קאנוואולסי, פלעגט ער גלייך וואשען דיא הענד אונ צוריק רעדען וועגען דעם ענין פונקט וויא עס וואלט איהם גאר קיין זאך געטראפען. — דאנערשטאג, אסתר תענית, האט ער געהייסען דערלאנגען איהם דעם מחצית השקל, צוא מנחה, אום דיעזע מצוה מקיים צוא זיין. פורים ביא נאכט האט ער געהייסען לייענען דיא מגלה, פריער אין הויז-מנין, נאכהער ביא איהם אין צימער, נור

(תולדות הגר"א)

אלס דער קורא האט אנגעפאנגען צוא לייענען, האט ער גלייך אנגעהייבען צוא וויינען אונ האט געהייסען הערייערופען זיין זאהן הגאון, וועלכער איז זעהר ערשראקען הערייענגעלאפען. „מיין זאהן" האט ער געזאגט מיט טרעהרען אין דיא אויגען, „עס איז מיר זעהר שלעכט צוא הערען אליין דיא מגלה! — זא גלייך זיינען אלע הערייין אין הויז וואס פאר זיין צימער, אין וועלכער מען האט דיא טהיר געעפענט, אונ ער האט דיא מגילה פעסט געהאלטען וועהרענד דער קורא האט געלייענט אין איהר, 2 דאקטוירים האבען איהם דאן געהאלטען פאר דיא הענד, ביי דער קריאה איז ער געוועזען פרעהליך אונ מונטער — קיין זיפץ האט מען ניט געהערט פון איהם, אין גע־גענטהייל — דער פולס האט זיך נאך געשטארקט ביי איהם, דער דאקטאר וואס האט איהם צוגעהאלטען האט צוא איהם געזאגט: רבי! איך האב ערפונדען א נייעם מיטעל אין מעדיצין וויא דעם פולס צוא שטארקען, דאס איז — קריאת המגלה. — אבער נאכהער איז ער ווייטער שוואך געווארען, אונ האט ווייטער שווער געאטהעמט דענאך האט ער איינעם פון זיינע בעדיענער דאן א סוד איינגערוימט, דאס ער דארף זיין הויז בחור, וועלכער איז גלייך געקומען אונ וועלכען ער האט איבערגעגעבען דיא גאנצע ארדנונג וועגען דעם מארגעדיגען טאג — פורים, פון דיא אלע געלדטען וואס מען פלעגט איהם בריינגען פורים, הוש"ר אונ עיהכ"פ למעשה הצדקה, וויא אויף לחם עניים, ר"מ בעה"נ, מאכל כשר פיר דיא יודישע זעלנער אונ נאך דאס גלייכען; — געוואהנליך האט ער איהם דארין געלעהרט וויא זיך אויפצופיהרען. אלס דיא הערביישטעהענדע האבען איהם געפרעגט: „וואס דארף ער זיך אנשטריינגען אונ איהם לערנען דארין — מיר וויסען דאך אויך דיא הנהגה דער פון", האט ער ערוויעדערט; „ס'איז דאך רעכט איהם דאמיט צוא בעשעפטיגען, אום ער זאל וואס עס איז דאפאן פערדינען, דען ער איז דאך ארם אונ דאצוא איז זיין גאנצער שטרעבען". — פורים איז ער אויפגעשטאנען מיט שרעק — ער האט זיך געשראקען, פיעלייכט שטארבט ער, בעפאר ער האט מקיים געוועזען דיא מצות פון דיעזען טאג. ער האט דאהער גאנץ פריה געלייגט תפילין אונ געדאווענט, מען האט פאר איהם געלייענט דיא מגילה, דורך וואס ער איז געוואהרען זעהר פרעהליך, אונ עס איז ניט געוועזען קענטיג, דאס ער ליידעט זעהר פון דער קראנקהייט — ער איז זאגאר געזעסען אויפ'ן בעט אונ געהאלטען דיא מגילה אין האנד, נאכהער האט ער מקיים געוועזען משלוח מנות ומתנות לאביונים, פון וועלכע ער איז געוועזען העכסט צופריעדען.

פורים נאך האלבען טאג האט איהם זיין זאהן הגאון געפרעגט.

אָב מען מאג ניטצען דיא זעלטער-פלאשען אום פסח, אלס מען האט זיא פאראוים געווייקט — האט ער געאנטווארטעט: „עס איז מותר, וויל מען ניטצט אין זיא צונן (קאלטעס), אונ מיר פסק'נען דעם דין וויא דער „מנחם-עזריה". ער האט אויך געהייסען דער-לאנגען איהם דעם מקור חיים, וועלכער ברייננט אין ס"ק א' הלכות פסח דעם מנחם עזריה להלכה, ער האט אויך געוויזען דעם מקור (קוועלע) אין גמרא סוכה.

אין דעם פערלויף פון זיין קראנקהייט ביז צוויא טעג פאר זיין טאדט פלעגט ער צוזאמען רופען בייא זיך דיא פארשטעהער פון שטאדט, דיא גבאים פון פערשיעדענע צדקות, אונ נאך זייער גלייכען. מיט גוטע רייד אונ זאנפטמוטה האט ער זיא אויפמערקזאם געמאכט, וויא זיך צוא פיהרען אין דיא פערה[illegible]לטניסע. — אנדערע, וועלכע זיינען געוועזען עטוואס בעטאדעלט, אדער, וועלכע זיינען ניט געוועזען אין פעראיין מיט זייערע קאמעראדען מיט-טהוער, פון וועלכע עס האט געקאנט פיעל שאדען פעראורזאכט ווערדען פיר דיא אחדות אונ מעשי-הצדקה, האט ער דורכדרינגליך געבעטען צוא פערבעסערן זיך אונ צוא פעראייניגען זיך אין דיא מעשי הצדקה מיט דיא איבריגע מיט-גליעדער, ער האט ניט דורך געלאזען דיא קלענסטע זאך, הן אין צרכי העיר אונ הן אין אנדערע ענינים, אין וועלכע ער איז שטענדיג געלעגען, אהנע דאפאן א רייד צוא מאכען, אין דעם שענסטען אונ פארזיכטיגסטען ארט, מיט דיא גרעסטע חריצות אונ שכל.

דאס גלייכען האט ער געזוכט צופריעדען צושטעלען דיא אלע זיינע בעפריינדעטע, וועלכע ער האט ניעמאלס פערגעסען. דאן, אלס דיא דאקטורים האבען פערזאגט, קיינעם צוא איהם ניט הערייננצולאזען אום דיא לופט ניט צוא בעשווערען, האבען דיא הויז געזינד, זעלבסט פערשטענדליך, קיינעם ניט הערייננלאזען; נור ער, וויסענדיג, דאס פיעלע פון זיינע מקורבים ווינשען איהם צוא זעהען פאר זיין טאדט, האט ער געפונען פערשיעדענע מיטעלן וויא איבערצורידען דיא הויז געזינד, אבצוטרעטען פון דיא דאקטורים'ס בעפעהל, דורך פיעלע איינפעלע וויא צום ביישפיעל; איינער פון זיינע שכנים, וועלכער האט איהם בעגעהרט צוא זעהען פארן טויט, דאהער האט רבנו געזאגט: רופט מיר דעם יעניגען, איך וויל, לויט מיין געוואהנהייט, זיינעם א שמעק טאבאק נעהמען. דיא הויז געזינד זיינען גלייך הערויס אין פארשטוב אונ גענומען בייא דעם יעניגען זיין פושקע טאבאק אונ איהם געבראכט, ער האט איהר ניט גענומען, זאגענדיג, דאן שמעקט מיר דיא טאבאק, ווען איך נעהם בייא מיין פריינד

פון האנד, אבער ניכט דורך א צווייטען. דער זעלבער איז העריין אונ דערלאנגט איהם דיא טאבאק, פיר וועלכע ער האט בעקומען זיין ברכה, אונ זעגען. מיט אזעלכע תחבולות האט ער פיעלע אין דער גרעסטער צופריעדענהייט געבראכט, טראטץ דעם וואס דיא דאקטוירים האבען עס פערוועהרט. דאס גלייכען האט ער מיט זיין חכמה געפועל'ט ביא דיא בעדיענער זיינע, דאס זייא זאלען געהען שלאפען אונ זיך אויסרוהען, זאגענדיג, דאס ער קאן ניט איינשלאפען בעת א וואכענדער זיצט נעבען איהם.

פרייטאג צוא נאכט, שושן-פורים, איז פון פעטערסבורג געקומען פראפעסאר דאבראקלאנסקי, וועלכען דער באראן גינצבורג האט געשיקט אונד מיט איהם גלייך איז געקומען ד"ר דעמבא*) אויף זיינע אייגענע קאסטען אום צוא בעטראכטען דיא קראנקהייט פון רבנו, ליידער אבער וואר אויך זייער מיה אומזאנסט! תיכף שבת צוא נאכט האט איהם אנגעגריפען דער קראמפף אונ קאנוואולס, דיא ארצטע האבען איהם גלייך אלס גוסס בעטראכט, אונ האבען אלזא ערלויבט דיא וואס וואהרען אין פארשטוב איהם אלס גוסס צוא בעהאנדלען, צוא זאגען תהלים „מעבר יבוק“, אונ נאך דאס גלייכען, נור אלס עס איז איהם לייכטער געווארען, האט ער גלייך ערקאנט איינעם פון דיא אנוועזענדע גבירים, וועלכער האט א פריינד א תלמיד חכם, וואס דארף חתונה מאכען זיינע א טאכטער. רבנו האט זיך געבעטען ביא איהם צוא צוזעהען זיין פריינד מיט א גוטע אויג, אונ העלפען איהם חתונה צוא מאכען זיין טאכטער, דערפאר האט ער איהם פערזיכערט צוא זיין א מליץ טוב פיר איהם בעלמא דקשוט, נאכהער האט ער געבעטען דיא אנוועזענדע, נאכצוזוכען דיא דיני גסיסה, וועהרענד דער קראמפף האט איהם פון דאס נייא אנגעגריפען. דער עולם האט זיך צוגאסען אין טרעהרען זאגענדיג תהילים ביז 3 אוהר נאך האלבע נאכט. אם ענדע האט ער זיך עטוואס געשטארקט, אלעמען איבערגעבעטען אונ געהייסען זייא געהן אהיים לשלום, מיט דעם פערזיכערונג דאס דיעזע נאכט וועט איהם קיינע שלעכטעס געשעהן.

פון מיטוואך ה' אדר, ביז י"ב אדר, האט ער ניט אויפגעהערט צוא זאגען ודוי מיט גרויס פייער אונ התלהבות — ער וואר פאלער שרעק פון יום הדין, אונ שטענדיג פלעגט ער אויסדריקען דיא פסוקים: „כי ערוך מאתמול תפתה“, „תשב אנוש עד דכא“, „השיבנו ד' אליך

ונשובה

*) דיעזער וואר ביא רבנו זעהר בעליעבט פיר זיינע טהאטען אום דער שחיטה.

נשובה", „מי יצדק לפניך בדין", או"ג. יעלע מאמרי חז"ל און פיוט וועלכע זיינען עהנליך צוא דיעזע פסוקים. ער האט געבעטען זיינע בעפריינדעטע, דאס זייא זאלען פיר איהם מתפלל זיין, און זאלען איהם בלייבען גוטע פריינד אויך נאך זיין טוידט, און אום צוא רעטען איהם פון גיהינום זאלען זייא מתפלל זיין און לערנען פיר זיין נשמה. — זא האט ער שטענדיג מתפלל געוועזען און געזאגט דעם „יהי רצון", וואס ווערט געבראכט אין יורה דעה סימן של"ח, נאכהער פלעגט ער זאגען מיט גרויס כונה: „דוא זאלסט מיך בעשירמען פון גיהינום און הערייןבריינגען אין גן-עדן. — אין זיין קראנקהייטס צייט איז ער קיינמאל ניט געלעגען מיט א הוילער קאפף, ער פלעגט שטענדיג צוא רעכט מאכען דיא יארמאלקע אויפ'ן קאפף, דאס זיא זאל ניט הערא בפאלען, אויך ווען מען פלעגט איהם לעגען אייז אויפ'ן קאפף פלעגט ער צוהאלטען דיא יארמאלקע זיא זאל ניט הערונטער פאלען. — דיא גאנצע צייט פון זיין קראנקהייט האט ער ניט אויפגעהערט צוא זאגען זיין שעור תהילים פון אלע מאל. נור אלס ער איז זעהר שוואך געווארען, זא דאס ער האט שוין ניט געקאנט ריידען, פלעגט איהם איינער פארזאגען 5 קאפיטלען תהילים און ער פלעגט נאכזאגען ווארט בייא ווארט. — זונטאג, ט"ז אדר, האט ער געוואשען דיא הענד און געלעגט רש"י'ס און ר"ת'ס תפילין, אין מיטען דאוונען האט איהם אנגעגריפען דער קראמפף, נור אלס עס איז איהם לייכטער געווארען האט ער ווייטער געוואשען דיא הענד און מתפלל געווען, פון דעם זעלבען ארט וואו ער האט אויפגעהערט, צום בעוואונדערן פון דיא דאקטוירים, וועלכע האבען צייט זייער לעבען ניט געזעהן אזא קרעפטיג און גייסטפאלען מאן, דען יעדער קראמפף פלעגט איהם דעם טויט בריינגען, און דענאך האבען דיא גייסטליכע קרעפטען געווירקט אין איהם וויא אין א געזונדטען קערפער, צום ענדע יעדער קראמפף פלעגט ער מיט א זיסע און זאנפטע שטימע זאגען דעם „יהי רצון", זא דאס אלע זיינען ענטציקט און ערשטוינט געווען — יעדערער האט געזעהן דיא רוהיגקייט זיינע, איבערגעבענדיג זיין גייסט און זעלע דעם אלערהעכסטען גאט. אבוואהל פארהער וואר ער זעהר ערשראקען מאימת הדין, וויא מיר האבען שוין געשריעבען וועגען דעם, נור אין דיא לעצטע טעג האט ער זיך בערוהיגט דאמיט דאס דער זכות פון דיא התיסדות פיר דיא פרושים און תלמידי חכמים, וועלכע ער האט געשטיצט, וויא אויך דער זכות פון מאכלי כשר פיר דיא יודישע זעלנער און נאך אזעלכע צדקות קאנען מגין זיין פאר איהם, אויך דער געדאנק פון זיין תורה לשמה וואס ער האט געלערנט האט איהם בערוהיגט —

מיט דיא געדאנקען פלעגט זיך טרעסטען, פון דאן אן האט מען שוין ניט געהערט אין דיא ודוים – ותצילני מדינה של גיהנם, ד. ה. דוא זאלסט מיך רעטען פון דיא שטראפע דער העלע, זאנדערן נור דיא ווארטען: זאלסט מיר ניט צייגען דעם גיהנם.

י"ב אדר, אלס ער האט פון אלעמען אבשייד גענומען, האט ער צוטהיילט זיין ביסעל אייגענס, וועלכער איז בעשטאנען פון א גאנץ קליינער סומא, וייל ער האט פיעל צדקה צוטהיילט, — דיעזעס ביסעל אייגענס האט ער איבערגעלאזען זיין פרויא אונ זיין ענקעל, א יתומה אונ זיין זאהן האט ער נור דיא ספרים געלאזען, אין דיעזער חלוקה האט ער בעשטימט א געוויסע סומא פיר דער ווייבס כתובה. אין איינע שטונדען ארום האט איינער פון דיא הערבייששטעהענדע געזעהען וויא זיינע ליפען בעוועגען זיך, נור פון גרויס שוואכקייט איז דיא שטימע ניט הערבאר געוועזן, ער האט צוגעלעגט זיין אויער, האט ער קוים געהערט דיעזע ווערטער: „כתובה", שמעון בן שטח, „טלי כתובתיך וצאי, „כל נכסי אחראין". דעם צוהערער וואר דיעזעס וואונדערבאר, ער האט גערעכענט, דאס ער רעדט עס שוין אהן א זינן, ער האט דיעזע ווערטער גלייך איבערגעגעבען זיין זאהן הגאון שליט"א, וועלכער האט גלייך פערשטאנען דעם געדאנק אונ דעם מיין דערפון. ער האט עס אונז ערקלערט זא: ער האט צער וואס ער קאן ניט יוצא זיין דעם דין פון כתובה וויא געהעריג, דען ער האט איהר בעשטימט דיא כתובה אין מטלטלין, וועהרענד דיא תקנה פון ר' שמעון בן שטח איז, דאס ער זאל איהר שרייבען: „כל נכסי אחראין — מיינע אלע גיטער זיינען פערפליכטעט צוא צאהלען דיא כתובה, אום דאס ער זאל ניט זאגען: „טלי כתובתיך וצאי!„ ד. ה. נעהם זיך דיר דיין כתובה פון דיא ווירטשאפט — אונ געה זיך דיר! — אלזא קלערט דער פאטער מיטעלן וויא דאס צוא פערריכטען. — דאן זיינען אלע הערריין צוא איהם אונ האבען געהערט מפורש פון זיין היילינען מויל, דאס דיא געלד וואס ער האט בע-שטימט איז ניט לשם כתובה, דען איהר כתובה פון אנ'אלמנה — אכט אונ דרייסיג אונ א האלבען רובל — זיינען פערפליכטעט צוא צאהלען זיינע אלע נכסים, וויא אין דער גמרא „כתובות" שטעהט דיא תקנות פון ר' שמעון בן שטח; אונ שבת צוא נאכט, אלס דיא קאנוואולס האט איהם שרעקליך אנגעגריפען אונ דיא דאקטוירים האבען זיך שוין מיאש געוועזן פון איהם, האט ער דאן געהייסען זיין זאהן הגאון נ"י! ער זאל דער רב'צין אויסצאהלען דיא כתובה — אכט אונ דרייסיג רובל מיט 50 ק'.

מיטוואך ויקהל, י"ט אדר, האט ער זיין זאהן הגאון געשאנקען

זיינע שמורה מוחל, וועלכע ער האט אנגעגרייט פיר זיך, במתנת שכיב מרע — אלס מתנה פון א שטערבליכען, ער האט עס געטהאן איבער 2 אורזאכען: ערשטענס, דאס עס זאל זיין זיינע און ער זאל ניט בעדארפען קיין קנין מאכען, דען מיט געגזעלטע און געליהענע מצה איז מען אום פסח ניט יוצא, וויא עס געפינט זיך אין רמב"ם אין רא"ש און אין שלחן ערוך אורח חיים סמן תנ"ד און אין ט"ז, דורך וועלכע דער הגר"א האט געפסקט, דאס ביא וועמען עס איז פערפאלען געווארען איינע פון דיא 3 מצות מוז דער זעלבער דעם פינדער מוחל זיין איהר במחילה גמורה — צווייטענס, פיעלייכט וועט ער געזונד ווערדען — זאל דאס איהם צוריק געהערען וויא פריהער, אהן א קנין, וויא דער דין פון א מתנת שכיב מרע איז, דאס אב ער איז געזונד געווארען קאן ער חרטה האבען פון דער מתנה. — דאס גלייכען האט ער געבעטען ביא זיין זאהן, דאס דיא זעלנער וועלכע פלעגען ביא איהם עסען שבת און יו"ט, זאל ער ניט משנה זיין און האלטען זייא אויך ביא זיך שבת און יו"ט.

ביז זיין לעצטער מינוט שטענדיג לערנענדיג און טראכטענדיג אין תורה, תפלה, און תשובה און ודוי, האט ער אויך אכטונג געגעבען אויף דיא ריינליכקייט, דאס אויף זיין געלעגער און בעטצייג זאל זיך ניט געפינען קיין אונפלייט און שמוטץ, ביא יעדען קראמפף וויא נור עט פלעגט איהם לייכטער ווערדען, פלעגט ער גלייך וואשען דיא הענד און צוריק אנפאנגען צוא זאגען ודוי, מתפלל זיין און זיך בעראטהען אין דיא ענינים פון כלל ישראל און צרכי העיר וועהרענד פיר זיינע בעפרייענדעטע האט ער געהאט בעזונדערע דאגות, פיר וועלכע ער פלעגט זארגען וויא א מיטליידענדער פאטער,

כ' אדר, ד' ויקהל, וואר ער שוין שפראכלאז, ער האט שוין ניט געקאנט רעדען, אין דער פריה האט ער אבגעשפיעלט דעם ארבעל פון דער לינקער האנד — א בעוועיז, דאס ער וויל לייגען תפילין, מען האט עס איהם געטאהן. ער האט בעוועגט דיא ליפען, אבער זיינע ווערטער ווארען ניט הערבאר. נאכהער אלס ער האט אויסגעטהאן דיא תפילין של רש"י האט ער געגעבען נאך א צייכען, דאס ער וויל דיא תפילין פון רבנו תם לייגען. — דעם זעלבען טאג האט ער ווידער אנגעפאנגען צוא ריידין, ער האט געבעטען א גמרא קידושין און האט אויפגעזוכט דיא הלכות גוסס (דף ע"א ע"ב) וואו עס שטייט, דאס רוב גוססים למיתה, און האט אויך געבעטען איינקוקען אין דעם ספר מחנה אפרים — און אין קצות החשן סימן קמ"ד, וואו עס ווערט געבראכט אויך דער מחנה אפרים. — אלס דער סלאבאדקער רב הי"ו איהם געזאגט, דאס דיעזעס געפינט זיך

אין סימן רמ"ח, האט ער מיט א שמייכעל ערוויעדערט: אויף געוויס האב איך אויך געמיינט סימן רמ"ה דען אזא טעות קומט נור אויס-שפרעכענד הערוים. — אין דעם זעלבען אבענד האט ער דעם זאהו ערקלערט דעם גאנצען ענין גוסס, וואס דער קצות החשן רעדט דארטען וועגען רשב"ם פון (כ"ב דף קכ"ז) אונ ער האט אויך געבעטען איינקוקען אין יבמות קי"ג אונ אין גיטין כ"ח — וואס רש"י רעדט וועגען א גוסס. אלס איינער פון זיינע בעפריינדעטע, א כהן, איז צוא איהם הערייז, האט ער מיט פערוואונדערונג אויסגערופען: מאג דען יעצט אין מיין הויז א כהן זיין? — אין דער גאנצער צייט פון זיין קראנקהייט האט ער געטראגען א טלית-קטן, גראדע אין דעם זעלבען אונגליקליכען טאג האט מען איהם אנגעטאהן דעם טלית-קטן פערקעהרט, ער האט עס בעמערקט אונ האט בעפאהלען, איבער צוטאהן איהם וויא געהעריג איז.

אין דעם זעלבען טאג האט ער געבעטען דעם סלאבאדקער רב מזהיר צוא זיין אויף שמירת שבת אונ דיני מקוה ונדה, וויא אויך אויף דיא שטיטצונג פון לומדי תורה וואס ער האט זעהר אונטערגע-שטיטצט. דאס איז געוועזן זיין לעצטער טעסטאמענט (צואה אחרונה).

אין דיא לעצטע טעג פלעגט ער פיעל מאל זאגען זיינע קינדער פאלגענדעס: מיין וואונש אונ פערלאנג וואר, דאס מען זאל מיך ניט מספיד זיין; נור אלס איך האב זיך מישב געוועזן, דאס דיא ספדנים וועלען דאך מעורר זיין דעם עולם אום דיא אונטערשטיטצונג פון דיא לומדי תורה, אונ וועגען מאכל כשר פיר דיא זאלדאטען, אליא, אום דעם אליין איז בייא מיר רעכט, דאס מען זאל מיך מספיד זיין — פיעלייכט וועט עס בריינגען נוטצען, אין דערווירקליכקייט איז טאקי זא געוועזן; דען דער סלאבאדקער רב בעת ער האט איהם מספיד געוועזן, האט ער דערמאנט וועגען דיא אונטערשטיט-צונג פון דיא לומדי תורה, אונ וועגען נדה אונ מקואות, וויא עס האבען אויך דיא איבריגע ספדנים געטהון. — נאכהער, אלס ער האט שוין פערלארען דיא שפראכע אין דעם גאנצען טאג, וויא אויך דיא אויגען, האט ער דעם דבור צוריק בעקומען אונ האט מיט זיין הויז געזינד גערעדט נעטהיגע אונ וויכטיגע רייד, דארונטער, טראסט ווערטער, דיאיעניגע, וועלכע זיינען געשטאנען נאהענט פון זיין בעט האבען געהערט פון איהם תפלות, ודוים אונ פסוקים, וועלכע זיין היילינער מויל האט אויסגעדריקט אונ אין וועלכע זיין היילינער נשמה איז הערוים בטהרה. 4 אוהר נאך האלבע נאכט, דאנערשטאג וואס גע-הערט צוא פרייטאג פ' ויקהל כ"א אדר תרנ"ו. — ער איז געשטארבען א מיתת נשיקה — ער האט ניט אויסגעזעהן וויא געשטארבען, זאנדערן

(תולדת הרי"א)

וויא איינגעשלאפען אין נאטעס זיסעס דיענסט. א לעבענדיגער שמייכעל א שמייכעל פון א צדיק תמים, איז אויף זיין געזיכט געלעגען — דיא וואס האבען עס געזעהן, האבען ניט געגלויבט אז ער איז געשטארבען. —

מיט דער קבורה האט מען ניט געווארט אויף נאך שבת, וואס דאן וואלט דיא לויה זעהר גרויס געוועזן, ווייל מען האט מורא געהאט, דאס אבהאלטען דיא קבורה, וואלט זיין ניט לפי רצונו. ביא אלעם דעם, אבוואהל דיא ווייטע האבען נאך קיין נאכריכט געהאט פון זיין טויט, דענאך וואר דיא לויה אויך זעהר גרויס — אונגעהייער גרויס. גאנץ קאוונא, סלאבאדקא און אלעקסאט זיינען געוועזן צוא דער לויה, מיט פערביטערטע הערצער זיינען אלע דאן אויפגעשטאנען אום צוא וויסען וואס עס הערט זיך מיט רבנו, נור לייזער האט זיך שוין געהערט דיא שרעקליכע בשורה דאס רבנו איז געשטארבען. דער טאג איז געוועזן א וואלקענדיגער, א דונקעלער, א רעגענדיגער, דיא פיס האבען אין קוטה געזונקען, און דענאך זיינען אלע געוועזן צוא דער לויה — קינד און קייט, וויא נור מען האט דיא מטה דערזעהן האט דער עולם אויסגעבראכען אין א יאמער און א שוידערנעם געוויין, קיינער האט ניט געוואלט גלויבען, דאס דיעזער גרויסער וואהלטהעטער, וועלכער האט גוטעס געטהון מיט אלע ארמע און נאטהבעדירפטיגע, דיעזער מאן, וועלכער האט בע־לעבט דעם כלל ישראל, מיט זיין תורה; דיעזער מאנן וואס האט אלעס גוטעס געטאהן — זאל שטערבען! — דיא סצענע וויא דער גאנצער יודישער פובליקום האט געוויינט און בעגאסען זיך מיט טהרערען אויף זיין טויט, ערמאנט אונז דעם פסוק אין במדבר פ׳ כ״ט: ויראו כל העדה כי גוע אהרן — ויבכו את אהרן, ד. ה. אלס דיא גאנצע געמיינדע האט געזעהן אז אהרן איז געשטארבען, דא האבען איהם אלע בעוויינט, דען אנפאנגס האבען זייא ניט געוואלט גלויבען, דאס דיעזער ערהאבענער מאנן איז געשטארבען — דיעזער מאנן, וועלכער האט נור געזוכט דעם שלום, געליעבט דעם מענשען און איהם פערבינדליך מיט דער תורה געמאכט .... אמרו אפשר, מי שעמד נגד המלאך ועצר המגפה — ישלוט בו מלאך המות! והראו מלאכי השרת להם מוטל במטה — והאמינו, ד. ה. זייא האבען געדענקט: איז עס מעגליך — דער זעלבער, וועלכער האט געקעמפפט מיט דעם מלאך המות און אבגעהאלטען דעם פעסט, זאל איהם יעצט בעהערשען דער מלאך המות! דאן האבען דיא מלאכי השרת געוויזען זייא זיין בעט אין וועלכער ער איז דארט געלעגען — האבען זייא שוין געגלויבט, דאס גליכען איז געוועזן מיט רבנו, וועלכער

איז געוועזן איינער פון אהרנ'ס תלמידים — וועגן איהם האט מען אויך ניט געגלויבט ער זאל שטארבען — ביז זייא האבען געזעהן דיא מיטה געטראגען אין דיא הענד פון זיינע מלאכים, ד. ה. דיא פרושים וואס זיטצען אונ לערנען, לויט וויא ער האט געהייסען פאר'ן טאד, דאס נור דיעזע זאלען איהם טראגען אונ בעדיענען ביז דער קבורה — דאן האבען אלע געגלויבט אונ פערגאסען טייכען טהרערען. אלע וואַרען דאן בייא דער לויה, אויסער קראנקע אונ דיא, וועלכע האבען ניט געקאנט פערלאסען דיא הייזער, אום צוא מאכען שבת, זאגסט זיינען אלע געוועזן אויפ'ן בית עלמין, וועלכער איז ווייט 4 ווערסט פון שטאדט. דיא נאכפארשונג האט איבערציינט, דאס אין יענעם ביטערן טאג האט קיין שטערבליכער צופאל ניט געטראפען אין דיא 3 שטעדט, קאוונא מיט איהרע 2 פארשטעדט, אום עס זאל ניט געשטערט ווערדען דיא התעסקות אונ טרויער פון אונזער צדיק, דען אין דיא ווירקליכקייט איז דאס א גרויסער וואונדער דאס דעם גאנצען טאג זאל ניט האבען געשעהן קיין מקרה-מות אין אזא גרויסער שטאדט, וועלכע איז א מרובה באוכלוסין, זאלען לאנג לעבען! שרעקליך איז דאס געוועזן צוא זעהען, דאס אזא גרויסע, אונצאהלבארע פערזאמלונג, אלטע אונ יונגע, בעגלייטען זייער רבי, דער רבי פון אלע יודען, זאגענדיג מיט געוויין אונ יאמער דיא קאפיטלאך תהלים, פון זיין וואהנונג אן ביז דעם בית עלמין, וועלכער האט קוים געקאנט ענטהאלטען דעם גרויסען פובליקום, אונ ווען ניט דיא פאליציא וואס האט בעאבאכטעט אויפ'ן ארדנונג וואלטען פיעל מענשען צודריקט געווארען. — אין דיא הספדים האט דער מספיד ניט געדארפט מיט אליארעם אונ געשרייא מעורר זיין דעם עולם, דען דער עולם וואר גענוג געריהרט אונ פערביטערט, זא דאס מען וואר געצוואונגען, פערקעהרט, דעם עולם איינצושטילען אונ איהם צוא דערמאנען וועגען דעם וואונש פון רבנו, דאס מען זאל אכטען זיינע פערלאנגען וועגען דיא לומדי תורה, אונ מאכל בשר, אונ נאך אונ נאך, דען נור צוא ליעב דעם האט רבנו ערלויבט, איהם מספיד צוא זיין.

אלס דער בעריהמטער יודישער פילאנטראפ, משה מאנטעפיארי איז געשטארבען, ט"ז מנחם אב שנת תרמ"ה, וואר א גרויסע איבערלייגונג בייא אלעמען, וואס פאר אנ'אנדענקען צוא מאכען דיעזען מאנן למזכרת עולם, דאן האט רבנו ערפונדען א גייסטליכען ערפינדונג, דאס מען זאל נאך איהם דעם גאנצען יאהר צום ענדע אלע תפילות, דעם קאפיטל תהלים צ"א יושב בסתר זאגען, אונ איינער, ניט קיין אבל, זאל זאגען קדיש לעלוי נשמתו, דיעזע

תקנה דאט ער איינגעפיהרט אין אונזער קאוונא, אונ אין אלע שולען האט מען אבגעהיט א גאנץ יאהר. — דיעזע תקנה האט ער אויך געוואונשען פיר זיך, וועהרענד צום קאפיטל צ"א האט ער מוסיף געווען אויך דעם קאפיטל מ"ט, אונ א ירא שמים זאל זאגען קדיש אונ אלע האבען זיך פערפליכטעט דארויף, נאך יעדער תפלה אונ קדיש יתום האט מען אנגעפאנגען מיט דעם קאפיטל מ"ט אונ געענדיגט מיט צ"א — „יושב בסתר עליון בצל שדי יתלונן".

כד.

זיין צואה.

בע"ה יום א' ט' מרחשון התרמ"ט, קאוונא.

אן דער ווערטהעסטער הייליגער געמיינדע פון היער זאלען לעבען!

זא וויא קיין מענש ווייס ניט זיין סוף אונ צוקונפט, וועהרענד דארויף בעטעט יעדער פרומער מאן, לויט וויא אונזערע תלמודיסטען זאגען אין „ברכות": והחי יתן אל לבו ממה שהיה וממה שיהיה אחריו", ד. ה. דער לעבענדיגער מענש זאל בעטראכטען דיא פערגאנגענהייט אונ דעם צוקונפט, ובפרט נאך אין א גרויסען אלטער זייענדיג, איז דער פפליכט פון יעדען, צו בעפעהלען זיינע קינדער, פריינד אונ אלע איהם אנגעהאריגע, צו היטען דיא הייליגע תורה, זא וויא עס שטעהט אין בראשית י"ח: „כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו"*), ד. ה. דען איך האב איהם ליעב, ער זאל אנזאגען זיינע קינדער אונ זיין גאנצע הויז געזינד.

אלזא

---

*) אין א דרשה שבת „שובה" האט ער געזאגט א טעם, פאר וואס מיר זאגען: „אבינו מלכנו מחה והעבר פשעינו", נאכהער זאגט מען: „אבינו מלכנו מחוק כל שטרי חובותינו" — ווען מען מעקט אוים דיא זינד איז דאך שוין ממילא קיין שטרי חובות ניטא? — האט ער געזאגט דארויף דיא גמרא „שבת": „כל מי שאפשר למחות", ד. ה. ווער עס איז אים שטאנדע צוא פערווערען אן זיינע אנשי ביתו אונ ער ווערט ניט, ליידעט ער פיר זייא, אונ ווער עס קאן מוחה זיין באנשי עירו אונ טהוט עס ניט, איז ער נתפש אויף אנשי עירו, דאס איז וייל „ישראל ערבין זה בזה" — יעדערער גיט א שטר ערבות פארן צווייטען, דאהער זאגען מיר פריהער: מחה פשעינו, וואס מיר האבען אליין געטהון, אונ דאן מחוק שטרי חובתינו, דאס מיר האבען ערב געווען.

(תולדת הרי"א)

אלזא ווייל איך ליעב פאטערליך מיין געמיינדע אין וועלכער איך וואר רב 26 יאהר, האב איך געפונען פיר נאטהיג דיעזע צוואה איבער צו לאזען.

א) פון טיעפען הערצען דאנקע איך דער גאנצער געמיינדע, אלע פערשיעדענע קלאסען, פיר דיא אל דעם גוטעס וואס זייא האבען מיט מיר געטהאן, אונ וואס דורך זייא האב איך זוכה געווען הערויסצו־געבען רבי תורתי אין דער וועלט, דורך וועלכער איך בין געוועזן לכבוד בייא איך. השי"ת זאל איך דאפיר מיט גוטעס צאהלען.

ב) איך בעט פון מיין געמיינדע צו פערשטארקען דיא תורה אונ צו היטען איהרע מצות, מעהר פון אלעם איז־שמירת שבת כהלכתו אונ היטען ניט מחלל שבת זיין*) דאס איז ידוע, אז שבת אונ תורה־לערנען זיינען שקול געגען דער גאנצער תורה. מען דארף מחנך זיין דיא קינדער, אין דרכי התורה אונ חלילה ניט אבבייסען זייא פון־משנה אונ גמרא, וועלכע זיינען דיא יסודות פון אונזער תורה הקדושה אונ וועלכע בעלעבען אונזער גייסט. נאכמעהר אין דיעזע צייטען איז אויף אלעמען דער פליכט, זיך אבצורייסען פון זיינע אינטערעסען אונ צו אפפערן אביסעל צייט אויפין לערנען, אונ בזכות זה וועט השי"ת אויף אונז רחמנות האבען. אויך איז א שולד אויף דיא עלטערן, צו אונטער־ריכטען דיא קינדער אין מידות אונ מוסר, זייא זאלען זיין יראי אלהים ומלך, ד. ה., גאטעס אונ קעניגס פורכטיגע, צו היטען גאטעס געבאט מיט דיא קעניגליכע בעפעהלע, וויא דער תלמוד זאגט: הוי מתפלל בשלומה של מלכות״.

ג) איך בעט איך צו היטען דעם שלום בייא איך, וויא עס שטעהט: „בקש שלום ורדפהו״ ד. ה. זוכע דעם פריעדען אונ יאג זיך נאך אים,

לויט

---

*) ער פלעגט שטענדיג זאגען: דער מענש דארף אימער פארווערטס גיין בדרכי ד׳ אונ זיך משתלם זיין אלם מעהר אונ מעהר, ביז ער ווירד פאלקאם. דאמיט איז ער העכער פאר דיא טהיערע, דען זייא, וויא זייא ווערען געבארען זא פערבלייבען זייא. דהיינו — א נייגעבארענעם אקסיל רופט מען שוין אקס — „שור בן יומו קרוי שור״, דאגעגען אבער דער מענש ווערט געבארען, ווילד אהנע ענטוויקלונג אונ זיטען, אלזא איז זיין פפליכט, זיך צוא ענטוויקלען מיום עמדו על דעתו, אין תורה, מוסר, דרך ארץ אונ נימוס ביז ער ווערט פאלקאם, ער מוז אויך אכטונג געבען אויף זיינע קינדער, זייא מדריך צוא זיין בדרך הישר, צוא היטען שבת ולקדשו, וויא עס שטעהט: „ושמרו בני ישראל — זייא זעלבסט זאלען היטען דעם שבת, אונ נאך „לעשות את השבת לדורותם״, צוא לעהרען דיא קינדער צוא היטען שבת, — דאן והיו לברית עולם — צוא אייביגען פערבינדונג אן השי"ת.

(תולדת הרי"א)

לויט וויא עס איז אייך בעוואוסט וויא ווייט איך האב זיך משתדל געוועזען מיט אלע קראפטען צו פערהאלטען בייא אונז דעם שלום, זא דאס איך האב מאנכע מאל אבגעטראטען פון מיין רצון אונ איבערגעלאסען פון דאס מיינינע—אלעס מפני דרכי שלום, אבוואהל איך האב דאמיט אויף זיך ארויף געצויגען א חשד אונ פערדאכט, דאך האב איך אויף דאס אלעס ניט געקוקט, דען דיא טהייערע מאמרי חז"ל, וועלכע לויבען דעם שלום, האבען מיך דאצו געבראכט. השי"ת וואס השלום שלו זאל דאפיר אייך זעגנען מיט זיין ברכה אונ שלום!

ד) איהר ווייסט דאך מיין בעמיהען זיך אונ שטרעבען להגדיל תורה ולהאדירה, צו פערמעהרען לומדי תורה אין דיעזע ענגע צייטען, זא דאס איהר האט זוכה געוועזען צו דער אכסניא של תורה—אלזא בעט איך אייך, מחזיק צו זיין דיא לומדי תורה וויא איך האב געטהון, אבוואהל איך בין געוועזען שוואך אונ אלט. דערפאר וויזד אייך דער זכות התורה פון פיעלע לערנער בייזשטעהען אויף עוויג, אמן!

ה) וויא פיעל מיה האב איך געהאט וועגען דיא מאכלי כשר פיר אונזערע ברידער, וועלכע דיענען אין מיליטאר—אלזא בעט איך אייך צו טהון אונ צו ארבייטען אין דיעזער גרויסער מצוה. איהר זאלט איהר מחזיק זיין אונ אונטערשטיטצען, דאפיר וועל איך זיין פיר אייך א מליץ טוב „בעלמא דקשוט" ד. ה. אין דער אמת'ער וועלט. אונ אויף אייך וועט זיין דער פסוק: „יאכלו ענוים וישבעו ויחי לבבכם לעד"—דיא פרומע ווערדען עסען אונ זאט זיין, וועהרענד אייער הערץ וועט לעבען עוויג.

אלעמען איז בעוואוסט מיינע מיהע אונ אנשטרענגונגען אין דיעזע מצות אונ השי"ת האט מיר געהאלפען דארין. השי"ת זאל צוזעהען מיינע מיהע אונ אנגסטען וואס איך האב געהאט דערבייא אונ זאל געבען, דאס מיין וואונש זאל אנגענומען ווערדען בייא אייך. השי"ת וועט אייך העלפען דארין אונ דאס וועט אייך זיין לזכות רב, וויא אויך לעלוי נשמתי.

ו) עפ"י דין התורה הקדושה איז מיין זאהן הרב הגאון, וועלכער איז אויסגעצייכענט אין אלע מעלות אונ מדות, מהור"ר צבי הירש, זוכה אין דיא רבנות, ד. ה., ער דארף בעטרעטען מיין שטעלע, לויט וויא דער דין זאגט אין פיעלע צעהנדליגע ערטער, אין ש"ס אונ פוסקים אונ אין „ספרי" פ' שופטים אונ אין באור הגר"א ס"ק ל"א, אונ וויא עס איז ערקלארט אין „כתובות" דף ק"ג, אונ אין „תשובת רמ"א"; אלזא קאן ער פערנעהמען מיין שטעלע, צו וועלכער ער איז אויך ראוי, לויט זיין גרויסקייט אין תורה אונ מעשים טובים. איך גלויב, דאס איך וועל ניט דארפען בעטען בייא אייך אייער הסכמה דאצו, וויא באלד אז ער איז אין דעם זוכה על פי דין, לויט וויא עס איז אנגענומען בייא דער

גאנצער

גאנצער וועלט יודען. נור דאס בעט איך אייך, אזוי וויא מיין זאהן יחי' איז א רך הלב, ווייך הערציג, גוט מיטהיג אונ א נקי הדעת, אלזא זאל מען איהם חלילה ניט אבבייסען פון זיינע שבירות, לויט וויא מען האט מיר געגעבען, אויך זאל מען איהם מוסיף זיין לויט דיא התרבות פון זיינע אויסגאבען. איך בעט אייך אויך, איהם ניט צו פיעל צו בעלעסטיגען, אויך זאלט איהר איהם ניט ארגערען אונ ערעגען, וואס עס קאן איהם פיעל שאדען אין דיא געזונדהייט.

אלס איך האלט דערבייא מוז איך אייך דערמאנען, דאס אין דער צייט פון מיינע רבנות דא, איז מיר פארגעקומען פיעלע אינטערעסען וועלכע האבען פערביטערט אונ פערטרויערט מיין זעעלע, זא, דאס ווען ניט מיין געדולד אונ סבלנות מיט וועלכער השי"ת האט מיך געזעגנעט וואלט איך לאנג איבער דעם ניט געקאנט זיין בייא אייך, אונ דיא גאנצע געמיינדע האט דאפאן געקאנט פיעל ליידען, דען דיא פיעלע מחלוקות אונ קריעג וואלטען איהר צערשטארט, וועהרענד נור אויף מיר וואהרען הערויף געווארפען דיא אלע שולדען אונ אונצופריעדענהייט, וועלכע איך האב פערשלונגען שטילערהייט אונ שווייגענדיג, אבוואהל זייא האבען מיר פיעל געזונד געקאסט, נור פארין שלום האב איך דאס אלעס געטהאן. אלזא פערצייהע איך אלעמען אונ בין מוחל במחילה גמורה וסליחה, דיא יעניגען, וועלכע האבען מיר ערעגט אונ ערצארנט מיט רייד אונ טהאט, נאך מעהר, איך זעגנע זייא אויך בכלל אונזער, געמיינדע פון טיעפען הערצען, אונ איך בעט זייא, אזוי וויא איך בין מוחל דיא אלע, אונ בין מותר אויף מיין כבוד אונ עהרע, אונ אויף דיא יסורים אונ ליידען וואס איך האב געהאט דורך זייערע אינטערעסען — אזוי זאלען זייא אויך זיך אויפפיהרען מיט מיין זאהן במדת החסד והרחמים, אונ זאלען מבטל זיין זייער ווילען געגען זיין ווילען, פיר זיין תורה אונ פרומקייט, דאן וועט דיעזער שלום זיין פיר אייך א כלי מחזיק ברכה, אונ צור פראכט אונ גלאנץ פיר אייך. — דאס גלייכען בעט איך אויך פון אלעמען, פיעלייכט האב איך יעמאנד בעריהרט אין וואס עס איז, הן אין געלד זאכען, אונ הן אין אנדערע ענינים, דאס זייא זאלען מיר מוחל זיין במחילה גמורה.

ז) איך ענדיגע מיינע לעצטע ווארטען מיט געבעט אונ זעגען פיר דער גאנצער הייליגער געמיינדע וואס איך האב בייא זייא געדיענט אלס רב פיעלע יאהרען. געבענשט זאלט איהר זיין פון השי"ת, ער זאל אייך היטען פון אלע אונגליקען אונ אונפאלע, פון קריעג אונ צאנק, פון טרויער אונ בעטריבונג, ער זאל אייך בעגליקען מיט דאס בעסטע אין דער וועלט, מיט גליק אונ זעגען, מיט פריעדליכען לעבען אונ עושר

וְכָבוֹד, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּנ אַהֲבַת הַתּוֹרָה, אוּנ עֶר זָאל אַייך מְמַלֵא זַיין אַייֶערֶע אַלֶע ווינְשׁוּנְגֶען לְטוֹבָה. אָמֵן.

פוּן מִיר אַייֶער בֶּעסְטֶער אוּנ עֶרְגֶעבֶּענְסְטֶער פְרַיינְד, וֶועלְכֶער שְׁרַייבְּט מִיט טְרֶעהרֶען אוּנ האָפְט, דָאס אִיהר וֶועט מְקַיֵים זַיין אַלֶע מַיינֶע וויכְטִיגֶע רֵייד וֶועלְכֶע אויבֶּען שְׁטֵייט, עֶס זָאל אַייך דָאס זַיין לִזְכוּת אוּנ אִיהר זָאלְט גֶעבֶּענְשְׁט וֶוערְדֶען מִיט אַ בְּרָכָה כְּפוּלָה וּמְכוּפֶּלֶת, אָמֵן וְאָמֵן. וּבָאתִי עַה״ח

יצחק אלחנן בהרב הצדיק מוהר״ר ישראל איסר זצ״ל, החופ״ק קאוונא.